STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06618

GEVEZENE MENTSHN

Maksim Gorky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַקסים גאָרקי

געוועזענע מענטשן

ייִדיש: ש. זאַקס

פאַרלאַג ש. גאָלדפאַרב
וואַרשע 1929.

MAKSYM GORKIJ
GEWEZENE MENSZEN
Wydawnictwo SZ. GOLDFARB
Warszawa, Dzika 31.
Druk „REKORD Dzika 18.

געוועזענע מענטשן

י ווייזשע גאַס — דאָס זענען צוויי רייען איינשטאָקיקע כאַלופּקעס, איינע צוגעטוליעט איינע צו דער אַנדערע, אַלטע מיט קרומע ווענט און אויסגעקרומטע פענצטער; די לעכערדיקע דעכער פון די דאָזיקע מענטשליכע וווינונגען, וועלכע די צייט האָט אַזוי פאַרקריפּלט, זענען אין פיל ערטער באַדעקט מיט לאַטעס פון גלאַטער קאָרע און באַוואַקסן מיט מאָך; איבער זיי טאָרטשען ערגיץ ווו הויכע סלופּעס מיט פייגל־שלאַקן ס׳באַשאָטנט זיי אַ שטויביקע גרינס פון בוזינע און קרומע ווערבעס־די אָרימע פלאָרע פון די פאָרשטעדט, ווי ס׳וווינען די אָרימע לייט.

די פענצטער־שויבן וואָס זענען פון עלטער געוואָרן מעננע־גרין, קוקן אין די דאָזיקע כאַלופּקעס איינע אויף דער אַנדערער מיט בליקן פון פחדנישע שווינדלער.

אין מיטן דער גאַס שלענגלט זיך באַרג אַרויף אַ לאַנגע שטעזשקעלע, אָפּווייכנדיק אַהער און אַהין צווישן טיפע גריבער וואָס רעגנס האָבן דורכגעוואַשן. ערטערווייז ליגן קופּעס שרויט און פאַרשידענע מיסטן, באַוואַקסן מיט ווילדן גראָז, — דאָס זענען די רעשטן אָדער התחלות פון יענע געביידעס, וועלכע די איינוווינער האָבן אָן שום ערפאָלג זיך אונטערגענומען צו בויען, כדי צו קעמפן מיט די שטראָמען רעגן־וואַסער, וואָס פלעגן האַסטיק אַראָפּשטראָמען פון דער שטאָדט. אויבן, אויפן באַרג, אין פרעכטיקן גרינס פון געדיכטע גערטנער, באַהאַלטן זיך שענע געמויערטע הייזער, די גלאָקן־טורעמס פון די צער־

קוועס הויבן זיך שטאָלץ אויף און בלויען הימל אַריין. זייערע
גאָלדענע צלמים בלאַנקען בלענדענדיק אויף דער זון.

בעת עס גיסן רעגנס לאָזט די שטאָדט אַראָפּ אויף וויע-
זשע גאַס איר שמוץ, בעת אַ טריקעניש באַשיט זי די גאַס
מיט שטויב, — און די דאָזיקע אַלע פאַרקריפּלטע הייזעלעך
זעען אייך אויס ווי מ׳וואָלט זיי אַראָפּגעוואָרפן אַהער פון אויבן
פון דער שטאָדט ווי עמיצענס — מעכטיקע האַנט וואָלט זיי פון
דאָרט אַראָפּגעקערט אַהער, ווי מיסט.

צוגעקוועטשט צו דער ערד האָבן אָט די הייזעלעך באַ-
זייט מיט זיך דעם גאַנצן באַרג, האַלב פוילע שוואַכע און באַ-
פאַרבט פון דער זון, שטויב און רעגן אין יענעם גראָליך-
שמוציקן קאָליר וועלכן איז שווער צו באַשטימען, וואָס, אייגנ-
טלעך, פאַר אַ קאָליר דאָס איז און וועלכן אַ בוים באַקומט אויף
דער עלטער.

אויפן עק פון דער דאָזיקער אָרימער גאַס, וואָס איז
אַרויסגעוואָרפן געוואָרפן פון דער שטאָדט אַראָפּ אונטערן באַרג,
איז געשטאַנען אַ לאַנג צוויי שטאָקיקס „יורשים-לאָז” הויז וועל-
כעס דער סוחר פּיעטוניקאָוו האָט אָפּגעקויפט ביי דער שטאָדט.
דאָס דאָזיקע הויז איז געווען דאָס לעצטע אויף דער גאַס און
איז געשטאַנען שוין אונטערן באַרג. ווייטער פון אים האָט זיך
ברייט פונאַנדערגעוויקלט דאָס פעלד, אָפּגעשניטן אויף אַ האַלבן
וויאָרסט פונם הויז, דורך אַ שאַרפן ערד-אָפּרייס צום טייך.

דאָס גרויס און זייער אַלט הויז האָט געהאַט דאָס טרוי-
עריקס אויסזען צווישן זיינע שכנים, די אַנדערע הייזער. גע-
ווען איז עס איינגאַנצן איינגעקרומט, אין זיינע צוויי רייען
פענצטער איז נישט געווען קיין איין פענצטער, וואָס זאָל האָבן
פאַרהאַלטן זיין ריכטיקע פאָרם און די גלאָז-שפּליטערן פון
די צובראָכענע שויבן אין די צובראָכענע ראַמען האָבן געהאַט
אַ גרונטלעך — טריבן קאָליר פון אַ זומפּ-וואַסער.

די ווענט צווישן די פענצטער זענען געווען באַדעקט
מיט שפּאַלטן און מיט טונקעלע פלוגן פון אַראָפּגעפאַלענע
שטוקאַטור — פונקט ווי די צייט האָט אויף די ווענט פונם

הויז מיט די דאָזיקע הערהאַגלינען אָנגעשריבן איינגעבויגן זיין ביאָ־גראַפיע. דער דאַך, וואָס איז געווען צו דער גאַס, האָט נאָך מען פאַרגרעסערט זיין קלאָגלעך אויסזען—ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס הויז האָט זיך איינגעבויגן צו דער ערד און וואַרט הכנעדיק פון גורל דעם לעצטן קלאַפּ, וועלכער וועט פון אים מאַכן אַ באַרג אַש און פאַרוואַנדלען אין אַ קופּע פון האַלב פאַרפוילטע בראַך־שטיקער.

דאָס טויער פון הויז איז געווען אָפן, — איין העלפט פון טויער, דאָס טויער, וואָס איז געווען אָפּגעריסן פון די פעטליעס, איז געלעגן אויף ד'ערד און אין די שפּאַרינעס צווישן זיינע ברעטער איז דורכגעוואַקסן גראָז, וואָס האָט געדיכט באַדעקט דעם גרויסן און פוסטן הויף פונם הויז.

אין דער טיף פון הויז איז געשטאַנען אַ נידעריקער פאַרוויכערטער בינען מיט אַן אייזערנעם דאַך אויף אַראָפּלאָז. דאָס הויז גופא איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, געווען נישט באַוווינט, נאָר אינם דאָזיקן בנין, וואָס איז פריער געווען אַ קוזניע, האָט זיך איצט געפונען אַ „מלינה" און די „מלינה" האָט געהאַלטן דער דעמיסיאָנירטער ראָטמיסטער אַריסטיד פּאַמיטש קוואַלדאַ.

אינעווייניק איז די מלינה געווען אַ לאַנגע און כמורנע נאָרע, צען מעטער די לאַנג און פיר די ברייט, זי איז באַלויכטן געוואָרן דורך פיר קליינע פענצטער פון אַ קוואַדראַטן־פאָרם און דורך אַ ברייטער טיר. אירע נישט שטוקאַטורטע ציגל־ווענט זענען געווען שוואַרץ פון קאָפּאָטש, דער סופיט איז אויך געווען פאַרקאָפּטשעט ביז שוואַרצקייט; אין מיטן דער מליגה האָט זיך געפונען אַ זייער גרויסער אויווען און אַרום דעם אויוון און די ווענט, הארט צוגערוקט צו זיי זענען געווען אויסגעשטעלט ברייטע נאַרעס מיט קופּעס פאַרשידענע שטובזאַכן, וואָס האָבן פאַר די וואָס האָבן דאָ גענעכטיקט, געדינט אַלס בעט געוואַנט. פון די ווענט האָט געשמעקט מיט רויך, פון דער ערדיקער פּאָדלאָגע — מיט פייכקייט, פון די נאַרעס — מיט שווייסיקע און פוילענדיקע שמאַטעס.

דער „לאָקאַל" פונם בעל הבית קוואַלדא איז געווען

אויפֿן אויוון. די נאָרעס אַרום דעם אויוון זענען געווען ערן־ערטער און אויף זיי פֿלעגן זיך איינאָרדנען די „געסט", מיט וועלכע דער בעל־הבית איז געווען אין פֿריינדלעכע באַציונגען און פֿון וועלכע ער האָט שטאַרק געהאַלטן.

דעם גאַנצן טאָג פֿלעגט דער ראָטמיסטער שטענדיק פֿאַרברענגען בײַ דער טיר פֿון דער מלינה זיצנדיק אויף אַ מאָדנעם מין שטול, וועלכן ער האָט אַליין געמאַכט פֿון ציגל, אָדער אין יעגאר וואַווילאָווס „רעסטאָראַציע", וואָס האָט זיך געפֿונען אַנטקעגן, אַ ביסל אָן אַ זייט, פֿון פּעטונקאָווס הויז; דאָרט פֿלעגט דער ראָטמיסטער עסן מיטאָג און טרינקען בראָנפֿן.

פֿאַר דעם, איידער אַריסטיד קוואַלדאַ האָט געדונגען די דאָזיקע דירה, האָט ער געהאַט אין שטאָט אַ ביוראָ צו רעקאָמענדירן דינער און דינסטן; אויפֿהויבנדיק זיך העכער און קוואַלדאס פֿאַרגאַנגענהייט, וואָלט מען זיך געקאָנט דער וויסן, אַז ער האָט אַמאָל געהאַט אַ דרוקערײַ און נאָך איידער ער האָט געהאַט די דרוקערײַ, האָט ער לויט ווי ער פֿלעגט זיך אויסדרוקן — „פּשוט געלעבט אַ גוטן טאָג! און גוט געלעבט, דער רוח זאָל עס נעמען. געוווסט, קען איך זאָגן, ווי אַזוי צו לעבן!"

דאָס איז געווען אַ ברייטפּלייציקער, הויכער מענטש פֿון אַ יאָר פֿופֿציק, מיט אַ געשטופּלט פּנים, אָנגעשוואָלן פֿון שכּרות, און מיט אַ געל־שמוציגער באָרד. אויגן האָט ער געהאַט גראָע, זייער גרויסע, חוצפּדיק־פֿריילעכע; גערעדט האָט ער מיט אַ באַס־שטימע מיט אַ ברומערײַ אין האַלדז, און כּמעט שטענדיק האָט בײַ אים אין די ציין געטאָרטשעט אַ דײַטשע פֿאָרצעלײַנעפּײַקע מיט אַן אויסגעבויגענעם טשובוק. ווען ער פֿלעגט ווערן אין כּעס און זײַן ברוגז, פֿלעגן די נאָזלעכער פֿון זײַן גרויסער הויקערדיקער און העל־רויטע נאָז ברייט זיך פֿונאַנדערבלאָזן און די ליפּן פֿלעגן דאַן אויפֿציטערן, מאַכנדיק נאַקעט צוויי רייען גרויסע געלע ציין, ווי בײַ אַ וואָלף.

אַ לאַנגהענטיקער, קרומפֿיסיקער, שטענדיק אָנגעטאָן אין אַ שמוציקן און צעריסענעם אָפֿיצירישן מאַנטל, איז אַ פֿאַרפּעצ-

טע היטל מיט אַ רויטן ראַנד אַרום, אָבער אָן אַ דאַשעק און אין דאַרע וואַלעבקעס, וואָס זענען אים דערגאַנגען ביז די קני, — פלעגט ער אין דער פרי שטענדיק זיין אין אַ שווערן צושטאַנד פון שכּרות און אין אָוונט — פריילעך, בגילופן. אָנשיכּורן זיך איינגאַנצן פלעגט ער נישט קענען, וויפיל ער זאָל אין זיך נישט אַריינגיסן, און פלעגט תּמיד זיין אין אַ גוטן הומאָר, כּמעט קיין מאָל נישט אַריינגעפאַלן און אין אַ צושטאַנד פון מרה־שחורה.

זיצנדיק אין די אָוונט־שעהן אויף זיין שטול פון ציגל מיט אַ פּייקע צווישן די ציין, פלעגט ער אָננעמען לאָקאַטאָרן.

וואָס ביזטו פאַר אַ מענטש? — פלעגט ער פרעגן דעם מ...שוין, וואָס פלעגט צו אים צוגיין אַ אָפּגעריסענער, אָפּגע־שליסענער און דערשלאָגענער, וועלכן די שטאָדט האָט אַהער אַראָפּגעוואָרפן פאַר שכּרות, אָדער וועלכער פלעגט אַהער זיך אַראָפּלאָזן צוליב אַן אַנדער סבה, נישט ווייניקער וויכטיקער, ווי שכּרות.

דער מענטש פלעגט ענטפערן:

— שטעל צו אויף צו באַשטעטיקן דיין ליגן אַ קאַזיאָנע פאַפיר.

דאָס פאַפיר איז צוגעשטעלט געוואָרן, אויב אַזעלכעס איז נאָר געווען. דער ראָטמיסטער האָט דאָס פאַפיר געדרוקט אין בוזעם־טאַש, זעלטן אינטערעסירנדיק זיך, וואָס אין פאַפיר שטייט געשריבן, און געזאָגט:

— אַלץ אין אָרדנונג. פאַר אַ נאַכט איבערנעכטיקן — צוויי קאָפּיקעס, פאַר אַ וואָך אַ צוואַנציקער (צען קאָפּיקעס). גיי און פאַרנעם פאַר זיך אַן אָרט, נאָר זע, צו פאַרנעמען נישט קיין פרעמד אָרט, ווען נישט, וועט מען דיר אויסברעכן די ביינער. ביי מיר, פאַרשטייסטו מיר, וווינען שטרענגע מענטשן...

די געסט, וואָס נאָך קיין מאָל נישט גענעכטיקט און קו־וואַלדאַס „אכסניה", פלעגן קוואַלדאַן ביים אָנדינגען זיך ביי אים, פרעגן:

— און מיט טיי, ברויט, אָדער וואָס'אַראַ נישט איז עסנ־וואַרג האַנדעלט איר נישט?

— איך האַנדל נאָר מיט אַ וואַנט און אַ דאַך, און פאַר זיעם צאָל איך אַליין דעם שווינדלער דעם בעל-הבית פונם דאַזיקן לאָך, דעם סוחר פון דער צווייטער גילדיע, יודא פיעטוניקאָוו, — פינף רובל אַ חודש, — האָט קוואַלדאַ ערקלערט מיט אַ זאַכלעכן טאָן ! — צו מיר קומען מענטשן, וואָס זענען נישט געווינט צו לוקסוס... און אויב דו ביזט געווינט יעדן טאָג צו פרעסן — האָסטו דאָ, אַקעגן-איבער אַ רעסטאָראַן. נאָר בעסער וואָלט געווען, ווען דו, דו שטיק אָפּפאַל איינער, וואָלסט זיך אָפּגעוווינט פון דער דאָזיקער שלעכטער געוווינהייט. דו ביזט דאָך נישט קיין פּריץ, טאָ צוואָס דאַרפסטו עסן ? עס זיך גופא!

פאַר אַזעלכע דיבורים און ענלעכע צו די, וועלכע קוואַלדאַ פלעגט שטענדיק האַלטן מיט אַ שררענג געמאַכטן טאָן און לאַכעדיקע אויגן, ווי אויך פאַר זיין אויפמערקזאַמקייט צו זיינע געסט, איז דער ראָטמיסטער געווען שטאַרק פּאָפּולער צווישן דער שטאָדטישע קבצנים און אָרימע לייט. אָפטמאָל פלעגט זיך טרעפן, אַז אַ געוועזענער קליענט זיינער פלעגט קומען צו אים אין הויז, שוין נישט קיין אָפּגעריסענער און נישט דערשלאָגענער, נאָר אָנגעטאָן מער אָדער ווייניקער אָנשטענדיק און מיט מונטערן פּנים.

— גוט מאָרגן, אייער בלאַגאָראָדיע, וואָס מאַכט איר עפּעס ?

— גוט מאָרגן. כ'לעב. רעד ווייטער.

— איר האָט מיך נישט דערקענט ?

— נישט דערקענט.

כ'האָב ביי אייך, איר געדענקט, — געוווינט ווינטער לערך אַ חודש צייט... דאַן איז פאָרגעקומען די אָבלאַווע און דריי פאַרשוין האָט מען פאַרהאַלטן ?

— יאָ ברודערקע, אין מיין שטוב, ווו ס'ווערט אַזוי אָפּגעהיט די מצוה פון הכנסות אורחים, קוקט די פּאָליציי אָפטמאָל אַריין און האָט ליב צו וויסן, וואָס דאָרט טוט זיך.

— אָ, גאָטעניו ! כ'געדענק. איר, האָט נאָך דעמאָלט דעם פּריסטאַוו געוויזן אַ פייג !

— וואָרט. טו אַ שפּיי אויף דיינע זכרונות. צוואָס דער־מאָנען די פאַרגאַנגענהייט. זאָג, וואָס ווילסטו אַצינד?

— ווילט איר אפשר איך זאָל אייך עפּעס מכבד זיין. מיט אַ כּוסהלע און צוביַיסן? דאַמאָלט, בעת כ׳האָב ביי אייך געוווינט, פלעגט איר מיך, הייסט עס...

— דאַנקבאַרקייט, מיין פריינט, איז אַ מידה, צו וועלכע מ׳דאַרף אינטערגעבן חשק, ווייל דאַנקבאַרקייט איז זעלטן צו באַגעגענען צווישן מענטשן. דו זעסט אויס צו זיין אַ ווילער יינג, און כאָטש כ׳קען זיך נישט דערמאָנען, ווען דו ביזט געווען מיין אורח און קען דיך נישט, וועל איך פונדעסטוועגן גיין מיט פאַרגעניגן און וועל זיך אָנטרינקען מיט נחת ווינטשנדיק דיר ערפאָלג אין לעבן.

— און איר זענט נאָך דערזעלבער, ווי פריער... איר האָט נאָך אַלץ ליב זיך צו ווערטלען און שפּאַסן?

— וואָס זשע נאָך קען מען טאָן, לעבנדיק צווישן אייך, שלימזלניקעס?

זיי זענען ביידע אַוועק אין שענק אַריין.

ס׳פלעגט זיך טרעפן, אַז דעם ראַטמיסטערס אַ געוועזענער קליענט פלעגט זיך צוריקקערן אין זיין מלינה, אינגאַנצן אַ צעטרייסלטער און צעשרויפטער פון די כּוסות, וואָס ער האָט אין זיך אַריינגעגאָסן צוזאַמען מיטן ראַטמיסטער אין שענק; צומאָרגנס פלעגן זיי ביידע ווידער אַוועקגיין אין שענק אַריין און דאָרט שיכּורן און דאָרט פלעגט זיך ענדיקן דערמיט, וואָס אין אַ שיינעם פרימאָרגן פלעגט זיך דער געוועזענער גאַסט אויפכאַפּן מיט אַ באַוווסטזיין, אַז שיכּורנדיק אַזוי פיל, איז ער נאָך אַמאָל געבליבן אָן איין פּרוטה ביי דער נשמה.

— וואָשע בלאַגאָראָדיע! — פלעגט דאַמאָלט אַזאַ פאַרשוין זיך ווענדן צום ראַטמיסטער — וואָס זאָגט איר אויף דעם? כ׳בין ווידער אַריינגעפאַלן צו אייך אין דער קאָמאַנדע. ווידער געוואָרן אייער אורח. וואָס טוט מען איצט?

— אַ סיטואַציע, מיט וועלכער איז נישטאָ וואָס זיך אויסצושעמען און מיט איר זיך באַרימען, נאָר געפונענדיק זיך

אין אַזאַ לאַגע, דאַרף מען בײַ זיך נישט אַראָפּפּאַלן און זיך נישט קלאָגן, — פּלעגט דער ראָטמיסטר ענטפערן און אויפקלערן זײַן גאַסט — מ'דאַרף, מײַן פרײַנט, צו אַלץ זיך באַציען גלײַכגילטיק, נישט קאַליע מאַכנדיק זיך דאָס לעבן מיט פילאָזאָפיע און נישט שטעלנדיק קײן שום פראַגן. פילאָזאָפירן איז שטענדיק נאַריש, פילאָזאָפירן שיכּורערהײט — איז שרעקלעך נאַריש. שיכּרות פאָדערט בראָנפן און נישט קײן געוויסנסביסן און צײן־קריצעניש... די צײן זאָלסטו היטן, אַז נישט וועט נישט זײַן איבער וואָס דיך צו שלאָגן... נאַ, אָט האָסטו דיר אַ פערציקער — גײ און ברענג אַ פלעשל שנאַפּס, פאַר אַ צענער הײסע פלאַקעס אָדער לונג, אַ פונט ברויט און צוויי אוגערקעס. ווען מיר וועלן נאָך מאַכן אַ כּוסה, וועלן מיר גענוי באַהאַנדלען דײַן ענין, אים אָפּוועגן, פאַרשטײסטו מיך, און זען, וואָס מ'האָט צו טון...

די סיטואַציע פלעגט גענוי באַשטימט ווערן און זיך קלאָר אַרויסווײַזן אין אַ צוויי טעג אַרום, ווען דער ראָטמיסטער האָט שוין נישט געהאַט קײן אײן פּרוטה פון דעם דרײַ אָדער פינף־רובל־שטיק, וועלכן ער האָט געהאַט בײַ זיך אין טאַש אײנם טאָג, ווען דער דאַנקבאַרער קליענט איז געקומען צו אים.

— געקומען צו פאָרן! גענוג! — פלעגט דער ראָטמיסטר זאָגן; — איצט ווען כ'האָב מיט דיר, שוטה, פאַרטרונקען דאָס גאַנצע געלט און מיר זענען געבליבן אָן אײן פּרוטה, איצט לאָמיר פרוּוון ווידער אַרויפצוגײן אויפן וועג פון ניכטערקײט און מידות טובות. גאַנץ ריכטיק זאָגט מען: באַלד דו וועסט נישט באַגײן קײן עבֿירה, וועסטו נישט האָבן אויף וואָס חרטה צו האָבן און וואָס תּשובֿה צו טון; וועסטו נישט טון קײן תּשובֿה — וועסטו נישט ראַטעווען דײַן נשמה. דאָס ערשטע, די עבֿירה — האָבן מיר שוין געטון, אָבער חרטה האָבן און תּשובֿה טון, איז נוצלאָז, און ווי באַלד אַזוי, טאָ לאָמיר זשע תּיכּף זיך ראַטעווען, הײסט, טון דאָס דריטע. גײ אַוועק צום טײַך און נעם זיך צו דער אַרבעט. אויב דו קענסט פאַר דיר אַלײן נישט גאַראַנטירן און ביזט נישט זיכער, אַז דו וועסט

נישט פאַרשיכורן דיין לוין, — זאָג דעם פּאָדריאַטשיק, ער זאָל פאַרהאַלטן דיין געלט ביי זיך, אָדער גיב עס מיר אויף צו באַהאַלטן. ווען מיר וועלן צונויפזאַמלען אַ קאַפּיטאַל פון דיינע פאַרדינסטן, וועל איך דיר קויפן הויזן און נאָך אַזעלכע זאַכן, וואָס זענען נייטיק אויף דעם, אַז מזאָל דיך ווידער האַלטן פאַר אַן אָרענטלעכן מענטשן און באַשיידענעם אַרבעטער, וואָס ווערט געטריבן דורכן שיקזאַל. אין גוטע הויזן, קענסטו ווידער ווייט אַוועקגיין און פיל אויפטון. גיי.

דער קליענט פלעגט נאָך אַזעלכע דיבורים אַוועק צום טייך און זיך נעמען צו דער אַרבעט, לאַכנדיק פון דעם ראָטמיסטערס לאַנגע און קלוגע דרשות. ער האָט נישט קלאָר פאַרשטאַנען דעם זאַלץ פון די דאָזיקע רעדעס און דרשות, ער האָט נאָר געזען פאַר זיך די פריילעכע אויגן פונם רעדנער, האָט געפילט אַ מונטערן גייסט און געוווסט אַז אין דער פערזאָן פון דעם שיין רעדעוודיקן ראָטמיסטער האָט ער אַ האַנט, וועלכע, קען, אין פאַל ווען דאָס וואָלט געווען נייטיק, אים שטיצן.

און באמת פלעגט טאַקע אַזאַ קליענט, אַ דאַנק דער שטאַרקער השגחה, וואָס דער שטאַרקער ראָטמיסטער האָט איבער אים געהאַט, נאָך אַ חודש אָבער צוויי חדשים קאַטאָרשנער אַרבעט, האָבן די מאַטעריעלע מעגליכקייט זיך ווידער אויפצוהייבן אויף אַ שטאַפּל העכערפונם יענעם אָרט, אויף וועלכן ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזטביים איינגעווילליגטן אָנטייל פונם זעלבן ראָטמיסטער.

— יאָ, מיין פריינט, — פלעגט קוּוואַלדאַ זאָגן קריטיש באַקוקנדיק דעם קליענט, וואָס איז ווידער געוואָרן אַ לייט — הויזן און אַ מאַרינאַרקע האָבן מיר. דאָס זענען זאַכן פון אַ זייער גרויסע באַדייטונג — פאַרלאָז זיך שוין אויף מיין פּראַקטיק. כּל-זמן איך האָב געהאַט אַנשטענדיקע הויזן, האָב איך געלעבט אין שטאָדט אין דער ראָל פון אַן׳אַנשטענדיקן מענטשן און אַלע האָבן מיך געהאַלטן פאַר אַזעלכן. נאָר כאַפּן זאָל עס דער טייוול, באַלט נאָר ווי די הויזן זענען פון מיר אַראָפּגעקראָכן,

בין איך אַראָפּגעפאַלן אין דער מיינונג פון די מענטשן און האָב אַליין אויך געמוזט אַראָפּקרוכן פון דער שטאָדט אָט דאָ אַהער אין דער נידער. מענטשן, מיין שענער גולם, האָבן אַ טבע צו אורטיילן וועגן אַלע זאַכן בלויז לויט זייער פאָרם, דער מהות אָבער פון דער זאַך איז פאַר מענטשן נישט צוגענגלעך, זיי קענען אים נישט משיג זיין צוליב דער באַרישקייט, וואָס איז אין זיי איינגעבוירן. זאָלסט שטענדיק געדענקען אָט דעם כלל און, באַצאָלנדיק מיר כאָטש אַ העלפט פון דיין חוב, גיי זיך דיר געזונטערהייט, גיי זיך, און דער אויבערשטער זאָל געבן, אַז דיר זאָל געלונגען צו געפונען דאָס, וואָס דו זוכסט!

— וויפיל בין איך אייך שולדיק, אַריסטיד פאָמיטש? האָט דער קליעט שעמעוודיק זיך דערקונדיקט.

— אַ רובל און זיבעציק קאָפּיקעס... איצט גיב מיר אַ רובל, אָדער זיבעציק קאָפּיקעס, און אויף דעם איבעריקן טייל חוב וועל איך וואַרטן ביז דו וועסט עפּיס נישט אַוועקגנבענען, אָדער ביזוואַנען דו וועסט נישט פאַרדינען פיל מער פון דעם, וואָס דו האָסט אַצינד ביי זיך.

— כ'דאַנק אייך זייער פאַר אייערע גוטע און האַרציקע רייד! — זאָגט דער גערעכטער, קליענט... אַך, סאַראַ גוטער מענטש איר זענט, כ'לעבן! אַ שאָד וואָס ס'לעבן האָט אייך אַזוי צוזאַמענגעדרייט... כ'שטעל זיך פאָר סאַראַ אָדלער איר זענט געווען, ווען איר האָט זיך געפונען אויפן געהעריקן אָרט?!

דער ראָטמיסטער קען נישט לעבן אָן מליצהדיקע רעד.

— סהייסט אויפן געהעריקן אָרט? קיינער ווייסט נישט, וווּ זיין עמעס אָרט איז אין לעבן יעדער, פון אונדז קריכט נישט אין זיין כאָמוט.

דעם סוחר יודאַ פיטוניקאָוס אמת אָרט—למשל—איז אויף דער קאַטאָרגע און וואָס זעען מיר? אַנשטאָט זיך צו געפינען אויף קאַטאָרגע, גייט ער זיך אַרום אין מיטן העלן טאָג פריי און פראַנק איבער די גאַסן און וויל אַפילו בויען עטעס אַ זאַ־ חאָד. אונדזער לערער וואָלט געפּאַסט זיך צו געפינען לעבן אַ

גוטער פרוי און אַ האַלב טוץ קינדערלעך — און ער וואַלגערט זיך גאָר ביי וואַווילאַוון אין שענק. און לאָמיר נעמען דיך פאַר אַ ביישפּיל. דו גייסט זיך זוכן אַ שטעל פון אַ לאַקיי אָדער קאָרידאָרדינער און איך זע, אַז דאָס פּאַסיקסטע אָרט פאַר דיר איז צו זיין צווישן סאָלדאַטן, מחמת דו ביזט נישט קיין נאַר, ביזט אויסגעהאַלטן און פאַרשטייסט וואָס אַזוינס דיסציפּלין איז. זעעסטו שוין — ווי די וועלט איז איינגעאָרדנט! דאס לעבן טאַ־סעט אונדז ווי קאָרטן און נאָר צופעליק, און דאָס אייך נישט אויף לאַנג פאַלן מיר, אַריין אויף אַנ׳אָרט, וואָס איז צוגעפּאַסט פאַר אונדז.

ציימנווייז פלעגן אַזעלכע געזעגונס־רעדעס דינען אַלס הקדמה פאַרצווזעצן די באַקאַנטשאַפט, וועלכע פלעגט זיך ווידער אָנהויבן מיט אַ זעלכע גוטע כוסות און ווידער זיך ענדיקן דערמיט, וואָס דער קליענט פלעגט פאַרטרונקען דאָס גאַנצע געלט וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך. דער קליענט פלעגט זיך חידושן, דער ראָטמיסטער פלעגט אים רעוואַנשירן און...ביידע פלעגן פאַרטרינקען אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט ביי זיך, בלייבנדיק אָן איין פּרוטה. אַזעלכע מיני איבערחזרנישן דאָס, וואָס איז שוין פריהער פאַרגעקומען, האָבן אויף קיין האָר אַפילו נישט קאַליע געמאַכט די אַלטע באַציונגען צווישןביידע צדדים. דער לערער, וועלכן דער ראָטמיסטער האָט פריער דער־מאָנט, איז אויך געווען איינער פון יענע קליענטן, וועלכע פלעגן זיך צורעכט מאַכן און זיך באַמיען,זיין צו לייטן גלייך, צוליב דעם נאָר, כדי תיכף ווידער חרוב צו ווערן און ווערן אויס מענטש. לויט זיין אינטעלעקט איז דער דאָזיקער לערער געווען אַ מענטש, וואָס איז נענטער פון אַלע איבעריקע געש־טאַנען צום ראָטמיסטער, און ס׳קען זיין. אַז אַ דאַנק אָט דער סיבה האָט ער, אַראָפּלאָזנדיק זיך צו דער דאָזיקער מלינה, פון איר שוין קיין מאָל נישט געקאָנט זיך אויפהויבן און פון דאָרט אַרויסקריכן.

מיט אים אַליין האָט אַריסטיד קוואַלדאַ געקאָנט פילאָ־זאָפירן, זייענדיק זיכער, אַז מען פאַרשטייט אים. ער האָט עס

געשעצט און בּכּבֿוד דער צו זיך געקומענער לערער איז געווען גרייט צו פֿאַרלאָזן די מדינה, פֿאַרדינענדיק געלט און האָבנדיק בדעה זיך צו דינגען אין שטאָדט א ווינקל, — פֿלעגט אַריסטיד קוואַלדאַ אים באַגלייטן מיט אַזאַ צער און אַרויסזאָגן אַזוי פֿיל מלאַנכאָלישע דבורים, אַז זיי ביידע פֿלעגן זיך דאַן שטענדיק אָנטרינקען און פֿאַרטרינקען דאָס גאַנצע געלט; וואָס זיי האָבן געהאַט ביי זיך. אפֿנים, אַז קוואַלדאַ פֿלעגט די זאַך מיט אַ כּיון אָפּטאָן אַזוי, אַז דער לערער פֿלעגט ביי זיין גאַנצן פֿאַר־לאַנג זיך צו באַזעצן אין שטאָדט, נישט קאָנען זיך אַרויסבאַ־קומען פֿון דער מדינה און געמוזט דאָרט פֿאַרבלייבן אויף ווייטער. צו האָט דען אַריסטיד קוואַלדאַ, אַ שליאַכטשיץ מיט בילדונג, וואָס אירע שפּליטערן האָבן נאָך איצט געבלישטשעט אין זיינע רעדעס מיט אַ געוווינהייט צו העַנקען, וואָס איז אַנטוויקלט און אויפגעקלערט געוואָרן דורך די שנוים פֿון זיין גורל, צו האָט ער דען נישט געמוזט זיך ווונשן און זיך נישט באַמיען צו זען ביי זיך אין דער זייט אַ מענטשן אַזעלכן, ווי ער גופֿא? יאָ, מיר קאָנען אויף זיך אַליין רחמנות האָבן.

דער דאָזיקער לערער האָט אַמאָל עפּיס אונטערריכטעט אין לערער, אינסטיטוט, וואָס האָט זיך געפֿונען אין אַ שטאָדט ביי דער וואָלגע, נאָר צוליב עפּיס אַ מעשה איז ער באַזייטיקט געוואָרן פֿון אינסטיטוט. דערנאָך איז ער געווען אַ ביוראָ־אָנגע־שטעלטער אין אַ גאַרבעריי און פֿון דאָרט האָט אויך געמוזט אַוועקגיין. ער איז געווען אַ ביבליאָטעקאַר עפּיס אין אַ פּריוואַ־טער ביבליאָטעק, פֿאַרזוכט נאָך עטלעכע פּראָפֿעסיעס און באַ־לייגנדיק, ענדלעך, אַן עקזאַמען אויף אַ פּריוואַט־אַדוואָקאַט, האָט ער אָנגעהויבן שטאַרק צו טרינקען און איז אַריינגעפֿאַלן צום ראָטמיסטער אין דער מדינה. ער איז געווען אַ הויכער, איינגעהויקערטער מיט אַ לאַנגער און שאַרפֿער נאָז און לגמרי פּליכיקן קאָפּ אויף זיין ביינדיקן און געלן פּנים מיט אַ שפּי־ציק בערדל האָבן געבלישטשעט גרויסע אומרויק־אומעטיקע אויגן, וואָס זענען געווען טיף אַריינגעפֿאַלן אין די אויגן־לעכער־און די ווינקלען פֿון זיין מויל זענען געווען טרויעריק אַראָפּ־

געלאָזט אַראָפּצעמיטלען צום לעבן, אָדעם, ריכטיקער געזאָגט, צו שיכורן פלעגט ער באַקומען, אַרבעטנדיק אַלס רעפּאָרטער אין די דאָרטיקע צייטונגען. ס׳פלעגט זיך טרעפן, אַז ער פלעגט פאַרדינען זייגס אַ רובל־פופצן. דאַן פלעגט ער דאָס גאַנצע פאַרדינסט זיינס אַוועקגעבן דעם ראַטמיסטער און זאָגן:

געגוג! איצט קער איך זיך צוריק אין שויס פון דער קולטור. נאָך אַ וואָך אַרבעט — און איך וועל זיך שוין אָנטאָן אַנשטענדיק און, זיי געזונט מיין טייערער!

— אויסגעצייכנט. אַזאַ באַשלוס קען מען נאָר צו לויבן! סימפּאַטיזירנדיק מיטן גאַנצן האַרצן דיין באַשלוס, פיליפּ, וועל איך דיר נישט געבן צו זיין אפילו קיין איין קיילעשיקל די הייגטיקע וואָך, — האָט אים שטרענג דער ראַטמיסטער געוואָרנט.

כ׳וועל זיין דאַנקבאַר!.. קיין איין טראָפּן וועסטו נישט געבן!

דער ראַטמיסטער האָט אין זיינע ווערטער געהערט עפּיס אַזעלכעס, וואָס איז נאָענט צו אַ נישט דרייסטער בקשה וועגן באַכגעבן עפּיס, און האָט נאָך שטרענגער געזאָגט:

— ווען דו וועסט אַפילו שרייען — וועל איך דיר אויך נישט געבן!

נו, אַ סוף — האָט געזיפצט דער לערער און איז אַוועק זוכן שטאָדט־נייעס פאַר די צייטונגען, און אין אַ טאָג, העכסטנס אין צוויי טעג אַרום, האָט ער שוין, אַ דערשלאָגענער, אויסגע־מאַטערטער און דורשטיקער, געקוקט אויפן ראַטמיסטער פון אַ ווינקל ערגיץ, געקוקט מיט אומרויקע און שטאַרק בעטנדיקע אויגן און מיט האַרצקלאַפּעניש געוואַרט: דאָס האַרץ פון זיין פריינט זאָל ווייכער ווערן. דער ראַטמיסטער האָט אַראָפּגעלאָזט אויף זיך אַ בייזן אויסזען און געהאַלטן רעדעס, דורכגעדרינ־גענע מיט אַ מערדערישער איראָניע אויף דאָס טעמע וועגן דער חרפּה פון אַ שוואַכן כאַראַקטער, וועגן דער חיה׳שער הנאה פון שכרות און אויף אַלע אַנדערע טעמעס, וואָס האָבן געפּאַסט אין אַזאַ פאַל מ׳דאַרף זאָגן דעם אמת, אַז דער ראַט־מיסטער איז גאַנץ אויפריכטיק געווען באַגייסטערט פון זיין

ראל. דער ראל פון אַ מדריך און מאָראַל פּרעדיגער; אבער די שטענדיקע געסט פון דער מלינה, וואס זענען געווען געשטימט בכלל סקעפּטיש האבן, צוקוקנדיק זיך צום ראטמיסטער און הערנדיק זיינע מוסרדיקערייד, איינער דעם אַנדערן געזאגט, אונטערוווּנקנדיק אין זיין זייט:

— א, כימיקער! וואס זאגסטו אויף אים! ווי אַ פיפיקער דרייט זיך עס אַרויס! זעסטו — מיינט ער צו זאגן, — וואס עס קומט אַרויס פון דעם, וואס דו פּאלגסט מיר נישט! איך האב דיר געגעבן אַן עצה, דו האסט מיר נישט געפאלגט — איצט האב טענות צו זיך אַליין!

— זיין בלאַגאראדיער איז אַן אמתער זעלנער — גייט פאראויס, און זוכט זיך, גרייט זיך אין אַ וועג אויף צו גיין צוריק!

און דער לערער פלעגט כאַפּן זיין פריינט נאך אַמאל ערגיץ אין א ווינקל, און זיך איינקלאַמערנדיק אין זיין שמוציקן מאַנטל, ציטערנדיק מיטן גאַנצן גוף, אפלעקנדיק די טרוקענע ליפּן, פלעגט ער מיט קיין נישט אויסגערעדטע ווערטער און אַ טיף טראַגישן בליק קוקן אים אין פּנים אַריין.

— קענסט נישט? — פלעגט בייז דער ראַטמיסטער אין אַזאַ פאַל פרעגן. קענסט זיך טאַקע נישט איינהאַלטן?

דער לערער פלעגט שווייגנדיק אַ שאקל טאן מיטן קאפּ אויף יאָ, אַז ער קען נישט, הייסט עס, זיך איינהאַלטן, נישט צו טרינקען, זיין פריינט האט אים פאַרשטאַנען און אַז ער, דער לערער, קען טאַקע נישט אויסהאַלטן און נישט מאַכן קיין כוסה. דערנאך האט דער לערער טרויעריק אַראפּגעלאזט דעם קאפּ אויף דער ברוסט, ציטערנדיק מיט זיין גאַנצן לאַנגן מאַגערן גוף.

— האַלט זיך איין נאך איין טאג... אפשר וועסטו ביי-שטיין דעם נסיון און באַקעמפן אין זיך דעם רוח פון שכרות? — האט קוואַלדאַ פאַרעלייגט.

דער לערער האט געזיפצט און האפנונגסלאז געשאקלט מיטן קאפּ, אויף ניין, אַז ער וועט נישט אימשטאַנד זיין ביי-צושטיין

דעם נסיון און מוז אומבאַדינגט מאַכן אַ כּוסה איינע און צוויי. דער ראַטמיסטער האָט געזען, אַז דער מאַגערער גוף פֿון זיין פֿריינט צאַפּלט זיך אַזש פֿונם דורשט נאָך דעם אַלקאָהאָל, סע און פֿלעגט אַרום נעמען פֿון טאַש געלט.

— אין דער מערסטער צאָל פֿאַלן איז נוצלאָז זיך צו קריגן מיטן גורל — פֿלעגט ער דאַן זאָגן, פּונקט ווי ער וואָלט געוואָלט זיך פֿאַרענטפֿערן פֿאַר עמיצן.

און חצן דער לערער פֿלעגט אויסהאַלטן אַ גאַנצע וואָך, פֿלעגט זיך צווישן אים און דעם ראַטמיסטער אָפּשפּילן אַ רירנדיקע סצענע פֿון געזעגענען זיך און דער פֿינאַל אירער פֿלעגט געווייטלעך פֿאָרקומען אין וואַווילאָווס שענק.

דער לערער פֿלעגט נישט פֿאַרטרינקען דאָס גאַנצע געלט זיינס; אַ העלפֿט פֿונם געלד, לפּחות, פֿלעגט ער אויסגעבן אויף די קינדער פֿון דער וויעזשע גאַס. די אָרימע לייט זענען שטענדיק רייך מיט קינדער, און אויף דער דאָזיקער גאַס, אין איר שטויב און אירע גריבער, האָבן גאַנצע טעג, פֿון אין דער פֿרי ביז אין אָוונט, רוישיק געפּילדערט און זיך געפּאָרעט קופּעס אָפּגעריסענע, שמוציקע און האַלב הונגעריקע קינדער.

קינדער — דאָס זענען די בלומען פֿון דער ערד, נאָר אויף דער וויעזשע גאַס האָבן די קינדער געהאַט אַן׳אויסזען פֿון בלומען, וואָס זענען פֿאַר דער צייט פֿאַרוועלקט געוואָרן — דערפֿאַר, אַ פּנים, וואָס זיי זענען געוואַקסן אויף אַ באָדן, וואָס וואָס איז אָרים אין געזונטע זאַפֿטן.

און אָט פֿלעגט דער לערער די דאָזיקע קינדער צונויפֿזאַמלען אַרום זיך און איינקויפֿנדיק זעמל, אייער, עפּל און ניס, פֿלעגט ער גיין מיט זיי אין פֿעלד, צום טייך.

דאָרט פֿלעגן זיי זיך פֿונאַנדערלייגן אויף דער ערד, צו ערשט פֿלעגן זיי זשעדנע אויפֿעסן אַלץ, וואָס דער לערער פֿלעגט זיי פֿאָרלייגן, דערנאָך האָבן זיי אָנגעהויבן זיך שפּילן, אָנפֿילענדיק די לופֿט אויף אַ גאַנצן וויאָרסט אַרום זיך מיט אַ זאָרגלאָזן געפּילדער און געלעכטער. די דאַרע און לאַנגע פֿיגור פֿונם שיכּור פֿלעגט אויסזען ווי איינגעקוועטשט צווישן די

דאָזיקע קליינע מענטשן, וועלכע פלעגן זיך צו אים באַציען איינגאַנצן פאַמיליאַר, מעשה אייגענע מענטשן, און ווי צו אַ מענטש אין דער זעלבער עלטער, וואָס זיי, פלעגן אים אפילו רופן פשוט פיליפ, נישט צוגעבנדיק צו זיין נאָמען נישט קיין „פעטער" אָדער „פעטערל", ווי קינדער זענען זיך נוהג. דריי־צנדיק זיך אַרום אים, ווי מזיקים, פלעגן זיי אים שטופן, אַרויפּ־שפּרינגען אים אויף דער פּלייצע, און פּאַטשן אויף קאַטאַוויס איבערן פּליך, כאַפּן פאַר דער נאָז, דאָס אַלץ, איז ווייזט אויס אים געפעלן געווען, מחמת ער האָט נישט פּראָטעסטירט קעגן אַזעלכע פרייהייטן און שטיפערייען. ער פלעגט בכלל ווייניק רעדן מיט די קינדער און ווען ער פלעגט שוין יאָ רעדן, פלעגט ער עס טאָן עפּיס אַזוי פּאָרזיכטיק און אפילו נישט דרייסט, מורא האָבנדיק, אַז זיינע ווערטער קענען זיי אויס־פּאַטשקען אָדער בכלל זיי ברענגען שאָדן. ער פלעגט מיט זיי פאַרברענגען אין דער ראָל פון שפּילצייג אָדער פון אַ חבר צו עטלעכע שעה כסדר, באַקוקנדיק מיט זיינע אומעטיק־בענקנדיקע אויגן זייערע פריילעכע פּנימלעך, און דערנאָך פלעגט ער, פאַרטראַכט אין פּאַמעלעך, אַוועקגיין פון זיי אין וואַווילאָווס שענק אַריין און דאָרט זיך גיך און שווייגנדיק אָנטרינקען אַזוי שטאַרק, אַז ער פלעגט פאַרלירן דאָס באַוווסטזיין.

צוריקקערנדיק זיך כמעט יעדן טאָג פון זיין רעפּאַר־טאַנזש, פלעגט דער לערער ברענגען מיט זיך אַ ציַיטונג און אַרום אים פלעגט אין דער מליגה פאַרקומען אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע „געוועזענע מענטשן", וואָס האָבן זיך דאָרט אויפגעהאַלטן דערזעענדיק דעם לערער, פלעגן די געוועזענע מענטשן זיך אַ לאָז טאָן צו אים פון אַלע עקן הויף, בגליפנדיקע אָדער אויסגייענדיק צו כאַפּן נאָך אַ טרונק בראָנפן, פּילפּאַכיק צושוי־בערטע, נאָר אַלע די זעלבע קלאָגלעכע און שמוציקע

געגאַנגען צום לערער אַנטקעגן איז דער ווי אַ פּאַס, גראָבער אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש סימצאָוו, אַ געוועזענער גאַיאָווער (וואַלד אויפזעער) פון די גיטער, וואָס געהערן צום קייזער, און איצט אַ הענדלער פון זאַפּאַלקעס. טינט, און וואַקס און פוילע ציטרינען. דאָס איז געווען אַן אַלטער מאַן פון אַ יאָר זעכציק אין אַ פּאַרוסינעוועם מאַנטל, אין אַ ברייטער הוט וואָס האָט צוגעדעקט מיט אירע צוקנייטשטע ראַנדן זיין גראָב און רויט פּנים מיט אַ ווייסער געדיכטע באָרד, פון וועלכע ס'האָבן אויף גאָטס וועלט געקוקט אַ קליינע שטאַרק רויטע נאָז. דיקע ליפּן פונם זעלבן קאָליר און ציינישע אויגן, וואָס האָבן שטענדיק געטרערט. מ'האָט אים גערופן קובאַר — און דאָס דאָזיקע צונאמעניש האָט טרעפלעך געשילדערט זיין רונדע פיגור און זיין אַרט רעדן, וואָס איז געווען ענלעך אויף אַ מיאָך זשומען.

אַנטקעגן דעם לערער איז אַרויסגעקראָכן פון עפּיס אַ ווינקל קאָניעל. — אַ אָנגעבלאָזענער, שווייגנדיקער און שוואַרצער שיכּור, אַ געוועזענער משגיח פון אַ טורמע, — לוקאַ אַנטאָנאָוויטש מאַרטיאַנאָוו, אַ מענטש, וואָס האָט געלעבט פון דעם וואָס ער האָט געשפּילט אין אַ „רימנדל", „אין דריי בלעטלעך" און פון אַנדער קונסשטיקן, אויך אַזעלכע שאַרפזיניקע ווי די פריערדיקע און אויך אַזעלכע, וואָס די פּאָליציי האָט נישט ליב. ער האָט וואַגיק אַראָפּגעלאָזט זיין שווערן, נישט איין מאָל שוין געשלאָגענעם גוף אויפן גראָז, נעבן לערער, געבלאַנקט מיט זיינע שוואַרצע הויזן און אויסציענדיק די הענט צו דער פלאַש, האָט ער מיט אַ הייזעריקן באַס געפרעגט:

- איך קען?

ס'האָט זיך באַוויזן דער מעכאַניק פּאַוויעל סאָלנצאָוו אַ שווינדזוכטיקער מענטש פון אַ יאָר דרייסיק. זיין לינקע זייט איז ביי אים געווען צוניזקט בעת אַ געשלעג און דאָס פּנים, אַ געלס און שאַרפס, ווי ביי אַ פוקס, האָט זיך שטענדיק געקרומט אין יעזואיטיש שמייכעלע. די דינע ליפּן זיינע האָבן געעפנט צוויי רייען שוואַרצע ציין, וואָס זענען חרוב געוואָרן

דורך אַ קראַנקהייט, און אויף זיינע שמאָלע און בייניקע פּלייצעס האָבן זיך ־צבאָמבלט טראַנטעס, ווי אויף אַ הייגער. מ׳האָט אים גערופן אָ ב י ע ד אָ ק. ער האָט געהאַנדלט מיט ביליקע באַרשטן, וועלכע ער פּלעגט אַליין אויסאַרבעטן, און מיט בעזעמער פון עפּעס אַ באַזונדערן גראָז, וואָס זענען געווען זייער באַקוועם אויף צו רייניקן מלבושים.

ס׳פּלעגט קומען דער הויכער בייניקער מענטש מיט אַ קרומען אויג — אַ מענטש, פון אַ אומבאַוווסטער אָפּשטאַמונג מיט אַ דערשראָקענעם אויסדרוק אין די גרויסע רונדע אויגן, אַ שווייגנדיקער, אַ פּחדן, וואָס איז שוין דריי מאָל געזעסן פאַר גנבות, לויט אַנ׳אורטייל פון אַ פרידנס-געריכט און פון ביאָצורקסגעריכט, זיין פאַמיליע איז געווען קיסעלניקאָוו, נאָר מ׳האָט אים גערופן א נ ד ע ר ה אַ ל ב ן ט אָ ר אַ ס ן, מחמת ער איז געווען פּונקט אויף אַנדערהאַלבן מאָל העכער פון זיין פריינט, מיט וועלכן ער פּלעגט זיך קיינמאָל נישט שיידן, — דעם דיאַקאָן טאָראַס, וועלכן מ׳האָט „פונאַנדערגעשוירן” און געמאַכט אויס גייסטלעכער פאַר שכרות און אויסגעלאַסנקייט.

דער דיאַקאָן איז געווען אַ נידעריקער און קרעפטיקער מענטש. מיט אַ ברוסט פון אַנ׳אמתן גבור און אַ רונדן קוידלאַטן קאָפּ. ער האָט זעלטן שיין און גוט געטאַנצט און נאָר נאָך אַ גרעסערער בריה איז ער געווען צו רעדן ניבול פה. ער, מיט אַנדערטהאַלבן יאָר טאָראַסן, האָבן זיך אויסגעקליבן אַ פּאַך צו זעגן האָלץ אויפן ברעג פון טייך, און אין די פרייע שעה׳ן פלעגט דער דיאַקאָן דערציילן זיין פריינט און יעדן, וואָס האָט געוואָלט „מעשהלעך”, וועלכע ער פלעגט אַליין פאַרפאַסן, ווי ער פלעגט ערקלערן. הערענדיק די דאָזיקע מעשהלעך, וואָס די העלדן פון זיי זענען שטענדיק געווען צדקים, מלכים, גלחים און גענעראַלן, פלעגן אפילו די געסט פון דער מלינה מיט עקל שפּייען און אויסשטעלן פאַרחידושטע אויגן, באַוווּנדערנדיק דעם דיאַקאָנס פאַנטאַזיע. און דער דיאַקאָן פלעגט מיט אַ גלייכגילטיקן פּנים און צוגעשטורעטע אויגן אַלץ דערציילן וועגן איבעראַשנדיק-שענדלעכע זאַכן און שמוציקע פאַנטאַס

טישע אַוואַנטורעס. דער כּח הדמיון פונם דאָזיקן מענטשן איז געווען אַ אומערשעפּטער און זייער אַ שטאַרקער — ער האָט געקאָנט „שאַפן" און רעדן אַ גאַנצן טאָג פון אין דער פרי ביזן אָוונט און פלעגט קיינמאָל זיך נישט איבערחזרן. און זיין פּערזאָן, קען זיין, איז פאַרפאַלן געוואָרן אַ גרויסער דיכטער, יעדנפאַלס אַ נישט קיין מיטלמעסיקער דערציילער, וואָס האָט געקאָנט אַלץ מאַכן לעבעדיק און אפילו אין אַ שטיין אַריינ-בלאָזן אַ נשמה דורך זיינע מיאוסע, נאָר מאַלערישע ווערטער.

געווען איז דאָ אויך עפּעס אַ אומגעלומפּערטער יינגער-מאַן, וועלכן קוואַלדאַ האָט אַ נאָמען געגעבן מ ע ט ע אָ ר. ער איז אַמאָל געקומען איבערנעכטיקן אין דער מלינה און זייט דאַמאָלט איז ער שוין פאַרבליבן צווישן די דאָזיקע מענטשן צו דער נישט קליינער ערוואונדערונג זייער. תּחילת האָט מען דעם דאָזיקן מאָדנעם יינגנמאַן נישט באַמערקט — בייטאָג פלעגט ער, ווי אַלע, אַוועקגיין זיך אויפזוכן עפּעס אויף צו ערנערן זיך; נאָר אין אָוונט האָט ער שטענדיק געטאָרטשעט אַרום דער פריינדלעכער קאָמפּאַניע, און ענדלעך האָט אים דער ראָטמיס-טער באַמערקט.

— יינגאַטש! וואָס ביסטו אַזוינס אויף דער דאָזיקער וועלט? —האָט קוואַלד אַמאָל זיך צו אים געווענדעט.

דער יינגאַטש האָט מוטיק און קורץ אָפּגעענטפערט:

— איך בין — אַ באָסיאַק...

דער ראָטמיסטער האָט קריטיש אויף אים אַ קוק געטון. דער בחור איז געווען עפּיס אַ לאַנגהאָריקער, מיט אַ נאַרישלעכן שפּיצבאַקיגן פּנים, באַצירט מיט אַ פאַרריסענער נאָז, ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ בלאָע בלוזע אָן אַ גאַרטל, און אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ רעשט פון אַ שטרויענער הוט. קיין שיך אָדער שטיוול האָט ער נישט געטראָגן — געגאַנגען באָרוועס.

— דו ביזט אַ שוטה! — האָט אַריסטיר קוואַלדאַ באַ-שלאָסן — וואָס דרייסטו זיך דאָ אַרום? דו טויגסט אונדז צו גאָרנישט... בראָנפן טרינקסטו? ניין... נו, און גנבענען קענסטו?

אויב נישט- גיי, לערן זיך אויס אין ערשט קום אהער, ווען דו וועסט שוין זיין אַ מענטש...

דער בחור האָט זיך צולאַכט.

— ניין, כ'וועל דאָ פאַרבלייבן און לעבן מיט אייך.

— צוואָס?

— אַזוי...

— אָך דו... מעטעאָר? — האָט ראָטמיסטער געזאָגט.

אָט איר ווילט, וועל איך אים באַלד אויסהאַקן די ציין, — האָט מאַרטיאַנאָוו פאָרגעלייגט.

— פאַרוואָס? פאַר וואָסאַראַ חטא? — האָט דער בחור געוואָלט וויסן.

— אַזוי...

— וועל איך נעמען אַ שטיין און אייך אים אַ וואָרף טאָן אין קאָפּ, האָט דער בחור מיט דרך ארץ ערקלערט.

מאַרטינאָוו וואָלט אים אָנגעבראָכן די ביינער, ווען קו- וואַלדאַ וואָלט זיך פאַרן בחורל נישט אָנגענומען.

— לאָז אים געמאַך... ער איז, ברודערקע, דיינער עפּעס אַ קרוב און, מעגלעך, אַ קרוב פון אַלע. דו ווילסט אים אויס- האַקן די ציין אָן אַ גענוגנדן גרונד דערצו; ער וויל, אַזוי ווי דו, אָן אַ גרונד און סיבה, דאָ ווינען צוזאַמען מיט אונדז. נו, כאַפּט אים דער רוח... מיר אַלע לעבן דאָך אָן אַ גענוגנדן גרונד דערצו... מיר לעבן, און צוליב וואָס, אייגנטלעך, לעבן מיר? סתם אַזוי! מיט אים איז אויך דאָס זעלבע... לאָז אים...

וואָלט נישט, יונגערמאַן, געווען פאַר אייך בעסער, זיך צו- דערווייטערן פון אונדז, — האָט דער לערער געגעבן אַן עצה, באַקוקנדיק מיט זיינע טרויעריקע אויגן דעם דאָזיקן בחור.

יענער האָד גאָרנישט געענטפערט און איז פאַרבליבן אין דער מלינה. דערנאָך האָט מען זיך צו אים צוגעוווינט און מ'האָט אויפגעהערט אים צו באַמערקן, און ער האָט געוווינט צווישן זיי און אַלץ באַמערקט.

די אַלע אויסגערעכנטע פאַרשוינען זענען געווען דער הויפּט-שטאַם פונם ראָטמיסטער. און ער האָט ליט אַ גוטמוטיקער

איראָניע זיי אָנגערופן "געוועזענע מענטשן". חוץ זיי, האָבן אין דער מלינה שטענדיק זיך אויפגעהאַלטן אַ פינף-זעקס מענטשן, געוויינלעכע באָסיאַקעס, (באָסיאַקעס, אַזוי צו זאָגן, פון אַ גאַנץ יאָר). דאָס זענען געווען מענטשן פון דאָרף, זיי האָבן זיך נישט געהאַט איבערצוגעמען און זיך באַרימען מיט זייער פאַרגאַנגנ-הייט, ווי די „געוועזענע מענטשן", און הגם זיי האָבן נישט ווייניקער פון די געוועזענע מענטשן געליטן פון גלגול הגורל, זענען זיי דאָך געווען נישט געבראָכענע, גאַנצערע מענטשן ווי יענע. ס'קען זיין, אַז אַן אָנשטענדיקער מענטש פונם קולטורעלן קלאַס איז העכער פון אַזאַ מענטשן, וואָס קומט אַרויס פון די פויערים, נאָר דער פאַרדאָרבענער שטאָדט-מענטש איז אומגע-הויער עקלהאַפטער און שמוציקער פונם פאַרדאָרבענעם מענטשן וואָס איז געקומען פון דאָרף. דער דאָזיקער כּלל האָט זיך שנייִ-דיק געוואָרפן אין די אויגן פונם פאַרגלייך, וואָס ווערט גע-מאַכט צווישן געוועזענע אינטעליגענטן און געוועזענע פויערים, וועלכע האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין קוואַלדעס פּושיטולעק.

אַ אָנגעזעענער פאַרשטייער פון געוועזענע פויערים איז געווען דער שמאַטעקליבער, דער זקן מיטן נאָמען טיאַפּ. אַ הויכער און אַ מיאוס דאַרער, האָט ער געהאַלטן דעם קאָפּ אַזוי, אַז זיין גאָמבע האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן זיין ברוסט און פון דעם האָט זיין שאָטן אָנגענומען אַ פאָרם פון אַ קאָטשערע. אין פּאָס איז זיין פּנים נישט געווען צו זוכן, אין פּראָפיל, דאַגעגן, האָט מען געקאָנט זען בלויז אַ הויקערדיקע נאָז, די אַראָפּגעהאָנגענע אונטערשטע ליפּ און געדיכטע גראָע ברעמען. ער איז געווען, לויט דער צייט, דער ערשטער אורח פונם ראָטמיסטער און וועגן טיאַפּן פלעגט מען ריידן, אַז ער האַלט ערגיץ באַהאַלטן פיל געלט. און טאָקע צוליב די דאָזיקע געל-טער האָט מען אים מיט אַ יאָר צוויי צוריק אַ „פּאָר געטון" מיט אַ מעסער איבער דעם האַלדז און זייט דאַמאָלסט האַלט ער אַזוי משונהדיק איינגעבויגן דעם קאָפּ. ער האָט געלייקנט, אַז ער האָט געלט און געזאָגט, אַז „פּאָר געטון" מיט אַ מע-סער איבער זיין האַלדז איז מען סתּם אַזוי, פון פאַרשייטקייט.

און אַז פון דאַמאָלסט אָן איז פאַר אים זייער נישט באַקוועם צונויפצוקלייבן שמאַטעס און ביינער — זיין קאָפּ איז שטענדיק איינגעבויגן צו דער ערד. ווען ער פלעגט גיין, נישט זיכער און שאָקלענדיק זיך, אָן אַ שטעקן אין דער האַנט און אָן אַ טאָרבע איבערן רוקן — די סמנים פון זיין פּראָפעסיע — האָט ער אויסגעזען ווי אַ מענטש, וואָס האָט זיך פאַרטראַכט ביזן פאַרלירן דאָס באַוווסטזיין. קוואַלדאַ פלעגט אין אַזעלכע מאָמענטן זאָגן, ווייזנדיק אויף אים מיטן פינגער:

— זעט, אָט זוכט זיך אַ מקום מנוחה דאָס געוויסן פונם סוחר יודא פּיעטוניקאָוו, וואָס איז פון אים אַנטלאָפן העט ווייט. מאַראַ צוקנייטשטע, שלעכטע און שמוציקע דאָס דאָזיקע אַנטלאָפענע געוויסן איז!

גערעדט האָט טיאַפּאַ מיט אַ הייזעריקן קול, וועלכער האָט קוים דערלויבט צו פאַרשטיין, וואָס ער רעדט און צוליב וועם, אפנים, האָט ער בכלל ווייניק גערעדט און שטאַרק ליב געהאַט איינזאַמקייט. נאָר יעדעס מאָל, ווען אין דער מלינה האָט זיך באַוויזן עפּיס אַ נייער פרישער עקזעמפּליאַר פון אַ מענטשן, וואָס איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן דורך נויט פון דאָרף, פלעגט טיאַפּאַ, זעענדיק דעם דאָזיקן פרישן עקזעמפּליאַר, דריינפאַלן אין אַ טרויעריקן כעס, צורייצטקייט און אומרויקייט. ער פלעגט רודפן דעם דאָזיקן אומגליקלעכן מענטשן מיט אַ גיפטיקן חוזק מאַכן איבער אים, מיט אַ בייז כריפּן, וואָס פלעגט אַרויס פון זיין האַלדז; ער פלעגט אויף אים אָנרייצן אַ שלעכטן און צאָרנדיקן באָסיאַק, פלעגט ענדליך דראָען אים אויסקלאַפּן די ביינער מיט זיינע אייגענע הענט; ביינאַכט אים באַראַבעווען און כמעט שטענדיק פלעגט ער זיך דערשלאָגן דערצו, אַז דער אָנגעשראָקענער פויערל, וואָס האָט זיך פאַרלוירן און נישט געוווסט וואָס צו טון, איז פאַרשוווּנדן געוואָרן פון דער מלינה און איז שוין מער אַהין נישט געקומען.

דאַן פלעגט טיאַפּאַ זיך באַרויקן און זיך פאַרוקן ערגיץ אין אַ ווינקל, ווו ער פלעגט פאַריכטן זיינע טראַנטעס, אָדער לייענען דעם תנ"ך, אויך אַזאַ אַלטן, שמוציקן און צוריסענעם,

זי ער גופא. ער פלעגט נאָר אַרויסקריכן פון זיין ווינקל דאַן, ווען דער לערער פלעגט ברענגען אַ צייטונג און זי לייענען. געוויינלעך פלעגט טיאָפּאַ שווייגנדיק הערן אַלץ, וואָס פלעגט ווערן געלייענט, און פלעגט טיף זיפצן, נישט פרעגנדיק וועגן גאָר נישט. נאָר ווען דער לערער פלעגט, איבערלייענדיק די צייטונג, זי צוזאַמענלייגן, פלעגט טיאָפּאַ אויסציען זיין ביינער-דיקע האַנט און זאָגן:

— גיב נאָר...

— צוואָס דאַרפסטו זי?

— גיב... אפשר איז דאָ עפּיס פאַרהאַן וועגן אונדז...

— וועגן וועמען?

— וועגן דעם דאָרף.

מ׳פלעגט פון אים לאַכן און אים צוואַרפן די צייטונג. ער פלעגט זי נעמען און לייענען אין איר וועגן דעם, ווי ערגיץ אין אַ דאָרף האָט אַ האָגל חרוב געמאַכט די תּבואה און אין אַן אַנדער דאָרף זענען אָפּגעברענט געוואָרן דרייסיק הייזער און הויפן, און אין אַ דריטן דאָרף האָט אַ פרוי פאַר-סמט איר פאַמיליע — אַלץ וואָס איז אָנגענומען צו שרייבן וועגן דאָרף און וואָס שילדערט עס נאָר אַלס אַן אומגליקלי-כעס, נאַרישעס און שלעכטעס.

טיאָפּאַ האָט דאָס אַלץ טויב געלייענט און געמריטשעט, אויסדריקנדיק, קען זיין, דערמיט, מיטלייד, מעגלעך — צו-פרידנקייט.

ס׳רוב זונטיקן, ווען ער פלעגט קיין מאָל נישט אַרויס-גיין זאַמלען שמאַטעס, פלעגט ער באַנוצן אויף צו לעזן זיין תּנ״ך, לייענענדיק, פלעגט ער מרוטשען און זיפצן. דאָס בוך פלעגט ער האַלטן אָנשפּאַרנדיק עס זיך אין דער ברוסט און פלעגט זיין ברוגז ווען עמיץ פלעגט עס אָנרירן אָדער האָט אים געשטערט צו לעזן.

— עי, דו מכשף? — פלעגט אים קוואַלדאַ זאָגן, — וואָס פאַרשטייסטו דאָרט וואָס אין בוך שטייט געשריבן. גענוג. הער אויף צו לייענען.

— און וואָס פֿאַרשטייסטו?

— אַזוי, מכשף! איך פֿאַרשטיי טאַקע אויך נישט, נאָר איך לייען דאָך נישט קיין ביכער.

— און איך לייען יאָ...

— ביזטו טאַקע אַ שוטה... — פֿלעגט דער ראַטמיסטער באַשליסן. — ווען אין קאָפּ באַווייזט זיך אומצוכט — איז דאָס נישט אָנגענעם און פֿאַרשאַפֿט אומרו און ווער שמועסט ווען אין קאָפּ קריכן נאָך אַריין געדאַנקען אויך; ווי אַזוי זשע ווערסט קענען לעבן, דו אַלטע זשאַבע איינע.

— כ׳האָב שוין נישט לאַנג צו לעבן, — פֿלעגט טיאַפּאַ רויק זאָגן.

אַמאָל האָט דער לערער זיך געוואָלט דערוויסן, ווו טיאַפּאַ האָט זיך אויסגעלערנט לעזן. טיאַפּאַ האָט אים קורץ געענטפֿערט:

— אין טורמע...

— ביזט דען געווען דאָרט?

— ניין...

— פֿאַרוואָס?

— אַזוי... כ׳האָב זיך טועה געווען... אָט האָב איך פֿון דאָרט מיטגענומען מיט זיך דעם תּנך. אַ פּריצטע האָט אים מיר געגעבן... אין טורמע, ברודערקע, איז גוט.

— וואָס איך הער? מיט וואָס איז עס דאָרט גוט?

— זי מאַכט דעם מענטשן קלוגער... כ׳האָב זיך דאָרט אויסגעלערנט לייענען... באַקומען אַ בוך... אַלץ אומזיסט...

ווען אין מלינה איז געקומען דער לערער, האָט טיאַפּאַ שוין געהאַט לאַנג געוווינט. ער האָט זיך לאַנג צוגעקוקט צום לערער — כּדי אַ קוק צו טאָן אַ מענטשן אין פּנים אַריין. טיאַפּאַ האָט איינגעבויגן זיין גאַנצן גוף אויף אַ זייט, — האָט זיך לאַנג צוגעהערט צו זיינע געשפּרעכן און עפּיס אַמאָל צו אים זיך צוגעזעצט.

— דו ביזט... געווען אַמאָל אַ געלערנטער... זאָג, דעם תּנך האָסטו געלעזן?

— געלעזן...

— אַזוי... געדענקסטו אים?

— נו, געוויס. כ׳געדענק.

דער אַלטער האָט איינגעבויגן זיין גוף אין אַ זייט און אַ קוק געטאָן אויפן לערער מיט אַ גראָען, בייזן אויג פול מיט חשד

— צי געדענקסטו וועגן די עמלקים?

— נו?

— ווו זענען זיי אַצינד?

— פאַרשווונדן געוואָרן, טיאַפּאַ... אויסגעשטאָרבן...

דער אַלטער האָט אַ ווײַלע געשוויגן און דערנאָך ווידער געפרעגט:

— און די פלשתים?

— זיי אויך...

— אַלע אויסגעשטאָרבן.

— יאָ... אַלע...

— אַזוי... און מיר וועלן אויך אויסשטאַרבן

— ס׳וועט קומען אַ צייט — און מיר וועלן אויך אויסשטאַרבן. — האָט דער לערער גלייכגילטיק געענטפערט.

— פון וואָס׳ערא שבט ישראל קומען מיר אַרויס?

דער לערער האָט אויף אים אַ קוק געטאָן, זיך פאַרטראַכט אַביסל און האָט אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן די סקיטן, מאַגען, סלאַוון... דער אַלטער האָט זיך נאָך מער איינגעבויגן אין אַ זייט און מיט מאָדנע, דערשראָקענע אויגן אויף אים געקוקט.

— דו זאָגסט אַלץ ליגן! — האָט ער אָנגעהויבן צו כריפּן ווען דער לערער האָט געענדיקט.

— פאַרוואָס עפּיס זאָג איך ליגן? — האָט ער זיך גע־חידושט.

— וועלכע פעלקער האָסטו מיר אָנגערופן? זיי זענען דאָך נישטאָ אין תנ״ך.

ער איז אויפגעשטאַנען און אַרויסגעגאַנגען, טיף באַליי־דיקט און בייז וואָרטשנדיק.

— דו ווערסט אַראָפּ פון זין, טיאַפּאַ, — האָט אים איבער־צייגנד נאָכגעזאָגט דער לערער.

דאַן האָט דער אַלטער זיך ווידער צו אים אַ קער געטון און אויסשטרעקנדיק די האַנט, האָט ער אים געדראָט מיטן פאַרקרימטן און שמוציקן פינגער.

— פון גאָט קומט אַרויס אדם הראשון, פון אדמען — די יידן, הייסט עס, אַז אַ ל ע מענטשן קומען אַרויס פון יידן... און מיר אויך...

— אַזוי?

— די טאָטערן קומען אַרויס פון ישמעאלן... און ער — פון אַ יידן...

— אָבער וואָס, אייגנטלעך, ווילסטו? וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט צו מיר?

— גאָר נישט. מיר פאַרדריסט נאָר, וואָס דו זאָגסט ליגן...

און ער איז אַוועקגעגאַנגען, איבערלאָזנדיק דעם לערער אין אַ פאַרלעגנהייט. נאָר אין אַ טאָג צוויי אַרום האָט ער זיך ווידער צו אים צוגעזעצט.

— דו ביזט געווען אַ געלערנטער — דאַרפסטו וויסן, ווער מיר זענען, צי ניין?

— מיר זענען סלאַווען, טיאַפּאַ, — האָט דער לערער געענטפערט און אויפמערקזאַם געוואַרט אויף טיאַפּעס ווערטער, ווילנדיק אים פאַרשטיין.

— רעד לויטן ת״נך דאָרט זענען אַזעלכע נישט פאַראַן... ווער זענען מיר — בבלים אפשר? אָדער אפשר גאָר אדום?

דער לערער האָט זיך געלאָזט קריטיקירן דעם תנ״ך. דער אַלטער האָט לאַנג און אויפמערקזאַם אים אויסגעהערט און מיטאַמאָל אים איבערגעשלאָגן די רייד:

— וואַרט נאָר... הער אויס! הייסט עס, איז צווישן די פעלקער, וואָס זענען גאָט באַקאַנט, — זענען די רוסן נישטאָ? ס׳קומט אויס, אַז מיר זענען, דעם אויבערשטן נישט באַקאַנט? נישט אַזוי? די וואָס זענען פאַרשריבן אין תנ״ך, יענע קאָן דער אויבערשטער... ער האָט זיי צושטערט מיט פייער און שווערד,

ער האָט חרוב געמאַכט זייערע שטעדט און דערפער, ער האָט אָבער צו זיי געשיקט נביאים אויף צו לערנען זיי... ער האָט אויף זיי, הייסט עס, רחמנות געהאַט. די יידן און די טאַטערן האָט ער צוזייט און צושפרייט, נאָר זיי אָפגעהיט פון אונטער־גאַנג... און מיר... וואָס איז מיט אונדז? פאַרוואָס האָבן מיר נישט קיין נביאים?

— כ׳ווייס נישט! — האָט דער לערער אויסגעצויגן, באַ־מיענדיק זיך צו פאַרשטיין דעם אַלטן. און יענער האָט אַרויפ־געלייגט די האַנט אויפן לערערס פּלייצע, האָט אָנגעהויבן אים צו שטופּן הין און צוריק און צו כריפּן, פּונקט, ווי ער וואָלט עפּיס געשלונגען...

— אַזוי זשע זאָג!... רעד נישט אַזוי פיל, פּונקט, ווי דו וואָלסט אַלץ געוווּסט. מיך עקלט דיך צו הערן, ווי דו רעדסט... ס׳קערט מיר פּשוט די גאַל פון דיינע רייד... וואָלסט בעסער געשוויגן!... ווער זענען מיר? יאָ! פאַרוואָס האָבן מיר נישט קיין נביאים? אַהאַ!... און וווּ זענען מיר געווען, בעת קריסטוס איז אַרומגעגאַנגען איבער דער ערד? זעסטו? אַך, דו! און דו זאָגסט נאָך ליגן... דערציילסט מעשיות. צי קען דען אַ גאַנץ פאָלק שטאַרבן? דאָס רוסיש פאָלק קען נישט פאַר־שווינדן ווערן — נישט ריכטיק, זאָגסט אַ ליגן... ער איז פאַר שריבן אין תנ״ך, ס׳איז נאָר נישט באַוווּסט, אונטער וואָס׳אַראַ וואָרט... צי קענסטו דען ס׳פאָלק? וואָס איז דאָס פאַר אַ פאָלק? ס׳איז זייער אַ גרויס פאָלק... וויפיל דערפער זענען פאַרהאַן אויף דער ערד? אין די אַלע דערפער וווינט דאָס פאָלק... אַן אמת גרויס פאָלק. און דו זאָגסט — ס׳וועט אונטערגיין, אָפּ־שטאַרבן... אַ פאָלק קען נישט שטאַרבן. אַ מענטש — יאָ... גאָט ברויך צו האָבן דאָס פאָלק, ס׳פאָלק איז דער בויער פון דער ערד. עמלק איז נישט געשטאָרבן, — נישט ריכטיק. די עמלקים זענען די דייטשן, אָדער די פראַנצויזן... און דו... אַך, דו!... נו, זאָג, פאַרוואָס האָט גאָט פון אונדז נישט געוואָלט וויסן? פאַרוואָס האָט ער אונדז נישט אַראָפּגעשיקט נישט קיין מכות

און נישט קיין נביאים. ווער וועט אונדז לערנען, ווי אזוי צו לעבן?...

טיאַפאַס רעדע איז געווען זייער אַ שטאַרקע; אין איר האָבן געקלונגען חיזוק, מוסר און אַ טיפע אמונה. ער האָט לאַנג גערעדט און דעם לערער, וואָס איז, ווי זיין שטייגער איז, געווען בגלופן און אין אַ שכּרן צושטאַנד, איז נמאס געוואָרן צו הערן דעם אַלטן מוסר-זאָגער און ער האָט זיך געפילט, וואָס דער אַלטער האָט גערעדט, געקוקט אויף זיין אויפגעבלאָזענעם גוף, האָט געפילט די דאָזיקע מאָדנע דריקנדיקע קראַפט פון ווערטער און מיט אַמאָל איז אים ביז ווייטאָק געוואָרן אַ שאָד אויף זיך אַליין, ער האָט רחמנות געקריגן אויף זיך גופא. און אים איז געוואָרן אומעטיק פון עפּיס. אים האָט זיך אויך געוואָלט זאָגן דעם אַלטן עפּיס שטאַרקעס, זיכערעס, עפּיס אַזעלכעס, מיט וואָס ער וואָלט געקאָנט מוצא חן זיין ביי טיאַפן, אַזעלכעס, וואָס וואָלט דעם אַלטן געצוווּנגען צו רעדן נישט מיט דעם דאָזיקן האַרב-מוסרדיקן טאָן, נאָר מיט גאָר אַנ'אַנדערן טאָן — מיט אַ ווייכן אַ פאָטערלעך-האַרציקן. און דער לערער האָט געפילט, אַז אין ברוסט ביי אים קאָכט און זידט עפּיס און ס'טרעט אים צו צום האַלדז... נאָר קיין שום שטאַרקע ווערטער האָט ער איז זיך נישט געפונען.

— וואָס ביזטו פאַר אַ מענטש?.. די נשמה איז ביי דיר אַ צוריסענע.... און דו האָקסט דאָ אַ טשאַיניק... פּונקט ווי די וואָלסט געוווּסט וואָס דו רעדסט.:. שעמען מעגסטו זיך... וואָלסט בעסער געשוויגן און נישט געגרעגערט מיט דער צונג.

— עך טיאַפאַ,— האָט דער לערער טרויעריק אַ געשריי געטון,— דו זאָגסט עס גאַנץ ריכטיק. און ס'פאָלק... ריכטיק!.. דאָס פאָלק איז זייער אַ גרויסער... און ער איז מיר פרעמד... אָט און וואָס עס ליגט די טראַגעדיע פון מיין לעבן... נאָר לאָז שוין זיין אַזוי! כ'וועל ליידן... און קיין נבואים זענען נישט פאַראַן... ניין;... כ'רעד טאַקע באמת צופיל... און דאָס דאַרף קיינער נישט... נאָר כ'וועל שוין שווייגן... נאָר דו רעד

נישט מיט מיר אַזוי... אַך, אַלטער דו ווייסט נישט... ווייסט נישט, דו קענסט נישט פֿאַרשטיין.

דער לערער האָט זיך, ענדלעך, צעוויינט. ער האָט זיך צעוויינט לייכט און פֿריי, מיט גאַנצע קוואַלן טרערן, זיך צעוויינט ווי אַ פּיבער און פֿון די דאָזיקע טרערן איז אים געוואָרן שרעקלעך אַנגענעם.

— וואָלסט אַוועק אין דאָרף... וואָלסט זיך געבעטן אויף אַ לערער-פּאָסטן, אָדער אָנגעקומען דאָרט אַלס שרייבער... דו וואָלסט דאַן געוועזן זאַט און זיך דאָרט דורכגעלופּטערט. צוואָס וואַלגערסטו זיך דאָ? — האָט ביז פּיאַטא געכריפּעט.

און דער לערער האָט אַלץ געוויינט, הנאה האָבנדיק פֿון זיינע טרערן.

זייט דאַמאָלסט זענען זיי ביידע געוואָרן באַפריינדעט און די געוועזענע מענטשן, זעענדיק זיי צוזאַמען, פֿלעגן זאָגן!

— דער לערער דרייט זיך אַרום טיאַפּן... געוואָרפן אַן אויג אויף זיין געלט. דאָס איז זיין כּונה.

— דאָס האָט אים קוואַלד אַריינגעגעבן אַ געדאַנק אַ זעלכן,.. אים אָנגערעדט זיך צו דערוויסן, ווו דעם אַלטנס קאַפּיטאַל ליגן באַהאַלטן...

ס׳האָט געקאָנט זיין, אַז, ריידנדיק אַזוי, האָט מען געמיינט אַנדערש. די דאָזיקע מענטשן האָבן געהאַט אַ לעכערליכן כאַראַקטער-שטריך; זיי האָבן ליב געהאַט זיך אַרויסצוּווייזן איינער פֿאַרן אַנדערן אַלס ערגערע, ווי זיי זענען געוועזן אין דער ווירקליכקייט. נישט האָבנדיק און זיך קיין שום גוטעס, איז דער מענטש צייטנווייז גרייט צו קאָקעטירן מיט דאָס שלעכטס, וואָס אין אים איז.

ווען די דאָזיקע אַלע מענטשן קלויבן זיך צענויף אַרום

דעם לערער מיט זיין ציײטונג, — הויבט זיך אָן דאָס לעזן.

— נו, זאָגט דער ראָטמיסטער — וועגן וואָס חקרנט זיך היינט די ציײטונג? אַ פעליעטאָן איז דאָ?

— ניין, — טיילט מיט דער לערער.

— אייער אַרויסגעבער קאַרגט איין געלט אויף דעם... און אַ לייטאַרטיקל איז פאַרהאַן?

— היינט איז דאָ... דוכט גיך, גוליאַיעווס אַ לייטאַרטיקל.

— אַהאַ! לייען דאָס אַרטיקל, ער שרייבט קלוג, דער ימח־שמוניק, אַ רוח אין זיינע ביינער אַריין.

— די אָפּשאַצונג פון אומבאַוועגליכע גיטער, — לייענט דער לערער. — וואָס איז געמאַכט געוואָרן מער ווי מיט פופצן יאָר צוריק דינט נאָך עד היום אַלס באַזיס צו נעמען דעם אָפּשאַפּונגס־שטייער, אַ שטייער...

— דאָס איז נאַיוו — מאַכט דער ראָטמיסטער קוואלדא אַ פרש, — „דינט נאָך עד היום!" דאָס איז לעכערלעך! פאַרן סוחר, וואָס אין זיינע הענט געפינען זיך אַלע עסקים פון דער שטאָדט, איז באַקוועם, אַז אַזאַ אָפּשאַצונגס נאָרמע זאָל ווייטער בלייבן און זי פאַרבלייבט טאַקע אויף ווייטער...

— דאָס אַרטיקל איז טאַקע אָנגעשריבן אויף דער דאָזיקע טעמע און אין דעם דאָזיקן זין.

— אַזוי? אַ חידוש, כ׳לעבן דאָס איז דאָך אַ טעמע פאַר אַ פעליעטאָן... וועגן דעם דאַרף מען שרייבן מיט פעפער...

— ס׳פלאַקערט אויף אַ קליינע מחלוקה און סכסוך. דער עולם הערט זיך אויפמערקזאַם צו דער קריגעריי, ווייל בראָנפן האָט מען אויסגעטרונקען דערווייל נאָר איין פלאַש.

נאָכן לייטאַרטיקל לייענט מען לאָקאַלע כראָניק, דערנאָך די געריכטס־כראָניק. ווען אין די דאָזיקע קרימינאַלע אָפּטיילונגען איז די געליטענע פערזאָן אַ סוחר, — טוט עס קוואַלדן שטאַרק הנאה און ער טריומפירט גאַנץ אויפריכטיק. באַגנבעט אַ סוחר — זייער שיין, אַ מצוה אויף אים, אַ שאָד נאָר, וואָס אויף אַזוי ווייניק. האָבן דעם סוחר צוקלאַפּט די די פערד, — איז אויסגעצייכנט, און אַ מחיה צו הערן אַזאַ

נייעס, אַ שאָד נאַר, וואָס ער איז געבליבן לעבן. האָט ווידער דער סוחר און גערינכט פאַרשפּילט זיין געלט־תּביעה — איז דאָס אויך אויסגעצייכנט, טרויעריק איז נאַר, וואָס מ׳האָט אויף אים נישט אַרויפגעלעגט קיין טאָפּעלע געריכטס־קאָסטן.

— דאָס וואָלט געווען אומגעזעצלעך, — באַמערקט דער לערער.

— נישט געזעצלעך? צי איז דען דער סוחר גופא געזעצלעך! — פרעגט ביטער קוואַלדאַ. וואָס איז אַזוינס אַ סוחר לאָמיר באַטראַכטן די דאָזיקע גראָבע און אומגעלומפּערטער ערשיינונג: קודם כּל איז יעדער סוחר — אַ פּויער. ער קומט פון דאָרף און אין אַ געוויסע צייט אַרום ווערט ער אַ סוחר. כּדי צו ווערן אַ סוחר, דאַרף מען האָבן געלט. פון וואַנען קען אַ פּויער האָבן געלט! ווי באַוווּסט, קומט צו געלט נישט פון קיין ערליכע טרחה. הייסט עס, אַז דער סוחר איז אַ פּויער אַ שווינדלער.

— גוט, קונציק! — לויבט דער עולם קוואַלדאַס אויספיר, מיט וועלכן זיי זענען פולשטענדיק מסכּים.

און טיאַפּאַ מרוטשעט בשעת מעשה און רייבט זיך די ברוסט. אַזוי בורטשעט ער אויך, ווען ער טרינקט אויס דאָס ערשטע קעלישעקל בראָנפן. דער ראָטמיסטער שיינט פון נחת.

ווייטער לייענט מען קאָרעספּאָנדענציעס. דאָ איז פאַרן ראָטמיסטער, ווי ער דריקט זיך אַרויס, „אַ פּענאַנדערגעגאָסענער ים". ער זעט אומעטום, ווי דער סוחר פירט זיך מאוס אויף אין לעבן און ווי קונציק ער קוועטש עס און מאַכט עס קאַליע.

קוואַלדאַס דבורים קלאַפּן ווי מיט דונערן דעם סוחר און מאַכן פון אים אַ תּל. מ׳הערט אויס דעם ראָטמיסטער מיט אַן׳אויסדרוק פון פאַרגעניגן אין די אויגן, ווייל ער זידלט זיך גיפטיק.

— ווען איך וואָלט געשריבן אין די צייטונגען! — רופט ער זיך אָפּ — אָ, דאַן וואָלט איך געוויזן דעם סוחר און זיין אמתן אויסזען... כ׳וואָלט געוויזן, אַז ער איז נישט מער ווי אַ

חיה, וואָס פּילט אויס צייטווייליק דעם אָמט פון אַ מענטשן. איך פאַרשטיי אים און איך קען אים! וואָס איז ער? ער איז גראָד, ווילד, ער האָט נישט קיין געשמאַק אין לעבן, האָט נישט קיין פאָרשטעלונג וועגן פאַרטערלאַנד און קיין זאַך שטייט ביי אים נישט העכער, ווי די מטבעה.

אַביעדאַק, וויסנדיק קוואַלדאַס שוואַכקייט און ליב האָבנדיק צו רייצן מענטשן, שטעלט גיפטיק אַריין:

— יאָ, זייט דעם, ווי די דוואָריאַנעס *) האָבן אָנגעהויבן געזרן צו שטאַרבן פון הונגער, — ווערן מענטשן פאַרשווונדן פון לעבן...

— דו ביזט גערעכט, דו זון פון אַ פּאַוק און אַ זשאַבע; יאָ, זייט דעם, ווי די דוואָריאַנעס זענען געפאַלן, זענען קיין מענטשן נישטאָ! ס'זענען פאַרהאַן בלויז סוחרים... און איך האָב זיי פיינט בתכלית השנאה.

— ס'איז גאַנץ פאַרשטענדליך, ווייל דיך ברודערקע, האָבן זיי אויך געטרעטן מיט די פיס און געמאַכט פון דיר אַ תל...

— מיך? איך בין אומגעקומען פון ליעבע צום לעבן... שוטה! איך האָב ליב געהאַט ס'לעבן... און דער סוחר באַראַבעוועט ס'לעבן. כ'קען אים נישט ליידן אָט דערפאַר טאַקע. און נישט דערפאַר, וואָס איך בין אַ צוואָריאַנין. איך, אויב דוווילסט וויסן, בין אינגאַר נישט קיין דוואָריאַנען, נאָר פּשוט אַ געוועזענער מענטש. איך שפּיי איצט אויף אַלץ און אויף אַלעמען. און דאָס גאַנץ לעבן איז פאַר מיר אַ געליבטע, וועלכע האָט מיך אָוועקגעוואָרפן... און דערפאַר פאַראַכט איך זי, דאָס לעבן הייסט עס, און בין טיף צו איר גלייכגילטיק.

— זאָגסט אַ ליגן! — רופט זיך אָפּ אַביעדקאָוו.

— איך זאָג אַ ליגן? — שרייט אַריסטיד קוואַלדאַ, רויט פון כעס.

— צוואָס שרייען, — דערהערט זיך מאַטריאַנאָוס קאַל-

---

*) די שלאַכטשיצעס. באַמ. פון איב.

טער און אומעטיקער באַס־שטים. — צוואָס, חקר'ן זיך? סוחר דוואָריאַנין... וואָס גייט עס אונדז אָן?

— אַזוי ווי מיר זענען „ני בע, ני מע ני קו־קו־רעקו...״ שטעלט אַריין דער דיאַקאָן טאַראַס.

— הערט אויף, אַביעדקאָוו, — זאָגט מיט אַ טאָן פון אַ שלומניק דער לערער. — צוואָס טויג אונדז צו זאַלצן דעם הערינג?

ער האָט נישט ליב קיין מחלוקה און בכלל האָט ער נישט ליב קיין געפילדער. ווען ס'צעפלאַקערן זיך אַרום די ליידנשאַפטן, לייגן זיך צונויף זיינע ליפּן אין אַ קרענקליכע גרימאַסע און ער באַמיט זיך פאַרנונפטיק אַלעמען מיט אַלע שלום צו מאַכן און אויב דאָס געלינגט אים נישט, פאַרלאָזט ער די גאַנצע קאָמפּאַניע און גייט אַוועק. וויסנדיק וועגן דעם האַלט זיך דער ראָטמיסטער איין, אויב ער איז נאָר נישט שטאַרק שכור, נישט ווילנדיק צו פאַרלירן אין דעם לערערס פּערזאָן דעם בעסטן צוהערער פון זיינע רעדעס.

— איך זאָג נאָך אַ מאָל, — רעדט ער ווייטער שוין פיל רויקער, — איך זע דאָס לעבן אין די הענט פון שונאים פון נישט שונאים בלויז פון דוואָריאַנעס. נאָר שונאים פון אַלץ, וואָס איז נאָבעל און איידל, גיריקע שונאים, וואָס זענען נישט פעיק צו באַצירן ס'לעבן מיט וואָס עס איז.

— פונדעסטוועגן ברודערקע, זאָגט דער לערער — האָבן די סוחרים באַשאַפן געניוע, ווענעדיק. האָלאַנד — דאָס זענען סוחרים.

די סוחרים פון ענגלאַנד האָבן איינגענומען פאַר זייער לאַנד אינדיע, די סוחרים סטראָגאַנאָווי...

— וואָס גייען מיר אָן די סוחרים? איך מיין יודא פּעטוניקאָוו און אַלע, וואָס זענען מיט אים און ענליך צו אים...

— און וואָס גייען דיר אָן די דאָזיקע מענטשן? — פרעגט שטיל דער לערער...

— צי לעב איך אויף דער וועלט אָדער נישט! זאָג ווי באַלד איך לעב, מוז איך זיין אויפגעבראַכט, זעענדיק, ווי

וואלדע מענטשן, וואס האבן פארכאפט דאס לעבן, מאכן דאס לעבן קאליע.

— און לאכן פון דעם איידעלן כעס פונם ראטמיסטער און פון א מענטשן אין דעמיסיע, ווארפט אריין אביעדקאוו א פאר שטעכווערטער אויף קוואלדאס אדרעס.

— גוט! דאס איז נאריש, כ'בין מסכים-אלס געוועזענער מענטש, דארף איך אויסמעקן אין זיך אלע געפילן און געדאנקן, וואס זענען אמאל געווען מיינע. דאס קען זיין איז ריכטיק... נאר מיט וואס וועל איך און איר אלע, — מיט וואס וועלן מיר זיך באוואפנען, אויב מיר וועלן אין זיך פארטיליקן די דאזיקע געפילן?

— איצט הויבסטו אן צו ריידן קלוג, — גיט אים דער לערער צו חשק ווייטער צו רעדן.

מיר דארפן עפיס אנדערש; אנדערע אנשוואונגען אויף דעם לעבן, אנדערע געפילן... מיר דארפן האבן עפעס אזעלכעס, וואס איז פריש, נישט פארשימלט און ניי מחמת מיר אליין זענען אויך א נייעס אין לעבן...

— קיין ספק נישט, אז מיר דארפן עס האבן — זאגט דער לערער, נאך וואס דארפן מיר ריידן און קלערן! מיר וועלן שוין לאנג נישט לעבן... איך בין שוין אלט פערציק, דו — פופציק יאר... קיין יונגערער פון דרייסיק יאר איז צווישן אונדז נישטא און אפילו ווען מ'איז אלט צוואנציק יאר, קען מען פירנדיק אזא לעבן, ווי מיר, לאנג נישט אנציען.

— וואס פאר א נייעס זענען מיר? — לאכט אביעדקאוו — שלעפערס און האלאשטאניקעס האט קיין מאל נישט געפעלט.

— אבער אזעלכע מענטשן האבן געשאפן די שטאט הוים, זאגט דער לערער.

— יא, טאקע אמת. — טריומפירט דער ראטמיסטער: — ראמול און רעם זענען דען נישט געווען קיין באסיאקעס? און מיר — אויף אונדזער ריי און צייט וועט אויך קומען — וועלן אויך שאפן...

— א שטערונג פון דער געזעלשאפטלעכער שטילקייט און

דו — שלאָגט אָביעדקאָוו איבער די רייד. ער צעלאַכט זיך שטאַרק, צופרידן מיט זיין גיפטיקער באַמערקונג. דאָס גע-לעכטער זיינס איז אַ העסליכער, וואָס עסט די נשמה. אים זאָגן נאָך סימצאָוו, דער דיאַקאָן, אַנדערהאַלבן טאַראַסן. די תמימתדיקע אויגן פונם יינגל מעטעאר ברענען מיט אַ העלן פייער און די באַקן זיינע רויטלען זיך. קאָניעץ רעדט, פונקט ווי ער וואָלט געשלאָגן איבער די קעפ מיט אַ האַמער.

— דאָס אַלץ איז שטות... חלומות... נאַרישקייט!

מאָדנע איז געווען צו זען ווי עס חקרנען זיך די דאָזיקע מענטשן וואָס זענען אַרויסגעיאָגט און אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון לעבן, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע מענטשן, וואָס זענען דורכגעדרונגען מיט בראָנפן און צאָרן, מיט איראָניע און שמוץ.

פאַרן ראָטמיסטער זענען אַזעלכע געשפּרעכן געווען ממש אַ נחת רוח. ער האָט גערעדט מער פון אַלע, און דאָס האָט אים געגעבן די מעגליכקייט, זיך צו האַלטן בעסער און לייטי-שער פון אַלע. ווי נידעריק דער מענטש זאָל נישט פאַלן, — וועט ער זיך קיינמאָל נישט אָפּזאָגן, פון דער הנאה זיך צו פילן שטאַרקער, קלוגער, לפּחות זאַטער פון זיין נאָענטן מענטשן. אַריסטיד קוואַלדאַ האָט מיסגעברויכט מיט דער דאָזיקער הנאה ער פלעגט צו פיל צו אָפּט הנאה האָבן פונם באַוווסטזיין, אַז ער איז שטאַרקער, קלוגער און זאַטער פון די מענטשן, וואָס רינגלען אים אַרום, און ער האָט זיך נישט געקענט אָנזעטיקן מיט דער דאָזיקער הנאה, צו דער גרויסער אומצופרידנקייט פון אָביעדקאָוון, קובאַרן און אַנדערע געוועזע מענטשן, וואָס האָבן קנאַפּ זיך אינטערעסירט מיט אַזעלכע פראַגן.

דערפאַר איז אָבער פּאָליטיק געווען אַלעמענס ליבלינג אין דער מלינה. אַ געשפּרעך וועגן דער נויטווענדיקייט איינ-צונעמען אינדיען אָדער אָנצושטערנען און ווייכער מאַכן ענג-לאַנד, האָט זיך דאָרט געקאָנט פאַרציען מי יודיע ווי לאַנג, אָן אַ סוף. מיט אַ בישט קלענערער ליידנשאַפט פלעגן די גע-וועזענע מענטשן רעדן וועגן די מיטלען און אופנים, ווי אַזוי

אײנגאַנצן אויסצוראָטן די ייִדן פֿון דער גאַנצער װעלט. נאָר אין דער דאָזיקער פֿראַגע האָט די אױבערהאַנט שטענדיק געהאַט אָביעדקאָװ. װעלכער פֿלעגט פּאַרפּאַסן מאָדנע גרױזאַמע פּראָיעקן, און דער ראָטמיסטער, װעלכער האָט געװאָלט אומעטום זײַן דער ערשטער, פֿלעגט אױסמײַדן צו רײדן אױף דער דאָזיקע טעמע. גערן, פֿיל און מאוס פֿלעגט מען אין דער מלינה רעדן װעגן פֿרויען. נאָר דער לערער פֿלעגט שטענדיק אַרױסטרעטן אַלס מליץ יושר פֿון די פֿרויען און זײ פּאַרטײדיקן. ער פֿלעגט זײַן אין כּעס װען די געװעזענע מענטשן פֿלעגן, רעדנדיק װעגן פֿרויען, שטאַרק איבערזאַלצן און אויסרעדן אויף זיי, וואָס אין דער קאָרט שטייט. מ׳פֿלעגט אים טאָן צוליב, ווייל אַלע האָבן אויף אים געקוקט ווי אויף אַ נישט דורכשניטליכן מענטשן, און ביי אים פֿלעגט מען שבת באָרגן געלט, וואָס ער האָט פֿאַרדינט פֿאַר דער וואָך.

ער האָט בכלל געהאַט און דער מלינה פֿיל פּריווילעגיעס: אים, צום ביישפּיל, פֿלעגט מען נישט שלאָגן אין יענע, נישט זעלטענע פֿאַלן, ווען די געשפּרעכן און דיסקוסיעס פֿלעגן זיך ענדיקן מיט אַ געשלעג, אין וועלכן אַלע פֿלעגן אַנטייל נעמען. אים פֿלעגט מען דערלויבן צו ברענגען און מלינה פֿרויען; חוץ אים האָט קיינער נישט געהאַט דאָס רעכט דאָס צו טאָן, ווייל דער ראָטמיסטער פֿלעגט אַלעמען וואָרנען:

— קיין פֿרויען זאָלט איר צו מיר נישט פֿירן... פֿרויען, סוחרים און פֿילאָזאָפֿן — זענען די דריי סיבּות פֿון מיינע מפּלות. כ׳וועל אָנברעכן די ביינער, אויב כ׳וועל עמיצן זען קומען אַהער מיט אַ פֿרוי... די פֿרוי גופֿא וועל איך אויך גוט אויסקלאַפּן די זשעבּרעס... פֿאַר פֿילאָזאָפֿירן — וועל איך אָפּרייסן דעם קאָפּ.

ער האָט געקאָנט אָפּרייסן דעם קאָפּ: נישט קוקנדיק אויף זיינע יאָרן, האָט ער געהאַט אַ אומגעהויערן כּח. חוץ דעם פֿלעגט מאַרטינאָוו יעדעס מאָל, ווען דער ראָטמיסטער פֿלגעט זיך שלאָגן, אים צוהעלפֿן. אַ כמורנעם און אַ שווייגנדיקער, ווי אַ מצבה אויף אַ קבר. פֿלעגט ער מעת אַנ׳אַלגעמיינעם געשלעג זיך שטעלן אָן שולטער „שולטער” מיט קוואַ

וואַלדן און דאַן פֿלעגן זיי ביידע ווערן אַנ׳אַלץ צושמעטערנדע מאַשינען, וואָס קיינער קען זי נישט צעשמעטערן.

אַמאָל האָט סימצאָוו שכורעהייט, פֿאַר אַן אַ וואָס און פֿאַר ווען, אָנגעכאַפּט דעם לערער פֿאַר די האָר און אויסגע־ריסן אים אַ גאַנץ בינטל. קוואַלדאַ האָט סימצאָוון דורך אַ קלאַפּ מיטן פֿויסט אין ברוסט, אַוועקגעלייגט אויף אַ האַלבע שעה אַ פֿאַרחלושטן, און ווען מ׳האָט סימצאָוו אָפּגעמונטערט, האָט ער אים געצוואונגען אויפצועסן די האָר, וואָס ער האָט אַרויסגעריסן ביים לערער פֿון קאָפּ. יענער האָט געפֿאָלגט קוואַלדן: אויפגעגעסן די האָר, מורא האָבנדיק, אַז דער ראַט־מיסטער וועט אים אַוועקלייגן אַ ברמנן.

חוץ לייענען צייטונגען, געשפּרעכן און מחלוקות, פֿלעגט מען אין דער מלינה זיך ווײַלן מיט קאָרטן־שפּיל. מ׳פֿלעגט שפּילן אָן מאַטריאַנאָוון, ווײַל ער האָט נישט געקאָנט שפּילן ערליך, און וואָס ער האָט זיך אַליין מודה געווען, נאָכדעם, ווי מ׳האָט אים עטליכע מאָל געפּאַקט ביי דער האַנט בעתן שפּיל, ווען ער איז באַגאַנגען אַ שווינדל. ער האָט וועגן זיך אַליין געזאָגט!

— איך קען נישט שפּילן ערליך... דאָס איז ביי מיר אַ געוווינהייט.

— דאָס טרעפֿט זיך, — האָט באַשטעטיקט דער דיאַקאַן טאַראַס — אַ געוווינהייט איז נישט קיין קאַטאָוועס איך בין גע־וווינט געווען צו שלאָגן מיין פֿלוניתטע יעדן זונטיק, נאָך דער גאָטעס־דינסט; און שטעלט אייך פֿאָר, אַז ווען זי איז גע־שטאָרבן — פֿלעגט מיך זונטיק אַרומכאַפּן אַזאַ בענקשאַפֿט, אַז כ׳האָב נישט געוווּסט, ווו זיך אַהין צו טון. ס׳גייט אַדורך איין זונטיק — כ׳זע ס׳איז שלעכט! דער אַנדערער זונטיק — כ׳האָב קוים אויסגעהאַלטן. דעם דריטן זונטיק האָב איך זיך שוין נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָב דערלאַנגט אַ קלאַפּ מיין קעכין... זי האָט זיך געפֿונען באַליידיקט... כ׳וועל איינגעבן, זאָגט זי, אויף אייך צו דעם פֿרידנס־ריכטער. שטעלט זיך פֿאָר מיין לאַגע! דעם פֿירטן זונטיק האָב איך איר אויסגעקלאַפּט

גוט די ביינער, אזוי ווי מיין פרוי עליה השלום! דערנאך האב איך איר באצאלט צען רובל און זי שוין געשלאגן לויט דעם איינגעפירטן סדר, ביז וואנען כ׳האב נאך אמאל נישט חתונה געהאט.

— דיאקאן — דו זאגסט א ליגן! ווי אזוי האסטו געקאנט דאס צווייטע מאל חתונה האבן? — האט אים אביעדקאוו איבערגעשלאגן די רייד.

— וואס? כ׳האב אזוי... זי האט ביי מיר געפירט דיווירטשאפט...

— איר האט געהאט קינדער? — האט דער לערער גע- פרעגט.

— פינף שטיק... איינער איז דערטרונקען געווארן... דער בכור... א ווויל יינגל געווען! צוויי זענען געשטארבן פון דיפ- טעריט... איין טאכטער האט חתונה געהאט מיט עפיס א סטו- דענט און איז מיט אים אוועקגעפארן קיין סיביר, און די אנדערע האט זיך געוואלט לערנען און איז געשטארבן אין פעטערבורג... פון שווינדזוכט, זאגט מען... יא — וואס דען מיינט איר מיר, גייסטליכער, זענען פרוכטבארע...

ער האט אנגעהויבן ערקלערן, פון וואס אזא פרוכטבארקייט עמט זיך, דערוועקנדיק א געוואלטיקן געלעכטער מיט זיין דערציילונג ווען מ׳איז מיד געווען צו לאכן, האט אטצסקיי מאקסימאוויטש סימצאוו זיך דערמאנט און דערציילט, אז ער האט אויך געהאט א טאכטער.

— לידקא האט מען זי גערופן... זי איז געווען אזא דיקע...

און מער, ווייסט אויס, האט ער גאר נישט געדענקט, ווייל ער האט א קוק געטון אויף אלע, האט פארשולדיקט א שמייכל געטאן און... איז פארשוויגן געווארן.

וועגן זייער פארגאנגנהייט פלעגן די דאזיקע מענטשן ווייניק רעדן איינער מיטן אנדערן, פלעגן זייער זעלטן זיך דערמאנען וועגן דעם, ווען שוין יא — שטענדיק און אלגע- מיינע שטריכן — און אין א מער ווייניק לעכערליכן טאן. ס׳קען

זיין, אַז אַזאַ באַציִונג צו דער פאַרגאַנגענהייט איז געווען קלוג, ווייל די ערינערונג פון דער פאַרגאַנגענהייט שוואַכט אָפּ ביי דאָס רוב מענטשן די ענערגיע אין דער זעגנוואַרט און צעשטערט די האָפענונג אין דער צוקונפט.

אין די רעגנדיקע, גראָע, קאַלטע טעג פונם שפּעטן האַרבסט פלעגן זיך די דאָזיקע אַלע געוועזענע מענטשן צובויפקומען אין וואַווילאָווס שענק. דאָרט האָט מען זיי געקאָנט, פאַר זיי מורא געהאַט אַביסל, ווי פאַר גנבים און מענטשן, וואָס האָבן ליב זיך צו שלאָגן און מאַכן אַוואַנטורעס, מ׳האָט זיך דאָרט באַצויגן צו זיי מיט פאַראַכטונג, ווי צו ביטערע שכורים, נאָר פונדעסטוועגן זיי געשעצט און זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס זיי ריידן, האַלטנדיק זיי פאַר קלוגע מענטשן, וואָווילאָווס שענק איז געווען אַ מין קלוב אויף דער וויעזשער גאַס און די „געוועזענע מענטשן“ — די אינטעליגענץ פונם קלוב. און די שבת צו נאַכט און זונטאָג פון אין דער פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט, איז דער טראַקטיר געווען פול, און די געוועזענע מענטשן זענען דאָרט געווע, געווונשענע געסט. זיי פלעגן אַריינטראָגן אַהין זייער ספּעציפישן גייסט אין דער סביבה פון די איינוווינער פון יענער גאַס, וואָס זענען געווען דערשלאָגן פון אָרימקייט און צרות, און אין דעם דאָזיקן גייסט פון די געוועזענע מענטשן איז געווען עפּיס אַזעלכעס, וואָס האָט לייכטער געמאַכט דאָס לעבן פון די מענטשן, וועלכע זענען געווען אויסגעמאַטערט און פאַרלאָרן פון שטענדיקן זוכן דעם לחם חוקי און אויך אַזעלכע שכורים, ווי די געסט פון קוואַלדאַס מלינה, אויך אַזוי אַראָפּגעוואָרפן פון דער שטאָדט, ווי זיי, די געוועזענע מענטשן, זיי די געוועזענע מענטשן, האָבן געקאָנט רעדן וועגן אַלץ און אַלץ אויסלאַכן, האָבן געהאַט אַ דרייסקייט פון מיינונגען, זיך אויסגעלייכט מיט אַ שאַרפ-

קייט פון ריידן און נישט געהאַט קיין פּיצל מורא פאַר דעם, פאַר וועלכן די גאַנצע גאַס האָט געציטערט, זענען געווען תּאָפּעריק און ווילדיונגעריש און דאָס אַלץ האָט געמוזט דער גאַס געפעלן. חוץ דעם האָבן זיי, געקענט די געזעצן, געקאָנט געבן אַ וואָס מ׳וויל פאַר אַן׳עצה, אָנשרייבן אַ פּאָדאַניע, העלפן אומבאַשטראָפט צו באַגיין אַ שווינדל, פאַר דעם אַלץ האָט מען זיי געצאָלט מיט בראָנפן און אַ זויבּרילכטיקער באַוווּנדערונג פון זייערע טאַלאַנטן.

לויט אירע סימפּאַטיעס האָט די גאַס זיך געטיילט אויף צוויי כמעט גלייכע פּאַרטייען: איינע האָט געהאַלטן, אַז „דער ראָטמיסטער איז פיל דרייסטער און מוטיקער ווי דער לערער, אַז ער איז אַן עכטער מיליטער מענטש, אַז ער איז זייער אַ מוטיקער און קלוגער מענטש". די אַנדערע פּאַרטיי, דאַגעגן, האָט מער געהאַלטן פונם לערער און איז געווען איבערצייגט, אַז ער „שטייגט איבער" קוואַלדן. קוואַלדעס אָנהענגער זענען געווען די מיעשטשאַנעס, וואָס זענען געווען אויף דער גאַס באַקאַנט אַלס די ערגסטע שכורים, גבים און הפקר-מענטשן, פאַר וועלכע דער וועג פון דער טאַרבע צו דער תּפיסה איז נישט געווען קיין געפערליכער *). דעם לערער האָבן געאַכטעט די מער סטאַטעטשנע מענטשן, וועלכע האָבן אויף עפּיס געהאָפט, אויף עפּיס געוואַרט, זענען שטענדיק מיט עפּיס פאַרנומען און זעלטן געווען זאַט.

דער כאַראַקטער פון די באַציונגען מצד קוואַלדן און דעם לערער צו דער גאַס קאָן באַשטימט ווערן דורך דעם פאָלגנדן ביישפּיל. אַמאָל איז אין וואָוילאַוס טראַקטיר באַהאַנדלט געוואָרן די פאַרבינדונג פון דער שטאָט-דומע (מאַגיסטראַט) לויט וועלכער די איינוווינער פון דער וויעזשער גאַס זענען מחויב געווען: צו פאַרשיטן די רעגן-גרובן און טיפּע-

*) דאָ איז גאָרקי זיך סומך אויפן רוסישן שפּריכוואָרט: „פון דער טאַרבעוועסטו קומען אין תּפיסה אריין" ד. ה. אז דאָס ארומגיין שנאָרען ברענגט סוף-כל-סוף צו א פאַרברעכן און אלס יוצא מזה, צו תּפיסה. באמ. פון איב.

נישן אויף זייער גאַס, אָבער נישט צו באַנוצנדיק צו דעם דאָ-זיקן צוועק קיין מיסט און קיין פּגרים פון היימישע חיות, און נאָר באַנוצן שטיינדלעך און שרויט פון די ערטער ווו מען בויט בנינים.

— פון וואַנען־זשע דאַרף איך נעמען די דאָזיקע שטיינדלעך און שרויט, ווען אַליין האָב איך אין מיין גאַנץ לעבן געוואָלט מאַכן אַ פייגלשלאַק, האָב איך עס נאָך עד־היום נישט באַוויזן צו טון? — האָט טרויעריק זיך געקלאָגט מאַקיי אַני-סימאָוו, אַ פּאַרשוין, וואָס האָט זיך פּאַרנומען דערמיט, וואָס ער האָט געהאַנדלט מיט געריבענע חלות, וועלכע זיין ווייב האָט געבאַקן.

דער ראָטמיסטער האָט איינגעפונען, אַז ער דאַרף אַרויס-זאָגן זיין מיינונג וועגן דעם ענין און האָט אַ קלאַפּ געטון מיטן פויסט איבערן טיש, צוציענדיק צו זיך די אויפמערק-זאַמקייט פון עולם.

— פון וואַנען צו נעמען שטיינדלעך און שרויט ווילט איר וויסן? גייט קינדער, אַלע פון דער גאַנצער גאַס אין שטאָדט אַריין און בעמט פונאַנדער די דומע (דעם מאַגיסטראַט). אויף אַזאַ אופן וועט איר צווייפאַכיק טון אַ טובה דעם ענין פון פאַרשענערן די שטאָט, — איר וועט די וויעזשע גאַס מאַכן פּאַר אַן אָנשטענדיקע, און צווינגען די שטאָט אויסצובויען אַ נייעם בנין פאַר דער דומע. פּערד אויף איבערצופירן דעם שרויט נעמט ביים שטאָדט גאָלאָוואַ *) אגב נעמט אייך מיט זיינע דריי טעכטער — מיידלעך פּאַסן זייער, מ׳זאָל זיי איינ-שפּאַנען אין אַ וואָגן. אָדער מאַכט גאָר חרוב יודא פּיעטוני-קאָווס הויז און ברוקירט אויס די גאַס מיט האָלץ. אגב, ווייס איך, מאַקיי, מיט וואָס דיין ווייב האָט היינט געבאַקן חלות: — זי האָט געהייצט דעם אויוון מיט לאָדנס פונם דריטן פענצ-טער און מיט צוויי טרעפּ פון יודא פּיעטוניקאָווס הויז.

ווען דער עולם האָט זיך געזעגנט אָנגעלאַכט און זיך גע-

---

*) שטאָט־פּרעזידענט.

וויצלט איבער דעם ראַטמיסטערס פאָרשלאַג, האָט סטאַטעטש־נער גערטנער פּאַווליוגין געפרעגט:

— וואָס זשע טוט מען פאָרט, אייער בלאַגאָראַדיע. האַ? וואָסטו זאָגן אויף דעם?

— איך? זיך, נישט רירן, נישט מיט דער האַנט און נישט מיט דעם פוס! דער רעגן צוואַשט די גאַס — זאָל ער צוואַשן!

— עטליכע הייזער האָבן חשק איינצופאַלן...

— שטערט זיי נישט, — זאָלן זיי פאַלן (פאַלן זיי איין — רייס דאַן פון דער שטאָדט שטיצע און הילף, וועט די שטאָדט נעבן קיין שטיצע — גיב אין געריכט אַ געלט-תביעה! דאָס וואַסער פון וואַנען שטראָמט? פון דער שטאָדט? איז דאָס אַ באַווייז, אַז די שטאָדט איז טאַקע שולדיק אין דעם, וואָס די הייזער ווערן חרוב...

— דאָס וואַסער איז פון רעגן, ווען מען זאָגן...

— אָבער די הייזער פון שטאָדט פאַלן דאָך נישט אים פון אַזעלכע וואַסערן? האַ? די שטאָמט רייסט פון אייך פאָ־דאַטקעס און קיין שטים רעכט גיט זי אייך נישט. איר זאָלט קענען זיך אַרויסזאָגן וועגן אייערע התצטרכותן! די שטאָדט מאַכט קאַליע אייער לעבן, האָב און גוטס, און צווינגט אייך נאָך צו פאַריכטן דאָס, וואָס זי מאַכט קאַליע! נעמט זיך און קייקלט זי פון פאָרנט און פון הינטן!

און אַ האַלבע גאַס, איבערצייגט פון ראַדיקאַל קוואַלדאַ, האָט באַשלאָס צו וואַרטן ביז דאָס רעגן-וואַסער, וואָס שטראָמט אַראָפּ פון דער שטאָט, וועט אָפּוואַשן אירע הייזלעך.

די מער מיושבדיקע מענטשן האָבן אין דער פּערזאָן פונם לערער געפונען אַ מענטשן, וועלכער האָט זיי צוזאַמענ־געשטעלט אַנ׳אויסגעצייכנטע און איבערצייגנדע רעליאַציע פאַר דער שטאָט דומע אין דער דאָזיקער רעליאַציע אַז דאָס אָפּ־זאָגן זיך פון דער ווייערזשער גאַס אויסצופירן די פאַראָרדנונג פון דער דומע געווען מאָטיווירט אַזוי סאָליד, אַז די דומע האָט „צוגעלייגט אַנ׳אויער״ און גענומען אין אַכט די טענות

פון דער ווירזשער גאַס, מ׳האָט די איינוווינער פון אַט דער גאַס ערלויבט צו נעמען דעם שרויט, וואָס איז פאַרבליבן נאָכן רעמאָנטירן די קאַזאַרמעס, און איר געגעבן אויף איבער-צופירן דעם שרויט, פינף פערד פון די פייער-לעשער. נאָך מער: מ׳האָט אַנערקענט פאַר נויטיק צו מאַכן אויף דער וויע-רזשער גאַס אַ אָפּצוגס-רער. דאָס און פיל אַנדערעס האָט גע-שאַפן דעם לערער אַ ברייטע פּאָפּולאַריטעט אויף דער גאַס. ער פלעגט שרייבן פּאַדאַניעס, דרוקן נאָטיצן אין דער ציימונג. אַזוי, למשל, האָבן אַמאָל די געסט פון וואָווילאָווס טראַקטיר באַמערקט, אַז די הערינג און אַנדערע עסנוואַרגן, וואָס ווערן דאָרט אַרויסגעגעבן, אַנטשפּרעכן נישט זייער באַשטימונג. און אַט, שטייענדיק צוויי טעג נאָך דעם פאַרן בופעט מיט אַ צײַ-טונג אין דער האַנט. האָט וואָווילאָוו עפנטלעך חוזר בתשובה געטאָן.

— אמת — איינס קען איך זאָגן. אמת, די הערינג האָב איך געקויפט פאַר ראָסטע, נישט איינגאַנצן קיין גוטע. און דער קרייט... אמת... אויך נישט קיין גוטער. יעדער מענטש, ווי באַוווּסט, וויל וואָס מער געלט אַרײַנלייגן צו זיך אין טאַש אַריין נו, און וואָס איז פון אַזאַ זאַך אַרויסקומען? ס׳איז אַרויסגעקומען פונקט קאַפּויער: איך האָב געוואָלט באַגיין אַ חטא — און אַ קלוגער מענטש האָט מיך געמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט פאַר מיין גיריקייט... גענוג! אַ סוף! מער טו איך עס נישט.

דאָס דאָזיקע עפנטליכע תשובה טאָן האָט אויפן עולם געמאַכט אַ גוטן איינדרוק און וואָווילאָוון געגעבן די מעגליכ-קייט מכבד צו זיין די געסט מיט די זעלבע הערינג און קרייט, דאָס אַליין האָט דער עולם אומבאַמערקט אויפגעגעסן איינטערן גוטן איינדרוק פון וואָווילאָווס תשובה טאָן. דער דאָזיקער פאַקט איז געווען זייער אַ באַדייטנדער, ווייל ער האָט נישט נאָר פאַרשטאַרקט דעם לערערס פּרעסטיזש, נאָר באַקאַנט געמאַכט דעם עולם מיט דער מאַכט און איינפלוס פונם געדרוקטן וואָרט

ס'פלעגט זיך אויך טרעפן, אַז דער לערער פלעגט אין שענק האַלטן לעקציעס פון פּראַקטישער מאָראַל.

— כ'האָב געזען — האָט ער געזאָגט, וועגדנדיק זיך צום מאַליאַר יאָשקאַ טיורין — כ'האָב געזען, יאַקאָוו, ווי דו האָסט געשלאָגן דיין ווייב...

יאָשקאַ האָט זיך שוין „אונטערגעפּאַרבט" מיט צוויי גלעזער בראָנפן און איז געווען שטאַרק בגילופדיק. דער עולם קוקט אויף אים, וואַרטנדיק, אַז אָט וועט ער שוין באַווייזן עפּיס אַ שטיקל, אין שענק ווערט שטיל.

— האָסט געזען? נו, ס'איז דיר געפעלן געווען? פרעגט יאָשקאַ.

דער עולם לאַכט איינגעהאַלטן.

— ניין ס'איז מיר נישט געפעלן געווען, — ענטפערט דער לערער. זיין טאָן איז אַזוי סוגעסטיש, ערנסט, אַז דאָס גאַנצע פּובליקום שווייגט.

— דוכט זיך, אַז איך האָב מיך באַמיט, זיך געפּלייסט אָפּצוטאָן די זאַך בשלמות, — זאָגט יאָשקאַ ווויליונגעריש, פילנדיק, אַז דער לערער וועט אים אָפּשניידן, — וזהא ראיה: די פרוי מיינע איז צופרידן... זי שטייט היינט נישט אויף... ליגט נאָך...

דער לערער צייכנט, פאַרטראַכט, מיט אַ פינגער איבערן טיש עפּיס פיגורן און זאָגט:

— זעסטו, יאַקאָוו, מיר געפעלט עס ניש און אָט פאַרוואָס, נאָר לאָמיר פריער גרינדלעך באַטראַכטן, וואָס אייגנטלעך דו טוסט און וואָס פאַר אַ פאָלגן עס קענען דערפון אַרויסקומען. דיין ווייב איז דאָך מעוברת: דו האָסט זי נעכטן געשלאָגן נישט נאָר דיין ווייב, נאָר דאָס פיצעלע קינד אויך. דו האָסט עס געקאָנט דערהרגענען, און ביים האָבן דאָס קינד וואָלט דיין ווייב פון דעם געשטאָרבן אָבער זי וואָלט שטאַרק קראַנק געוואָרן. האָבן צו טאָן מיט אַ קראַנקער פרוי, זי צו פלעגן איז זייער נישט אַנגענעם און פאַרשאַפט פיל דאגות, חוץ דעם, וואָלט עס דיר געקאָסט זייער טייער, ווייל פאַר

אַקראַנקער דאַרף מען רפואות און רעצעפּטן קאָסטן געלט. אויב אַפילו דו האָסט נאָך דאָס קינד נישט דערהרגעט, האָסטו אים, יעדנפאַלס, שוין געמאַכט פאַר אַ קאַליקע, שוין אויף אייביק איז און ער וועט אַזוי אַרום קומען אויף גאַטס וועלט אַ קריפּל: אַ קרימזייטיקער, אַ הויקערדיקער, הייסט עס, אַז ער וועט נישט זיין פעיק צו אַרבעט, און פאַר דיר איז דאָך וויכטיק, אַז ער זאָל זיין אַנ׳אַרבעטער ווען ער וועט אַפילו געבוירן ווערן בלויז אַ קראַנקער — און דאָס איז זייער אַ מיאוס עסק — וועט ער פאַר דער מוטער זיין אַ שווערער עול און מ׳וועט דאָס קינד מוזן קורירן. זעסטו, וואָס דו האָסט זיך אַליין אָפּגעטאָן? מענטשן, וואָס לעבן דורך דער טרחה פון זייערע הענט, דאַרפן געבוירן געזונטע קינדער... בין איך גערעכט?

— גערעכט. באַשטעטיקט דאָס פּובליקום.

— יאָ, אָבער... אַזעלכעס... וועט נישט געשעען, זאָגט יאָשקא, מורא האָבנדיק פאַר דער פּערספּעקטיוו, וואָס דער לערער האָט אויסגעמאָלט. — זי איז אַ געזונטע... די קלעפּ דורך איר וועלן צום קינד נישט דערגיין, נישט אַזוי? זי, די שדיכע, איז שוין איין מאָל אַ מכשפה און דער רוח וועט זי נישט נעמען. — הייב איך נאָר עפּיס אָן מיט איר... איז שוין דאַן אַ קלאָג צו מיינע יאָרן: דאַן יאַדעט זי מיך ווי זשאַווער פרעסט אייזן!

— כ׳פאַרשטיי, יאַקאָוו, אַז דו קענסט זיך אָן דעם נישט באַגיין און מוזט שלאָגן דיין ווייב — דערהערט זיך ווידער דעם לערערס רויקע און פאַרטראַכטע שטים, — דו האָסט פיל סיבות דערצו... נישט דיין פּרויס כאַראַקטער איז די סיבה, וואָס דו שלאָגסט זי אַזוי אומפאָרזיכטיק, — די אמתע סיבה איז — דיין גאַנץ פינצטער און טרויעריק לעבן.

— אָט דאָס איז ריכטיק, — שרייט יאַקאָוו אויס, מיר לעבן טאַקע באמתן, אין דער פינצטערניש, ווי ביי אַ קוימען. קערער אין בוזם.

— דו ביזט אין כעס אויף דיין לעבן, און ליידן פון דיין כעס ליידט דיין ווייב, ווייל דיין גאַנצן כעס לאָזטו אויס

אויף איר: יאָ, לײַדן דערפֿון לײדט דײַן װײַב, דער סאַמע
נאָענטסטער מענטש דײַנער, און לײדט אומזיסט, אָן שום שילד
בנגע דיר, װײַל דו ביזט פּאַר איר שטאַרקער, האָסט מער כּוח
פֿון איר; זי געפֿינט זיך שטענדיק בײַ דיר אונטער דער האַנט
און האָט זיך נישט, װוּ אַהין צו טאָן פֿון דיר. זעסטו, װי
דאָס איז... אומגעלומפּערט.

יי ס'איז טאַקע אַזוי װי איר זאָגט... דער רוח זאָל עס
נעמען, אָבער װאָס קען איך טאָן? בין איך דען נישט קײן
מענטש?

— יאָ, װער זאָגט דען, אַז דו ביזט נישט קײן מענטש?
ביזט טאַקע יאָ אַ מענטש!... נאָר אָט װיל איך דיר זאָגן:
שלאָגן שלאָג זי, אויב דו קענסט זיך שוין אָן דעם נישט באַ-
גײן, אָבער שלאָג זי פֿאָרזיכטיק: געדענק, אַז דו קענסט איר
קאַליע מאַכן דאָט געזונט אָדער דאָס געזונט פֿונם קינד. קײן
מאָל דאַרף מען איבערהויפּט, נישט שלאָגן קײן מעוברתדיקע
װײַבער... איבערן בויך, איבער דער ברוסט אָדער אין די
זײַטן... שלאָג זי איבערן האַלדז, אָדער נעם אַ שטריק און...
פֿאַרשטײסטו מיך, איבער די װײכע ערטער...

דער רעדנער האָט געענדיקט זײַן רעדע און זײַנע טיף
אײַנגעפֿאַלענע טונקעלע אויגן קוקן אויף דעם פּובליקום, און
ס'דוכט זיך, אַז זײ בעטן אַנטשולדיגונג בײַם עולם, אָדער,
פֿרעגן עפּיס בײַם עולם, װי פֿאַרשולדיקט אין עפּיס.

דער עולם קאָכט און רױשט, אים איז פֿאַרשטענדליך די
דאָזיקע מאָראַל פֿון אַ געװעזע מענטשן, די מאָראַל פֿון שענק
און פֿון אומגליק.

— נו, װאָס ,ברודערקע, יאַשאַ, האָסטו פֿאַרשטאַנען?

— אָט אַזוי זעט אויס דער אמת!

יאַקאָװ האָט פֿאַרשטאַנען: נישט פֿאָרזיכטיק שלאָגן זײַן
װײַב, — איז פּאַר אים שעדלעך און עס לוינט אים נישט.
ער שװײַגט, ענטפֿערנדיק אויף די חברימס שפּאַסן מיט
אַ שעמעװדיקן שמײכל.

— װאָס, אײגנטלעך, איז אַזױנס אַ װײ? — פֿילאָזאָפֿירט

דער חלה־בעקער מאַקיי אַניסימאָוו: — אַ ווייב — דאָס איז אַ פריינט, אויב מ׳זאָל ריכטיק אַריינדרינגען אין ענין. זי איז צו דיר צוגעשמידט אויף דאָס גאַנצע לעבן, ווי מיט אַ קייט... און ביידע זענט איר — ווי קאַטאָרזשניקעס: דו מוזט זען צו גיין מיט איר פוס ביי פוס... ווערסטו עס נישט קענען טון — ווערסטו אויף זיך דערפילן די קייט...

— וואַרט, — זאָגט יאַקאָוו, — דו שלאָגסט דאָך אויך מסתמא דיין ווייב?

— כ׳זאָג דען, אַז נישט! כ׳שלאָג... אַנדערש קען מען נישט... ווען דען זאָל איך קלאַפן מיט פויסטן, ווען ס׳פּלאַצט די געדולד, די וואַנט אפשר?

— איך טו טאַקע אויך דאָס זעלבע, ווען ס׳איז מיר נישט גוט אויפן האַרצן — זאָגט יאַקאָוו.

— ס׳אַראַ לעבן מ׳שטייג׳ס געזאָגט, אונדזער לעבן איז, — ענג, ביטער ווי גאַל, ברודערלעך מ—נע, נישטאָ קיין אָרט פאַרן אמתן שווונג!

— נאַדיר גאָר אַזוינס. ס׳ווייב אויך שלאָגן פאָרזיכטיק! — קלאָגט זיך עמיץ הומאָריסטיש.

און אַזוי פירן די געוועזענע מענטשן זייערע געשפּרעכן און וכּוחים ביז שפּעט אין דער נאַכט, אָדער ביז וואַנען ס׳ברעכט אויס צווישן זיי אַ געשלעג. דער געשלעג אַנטשטייט ס׳רוב אויפן באָדן פון שכרות און יענע שטימונגען, וועלכע די דאָזיקע געשפּרעכן רופן ביי זיי אַרויס.

פון יענער זייט פענצטער פון שענק גיסט אַ רעגן און ס׳וואָיעט ווילד אַ קאַלטער ווינט. אין שענק איז דושנע, אָנגע־רויכערט, נאָר וואַרעם; אויף דער גאַס איז נאַס, קאַלט און פינצטער. דער ווינט קלאַפּט אין פענצטער אַזוי שטאַרק, פונקט ווי ער רופט אַרוים חוצפּהדיק אָט די אַלע מענטשן פון שענק און דראָט זיי פונאַנדערצוטראָגן איבער דער ערד, ווי שטויב. צייטנווייז הערט זיך אין זיין וואָיען אַ צוגעדרוקטער, האָפנונגס־לאָזער זיפץ און דערנאָך הערט זיך אַ קאַלטער גראָבער גע־לעכטער. די דאָזיקע מוזיק ברענגט אַרויף אויף אומעטיקע

מחשבות וועגן דער נאָענטקייט פון ווינטער, וועגן די פאַרפויל־טע קורצע טעג אָן אַ זון און וועגן די לאַנגע נעכט, וועגן דער נויטווענדיקייט צו האָבן אַ וואַרעמען מלבוש און פיל עסן. מיט אַ ליידיקן מאָגן שלאָפט זיך אַזוי שלעכט אין ענדלאָזע ווינטערדיקע נעכט. עס גייט דער ווינטער, ער גייט... ווי לעבט מען?

די דאָזיקע נישט פרייליכע געדאַנקען פלעגן אַרויסרופן אַ פאַרשטאַרקטן דורשט ביי די איינוווינער פון דער וויערזשער גאַס, און ביי די געוועזענע מענטשן פלעגט זיך פאַרגרעסערן דער סכום פון די זיפצן אין זייער ריידן און פאַרגרעסערט האָט זיך אויך די צאָל פון די קנייטשן אויף זייערע פנימער. די שטים זייערע איז געוואָרן טויבער, די באַציונגען איינער צום אַנדערן — טעמפּיקער, און פלוצלונג פלעגט זיך צווישן זיי אָנצינדן אַ חיהשער צאָרן און כעס, ס'האָט אויפגעוואַכט אַ פאַרביטערונג און גרויזאַמקייט פון מענטשן, וואָס זענען פאַר. יאָגט, אויסגעמאַטערט דורך זייער האַרבן גורל. אָדער ס'האָט זיך געפילט די נאָענטקייט פון יענעם שונא, וואָס מ'קען אים נישט כאַפּן און וואָס האָט זייער גאַנץ לעבן פאַרוואַנדלט אין איין גרויזאַמער אומגעלומפּערטקייט. נאָר, דעם דאָזיקן שונא איז אוממעגלעך געווען צו כאַפּן, ווייל מ'האָט נישט געוווסט, ווער ער איז.

און דאַן פלעגן די איינוווינער פון דער וויערזשער גאַס זיך שלאָגן איינער מיטן אַנדערן; פלעגן זיך שלאָגן אַכזוריות־דיק, ווי חיות און מאַכנדיק שלום צווישן זיך, פלעגן זיי זיך ווייטער אָנטרינקען, פאַרטריקנדיק אַלץ וואָס דער ווייניג פאָדערנ־דיקער און נישט איבערגלייבליכער וואַווילאָוו האָט געקאָנט אָננעמען אַלס משכון.

אַזוי האָבן זיי, אין אַ טעמפּיקן צאָרן, אין אַ בענקשאַפט וואָס האָט זיי געקלעמט די הערצער, נישט וויסנדיק, ווי אַזוי זיך אַרויסצודרייען פון אַזאַ געמיין לעבן, — פאַרברענגט ביי האַרבסט, וואַרטנדיק אויף נאָך האַרבערע ווינטער־טעג.

קוואַלדאַ איז אין אַזעלכע צייטן געקומען זיי צו הילף מיט פילאָזאָפיע.

— פאַלט נישט אַראָפּ ביי זיך, ברידערלעך, זאָרגט נישט אַלץ אויף דער וועלט האָט זיין סוף — דאָס איז דער עיקר מעלה פונם לעבן. ס׳וועט אַריבערגיין דער ווינטער, און ס׳וועט ווידער זיין זומער... אַ ווילדע צייט דאַן, ווי זאָגט מען, האָט דער שפּערלינג אַפילו ביר צו טרינקען.

זיינע רעדעס האָבן אָבער נישט געהאַט קיין פּעולה. — אַ ביסל וואַסער, ס׳פיינסטע וואַסער, קען נישט זאַט מאַכן דעם הונגעריקן.

דער דיאַקאָן טאַראַס האָט אויך געפּרובט צו ווײַלן און פריילין מאַכן דעם עולם, זינגנדיק לידער און דערציילנדיק זיינע מעשהלעך. ער האָט געהאַט מער דערפאָלג, ווי דער ראָט-מיסטער. צייטנווייז פלעגן דעם דיאַקאָנס באַמיונגען ברענגען דערצו, אַז מיטאַמאָל פלעגט אין שענק אויפברייזן אַ משוגענע, שטורמישע שמחה: מ׳פלעגט אָנהויבן זינגען, טאַנצן, הילכיק לאַכן און אויף עטליכע שעה זענען די געסט געוואָרן ענלעך צו משוגעים. בלויז אויף עטליכע שעה.

דערנאָך זענען זיי ווידער אַריינגעפאַלן אין אַ טעמפּיקן, גלייכגילטיקן יאוש און זענען געזעסן פאַר די טישן פון שענק אינם קאָפּאָטש פון די לאָמפּן, אינם טאַבאַק רויך, אָנגעבלאָזענע, אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע, פויל איבערוואַרפנדיק זיך איי-נער מיט אַנדערן מיט עטליכע ווערטער, הערנדיק דאָס טריומפּנ-דע וואָיען פונם ווינט און טראַכטנדיק ווי גוט ס׳וואָלט איצט געווען זיך אָנצוטרינקען מיט בראָנפן, אָנטרינקען זיך אַזש ביזן פאַרלירן דאָס באַוווסטזיין.

און אַלע זענען געווען איינער דעם אַנדערן שטאַרק דער ווידער און עקלהאַפט יעדער האָט געהאַלטן פאַרבאָרגן און זיך אַ זינלאָזן כעס קעגן אַלעמען.

II

אַלץ אויף דער וועלט איז רעלאַטיוו און ס'איז אין דער וועלט נישט פאַראַן אַזאַ לאַגע, וואָס ערגער פאַר איר וואָלט שוין גאָר נישט געקאָנט זיין.

אַמאָל, — ענדע סעפּטעמבער איז דאָס געווען — אין אַ העלן טאָג איז דער ראָטמיסטער אַריסטיד קוואַלדאַ געזעסן ווי זיין שטייגער איז, אויף זיין שטול פון ציגל ביי דער טיר פון מלינה און, קוקנדיק אויף דעם הויז, וואָס דער סוחר פּיעטוניקאָוו האָט אויסגעבויט אַ קעגנאיבער, ביי וואָוילאָווס שענק, האָט ער זיך פאַרטראַכט.

די געביידע, וואָס איז נאָך געווען אַרומגערינגלט מיט רושטאָוואַניעס, איז געווען באַשטימט אויף אַ ליכט פאַבריק און האָט שוין פון לאַנג אָן געשטאָכן דעם ראָטמיסטער די אויגן מיט די פּוסטע און פינצטערע פירנדיקע טיפונגען פון אַ לאַנגער ריי פענצטער און מיטן שפּינוועבס פון קלעצער, וואָס האָבן זי אַרומגערינגלט פון פונדאַמענט ביזן דאַך. אַ רויטע, פּונקט ווי מיט בלוט באַשמירטע, איז די געביידע געווען ענלעך צו עפּיס אַ האַרטע מאַשין, וואָס האָט נאָך נישט געאַרבעט, נאָר שוין געעפנט אַ רייע טיפע גיריקע ברייטע מיילער, און איז שוין געווען גרייט עפּיס אין זיך איינצושלינגען, קייען און אויפפרעסן. דער וואַווילאָווס הילצערנער גראָער שענק, מיטן קרומען דאַך, וואָס איז באַוואַקסן מיט מאָך, האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף איינע פון די ציגלנדיקע ווענט פון דער פאַבריק און האָט אויסגעזען ווי עפּיס אַ גרויסער פּאַראַזיט, וואָס האָט זיך איינגעזויגן און די ביינער פון דער פאַבריק.

דער ראָטמיסטער האָט געטראַכט וועגן דעם אַז אין גיכן וועט מען אויפן אָרט פונם אַלטן הויז אויך אָנהויבן צו בויען מ'וועט אויך צעברעכן די מלינה, ס'וועט אויסקומען צו זוכן אַן אַנדער לאָקאַל, אָבער אַזאַ ביליקע און באַקוועמע דירה, ווי איצטיקע, איז אוממעגליך צו געפינען. ס'איז אַ שאָד, אומעטיק און פאַרדריסלעך עפּיס אַוועקצוגיין פונם

איינגעגעסענעם אָרט. און אַוועקגיין וועט אויסקומען נאָר צוליב דעם, וואָס עפּיס אַ סוחר ווילט זיך פּראָדוצירן ליכט און זייף. דער ראָטמיסטער האָט געפילט, אַז ווען אים וואָלט זיך פאָר־געשטעלט ם געלעגנהייט מיט וואָס נישט איז כאָטש אויף אַ געוויסע צייט קאַליע צו מאָכן דאָס לעבן דעם דאָזיקן שונא זיינעם — אָ! מיט וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן וואָלט ער עס קאַליע געמאַכט, מיט וואָס פאַר אַ הנאה ער וואָלט עס אָפּגעטאָן!

נעכטן איז דער סוחר איוואַן אַנדרעיעוויטש פּיעטוניקאָוו געוועזן אויפן הויף פון דער מלינה מיט אַנ'אַרכיטעקטאָר און מיט זיין זון. ער האָט אויסגעמאָסטן דעם הויף און אומעטום האָט ער אַריינגעשטעקט אין דער ערד עפּיס שטעקעלעך, וועלכע דער ראָטמיסטער האָט, נאָך פּיעטוניקאָווס אַוועקגיין, געהייסן מעטעאַרן אַרויסשלעפּן פון דער ערד און זיי פונאַנדערוואַרפן.

פאַר די אויגן פונם ראָטמיסטער איז געשטאַנען דער דאָזיקער סוחר — א קליינינקער, אַ טרוקענער, אָנגעטאָן אין אַ מין לאַנגן קאַפּטאַן, ענליך גלייכצייטיק צו אַ סורדוט און צו אַ פּאַדדיאַווקע, און אַ סאַמעטן היטל און אין הויכע גלאַנציק אויסגעפּוצטע שטיוול. זיין קנאָכעדיק פּנים מיט אַ גראָער שפּיציקער באָרד, מיט הויכן שטערן, איז געווען דורכגעשניטן מיט קנייטשן און פון אונטערן שטערן האָבן געבליצט שמאָלע גראָע אייגעלעך, צוגעשטשורעטע, וואָס האָבן שטענדיק אויף עפּיס אויסגעקוקט... אַ שאַרפער כראָמסקע (גריזל) נאָז, אַ קליין מויל מיט דינע ליפּע... אין אַלגעמיין האָט דער סוחר געהאַט אַ פרום־רויבעריש און בכבודיק־בייז אויסזען.

— אַ פאַרפלוכטער געמיש פון אַ פוקס און אַ חזר! — האָט דער ראָטסיסטער זיך אויסגעשאָלטן אין דערשטיל און זיך דערמאָנט פּיעטוניקאָווס ערשטע פראַגע, מיט וועלכע ער האָט שטאַרק פגוע בכבוד געווען פונם ראָטמיסטער, דער סוחר איז געקומען מיט אַ מיטגליד פון דער שטאָדטישער אופראַווע קויפן דאָס הויז און, דערזעענדיק דעם ראָטמיסטער, האָט ער געפרעגט ביי זיין באַגלייטער מיט האָפעדיקן קאַסטראָמער אַקצענט:

— אַט דאָס איז יענער ליכטשומפּ... דער לאָקאַטאָר אייערער?

און פון יענער צייט אָן באַמיען זיך ביידע, שוין זייט אַנדערהאַלבן יאָר, איינער דעם אַנדערן איבערצושטייגן און קע־נען באַליידיקן אַ מענטשן.

און נעכטן איז צווישן זיי פּאַרגעקומען אַ לייכטע „איבונג און ניבול פּה", ווי דער ראַטמיסטער האָט אָנגערופן זיינע גע־שפּרעכן מיטן סוחר, באַגלייטנדיק דעם ארכיטעקטאָר, איז דער סוחר צוגעגאַנגען צום ראַטמיסטער.

— דו זיצט? — האָט ער געפרעגט, אַ צו טועגדיק מיט דער האַנט דעם דאַשעק פון היטל, אַזוי, אַז ס'איז שווער געווען צו פאַרשטיין, צי פאַרריכט ער אויף זיך דאָס היטל, אָדער ער באַגריסט מיט אַזאַ באַוועגונג דעם ראַטמיסטער.

— דרייסט זיך אַרום? — האָט אים אין זעלבן טאָן גע־זאָגט דער ראַטמיסטער און געמאַכט אַ באַוועגונג מיט דער גאָמבע. פון וואָס זיין באָרד האָט אַ ציטער געטאָן און וואָס אַ מענטש, נישט קיין פעדאַנט, וואָלט געקאָנט אָננעמען פאַר אַ באַגריסונג, אָדער אַז דער ראַטמיסטער האָט געוואָלט איבער־רוקן זיין פייקע פון איין ווינקל מויל אין אַנדערן.

— געלט האָב איך פיל — איז אַט דריי איך זיך אַרום. די געלטער ווילן, מ'זאָל זיי לאָזן אין באַוועגונג, אין לעבן, איז אַט לאָז איך זיי אין באַוועגונג... — רייצט אַביסל דעם סוחר, דעם ראַטמיסטער ממזריש צושטשורנדיק זיינע אייגעלעך.

נישט דיר, הייסט עס, דער רובל, נאָר דו דינסט דעם רובל, — מאַכט קוואַלדאַ אַ פריש, קעמפנדיק מיטן חשק צו דערלאַנגען דעם סוחר אַ שטויס אין בויך.

— צי איז דען דאָס נישט אַלץ איינס? מיט זיי, מיט די געלטער, איז יעדנפאַלס אנגענעם..! אָבער, ווען מ'האָט זיי נישט...

און דער סוחר באַקוקט דעם ראַטמיסטר מיט אַ חוצפּדיק־געמאַכטן מיטלייד. ביים ראַטמיסטער שפּרינגט די אויבערשטע ליפּ, עפענענדיק גרויסע וועלפישע ציין.

— האָבנדיק שכל און געוויסן, קען מען לעבן אָן געלט אויך...

— געלט באַווייזט זיך געוועגליך פּונקט דאַן, ווען דאָס געוויסן ווערט קלענער און דאָס געלט מערער...

— דאָס איז ריכטיק... אָבער ס׳זענען פאַרהאַן מענטשן, וואָס האָבן נישט — נישט קיין געלט און נישט קיין געוויסן...

— אַזאַ מענטש ביסטו טאַקע אין די יינגע יאָרן געווען? פרעגט קוואַלדאַ תמעוואַטע.

איצט ציטערט אויף די נאָז ביי פּיעטוניקאָוו. ער זיפצט אָפּ, שטשורעט די אייגלעך און זאָגט:

— אין די יינגע יאָרן איז מיר אויסגעקומען אויפצוהייבן שווערע משאות, אָבער שווערע!

— כ׳מיין אַזוי.

— כ׳האָב געאַרבעט, אַי האָב איך געאַרבעט!

— און פיל מענטשן באַאַרבעט!

— אַזעלכע ווי דו? דוואַריאַנעס? נישקשה... פיל פון זיי האָבן זיך ביי מיר אויסגעלערנט קריסטוסעס תפילה...

— דו פלעגסט נישט דערהרגנען, נאָר ראַבעווען? נישט אַזוי? — שנייט דער ראָטמיסטער. פּיעטוניקאָוו ווערט גרין, און געפינט פאַר נויטיק צו ענדערן די טעמע.

— ביזט אַ שלעכטער בעל־הבית, קוואַלדאַ — דו זיצט און דיין גאַסט שטייט...

— זאָל ער זיך אויך זעצן, — ערלויבט קוואַלדאַ.

— ס׳איז דאָך אָבער נישטאָ אויף וואָס...

— אויף דער ערד... די ערד נעמט אָן יעדע פּאַס־קודסטווע...

— כ׳זע עס לויט דיר... אָבער אַ סוף. מ׳דאַרף אַוועקגיין פון דיר, דו שעלטער און זידלער, — האָט גלייך און רויק פּיעטוניקאָוו געזאָגט, אָבער זיינע אויגן האָבן אויסגעגאָסן אויפן ראָטמיסטער אַ קאַלטן סם.

ער איז אַוועקגעגאַנגען, איבערלאָזנדיק קוואַלדען אין אַנ־

גענעמען באַוווּסטזיין, אַז דער סוחר האָט פּאַר אים מורא. ווען ער וואָלט נישט געהאַט, וואָלט ער שוין לאַנג אַרויסגעוואָרפן דעם ראַטמיסטער פון דער מלוכה. ער יאָגט אים דאָך פון דאָרט נישט אַרויס צוליב די פינף רובל דירה-געלד, וואָס ער באַקומט יעדן חודש פון קוואַלדען! און דעם ראַטמיסטער איז אָנגענעם צו קוקן אין רויקן פּיעטוניקאָוון, וועלכער גייט פּאַמעלעך אַוועק פון הויף. דערנאָך קוקט הער ראַטמיסטער נאָך, ווי דער סוחר גייט אַרום זיין זייף פאַבריק, ווי ער הויבט זיך אויף און לאָזט זיך אַראָפּ איבער די רושטאָוואַניעס. קוואַלדען ווילט זיך זייער, אַז דער סוחר זאָל אַראָפּפאַלן און זיך צוּברעכן האַלדז און נאַקן. וויפיל שאַרפזיניקע קאָמבינאַציעס דער ראַטמיסטער האָט זיך שוין געשאַפן, קאָמבינאַציעס פון כל ערליי פאַלן, באַגלייט מיט קאַליעטשען", א. א. וו., אַזוי האָט דער ראַטמיסטער געטראַכט, קוקנדיק ווי פּיעטוניקאָוו קריכט איבער די רושטאָוואַניעס, ווי אַ שפּין אין זיין שאַטקע. נעכטן האָט זיך אים אפילו אויסגעדאַכט, אַז אָט האָט אין ברעט אַ ציטער געטאָן אונטער די פיס פונם סוחר, און דער ראַטמיסטער האָט אין אַ זיסער אויפרעגונג אַ שפּרונג געטאָן פון אָרט... ס'איז אָבער גאָרנישט פאָרגעקומען.

היינט, אַזוי ווי שטענדיק, טאָרטשעט פּאַר קוואַלדעס אויגן דער דאָזיקער רייטער בינערן, אַזאַ פעסטער, דויערהאַפטיקער, וואָס האָט זיך אַזוי שטאַרק און פעסט איינגעקלאַמערט אין דער ערד, ווי עס וואָלט שוין אָנגעהויבן אויסזויגן פון איר די זאַפטן. און עס דאַכט זיך, אַז די געביידע לאַכט קאַלט און פינצטער פונם ראַטמיסטער מיט די פענצטער-לעכער פון די ווענט, וואָס האָבן ווי געעפנט זייערע מיילער. די זון גיסט אויף דער געביידע אירע האַרבסט-שטראַלן אויך מילד, ווי אויף די פאַרקריפּלטע הייזלעך פון דער וויעזשע גאַס.

— אָבער ווען ס'וואָלטן פּלוצלונג!.. — האָט דער ראַטמיסטער פאַר זיך אויסגעשריען, אויסמעסטנדיק מיט די אויגן די וואַנט פון דער פאַבריק, — אַך, דער רוח זייל עס נעמען! ווען... האָט קוואַלדאַ אַ שפּרונג געטאָן, איינגאַנצן אויפגעפּלאַ-

דיק זיך און אויפֿרעגנדיק פֿון פֿון זײַן געדאַנק, און איז האַסטיק אַוועק אין וואַווילאָווס טראַקטיר אַרײַן, שמייכלענדיק און רעדנדיק עפּיס מיט זיך אַליין.

וואַווילאָוו האָט אים באַגעגנט פֿון יענער זײַט בופֿעט מיט אַ פֿרײַנדלעך אויסגעשריי:

— אַ ווינטש אײַער בלאַגאָראָדיע. געזונט און הצלחה!

וואַווילאָוו איז געווען אַ מענטש פֿון מיטלן וווּקס, מיט אַ פֿליכעדיקן קאָפּ, מיט בינטל גראָע קודלאַטע האָר, מיט ראַזירטע באַקן און מיט גלײַך טאָרטשענדיקע וואָנסען, ענלעך צו ציינבערשטלעך, ער איז געווען אַ גלײַכער און פֿלינקער, געגאַנגען אָנגעטאָן איז ער אין אַ פֿאַרשמירטע לעדערנער קורטקע און יעדע תּנועה האָט עדות געזאָגט, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ אונטער־אָפֿיציר.

— יעגאָר! דו האָסט אַ פּלאַן און אַן אַרײַנפֿירונגס־פּאַפּיר פֿונעם דאָזיקן הויז! — האָט קוואַלדאַ האַסטיק אַ פֿרעג געטאָן.

— יאָ, כ'האָב.

וואַווילאָוו האָט פֿאַרדעכטיק שמעלער געמאַלט זײַנע גנבֿישע אויגן און אויפֿמערקזאַם זיי אָנגעשטעלט אויף קוואַלדעס פּנים, אויף וועלכן ער האָט געזען עפּיס אַ באַזונדערן אויסדרוק.

— ווײַז מיר נאָר אַקאָרשט דעם פּלאַן און דאָס פּאַפּיר!

— האָט דער ראָטמיסטער אויסגעשריגן, קלאַפּנדיק מיטן פֿויסט איבערן טיש און אַראָפּלאָזנדיק זיך אויף טאַבורעט לעם אים.

— צוואָס? — האָט וואַווילאָוו געפֿרעגט. באַשליסנדיק בײַם אָנזען קוואַלדאַס אויפֿרעגונג צו זײַן פֿאָרזיכטיק.

— גולם, ברענג גיכער אַרײַן ס'פּאַפּיר, גיכער!

וואַווילאָוו האָט אָנגעמאָרשטשעט זײַן שטערן און פֿאָרשנדיק אויפֿגעהויבן די אויגן צום סופֿיט.

— ווּ ליגן זיי דאָ בײַ מיר די דאָזיקע פּאַפּירן?

אויפֿן סופֿיט האָבן זיך נישט אַרויסגעוויזן קיין שום אָנווײַזונגען, ווי די פּאַפּירן ליגן; דאַן האָט דער געוועזענער אונטעראָפֿיציר אַ שטעל אָן געטאָן זײַנע אויגן אויף זײַן בויך

און מיט אַנ׳אויזען פון פאַרזאָרגטע פאַרטראַכטקייט האָט ער אָנגעהויבן צו באַראַבאַנעווען מיט אַ פינגער איבערן טיש.

— הער שוין אויף צו האַקן אַ טשאַיניק און זיך מאַכן צו נאַר! — האָט אויף אים דער ראָטמיסטער אָנגעשריגן און זיך געבייזערט, נישט ליב האָבנדיק, אַז אַ געוועזענער זעלנער איז זיכער געווינט צו זיין אַ גנב איידער אַ שענקער.

— כ׳האָב זיך שוין דערמאַנט, ריסטיד פאָמיטש, ווו זיי געפינען זיך, די פאַפירן, הייסט עס. דאַכט זיך אַז זיי זענען געבליבן אין באַצירקס-געריכט, — ווען כ׳האָב זיך אַריינגעצויגן אַהער...

— יעגאָרסקאַ, הער אויף! גענוג האַקן אַ טשייניק! צוליב דיין אייגענער טובה און נוצן, ווייז איך תיכף דעם פלאַן, דעם קאָנטראַקט און אַלץ וואָס איז דאָ. ס׳קען זיין, אַז דו וועסט דערפון געוויגען עטלעכע הונדערט רובל, — פאַרשטאַנען?

וואווילאָוו האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען, דער ראָטמיסטער האָט אָבער גערעדט אַזוי סוגעסטיש, מיט אַזאַ ערנסטן אויסזען, אַז וואווילאָווס אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ הייסער ביי־גיריקייט. זאָגנדיק, אַז ער וועט זען, אויב די פאַפירן ליגן נישט ערגיץ דאָ באַהאַלטן ביי אים אין קאָמאַנדע, איז ער אַוועק אין טיר פון יענער זייט בופעט. אין צוויי מינוט ארום איז ער צוריקגעקומען מיט די פאַפירן, מיט אַנ׳אויסדרוק פון אַ שטאַרקער פאַרוווּנדערונג אויפן פרצוף.

— זיי זענען טאַקע, די פאַרשאָלטענע. געלעגן ביי מיר אין דערהיים!

— אַך דו... פאַיאַץ איינער פון באַלעהאַן! וואָס זאָגט איר צו דעם געוועזענעם סאָלדאַט! שעם זיך, וואווילאָוו! — האָט קוואַלדאַ נישט אַדורכגעלאָזט די געלעגנהייט אים צו מאַכן אַ פאָרוווּרף און אויסצומוסרן און אַרויסגעכאַפּט פון זיינע הענט אַ קאַלענקאָרענע פאַפּקע מיט בלאָע אַקט-פאַפּירן. דערנאָך האָט דער ראָטמיסטער פונאַנדערגעוויקלט פאַר זיך די פאַפירן, זיי אָנגעהויבן צו לייענען, דערוועקנדיק אַלץ מער ביי־

וואווילאָון די נייגיריקייט. דער ראַטמיסטער האָט פונאַנדערגעקוקט און געלייענט די פּאַפּירן און דערביי פיל זאָגנדיק עפּיס געמורמלט. ענדלעך האָט ער זיך אויפגעהויבן פון אָרט און איז אַוועק צו דער טיר, איבערלאָזנדיק די פּאַפּירן אויפן טיש און אַ זאָג געטאָן!

— וואַרט... באַהאַלט זיי נישט...

וואווילאוו האָט צונויפגענומען די פּאַפּירן, זיי אַריינגעלייגט אין קעסטל, דאָס קעסטל פאַרשלאָסן און אַ צי געטאָן מיט דער האַנט — צי ס'איז גוט פאַרשלאָסן. דערנאָך איז ער ריידנדיק פאַרטראַכט דעם פּלאַן, אַרויסגעגאַנגען אויפן גאָנעק פונם שענק, דאָרט האָט ער דערזען, ווי דער ראַטמיסטער האָט אויסמעסטנדיק דעם פּאַסאַד פון שענק, אַ קנאַק געטאָן מיט די פינגער און ווידער אָנגעהויבן צו מעסטן די זעלביקע ליניע, פאַרזאָרגט, אָבער צופרידן.

וואווילרווס פּנים האָט זיך עפּיס אָנגעשטרענגט, דערנאָך זיך אויסגעצויגן, דערנאָך האָט עס מיטאַמאָל אַ שיין געטאָן.

— רוסטיד פּאָמיטש! טאַקע באמת? — ער אויסגעשריגן, ווען דער ראַטמיסטער איז פאַרבייגעגאַנגען פאַר אים.

— יאָ, אָפּגעשניטן מער ווי אַנ'אַרשין. דאָס איז פון פּאָרנט, און ווי פיל אין דער טיף — וועל איך באַלד זיך דערוויסן...

— אין דער טיף?... צען סאַזשען מיט צוויי אַרשין!

— וואָס זיך שוין אָנגעשטויסן, דו ראַזירטער פּרצוף איינער?

— ווי זשע דען, ריסטיד פּאָמיטש! אָ, האָט איר אַנ'אייגל — איר גייט מיט אים און דרינגט מיט אים אַריין אין דער ערד אַריין אויף דריי אַרשין! — האָט, אַנטציקט, וואווילאוו אויסגעשריגן.

אין עטלעכע מינוט אַרום זענען זיי ביידע געזעסן איינער קעגן דעם אַנדערן אין וואווילאווס צימער, און דער ראַטמיסטער האָט טרינקענדיק ביר, וואווילאָון געזאָגט:

— די גאַנצע וואַנט פון דער פאַבריק שטייט אַלזאָ, אויף

דיין ערד. טו אָן שום רחמנות, און לערן אים אָן דעם דעם מנוול — דעם סוחר. ס׳וועט קומען דער לבּרער — וועלן מיר אָנשרייבּן אַ פּראָשעניע אין בּאַצירקס-געריכט. די פּרייז פון דער תּביעה וועלן מיר, כּדי זיך נישט צו לאָזן קאָסטן אויף מאַרקעס, בּאַשטימען גאָר אַ בּאַשיידענע און מיר וועלן זיך משתּדל זיין, מ׳זאָל די פאַבּריק אַראָפּנעמען דאָס, מיין שוטה, הייסט עובר זיין די גרענעצן פון יענעמס נחלה... זייער אַ אַנגענעמענע געשעעניש פאַר דיר. ער וועט אפשר בּרעכן! אָבּער בּרעכן אַזאַ מאַשין און זי רוקן — קאָסט, בּרודערקע לעבּ, זייער טייער. וועט ער דאָך מוזן בּעטן, מ׳זאָל מיט אים אויף אַ פרידלעכן אופן מושוה ווערן! זאָלסטו טאַקע זען נישט צו זיין קיין נאַר, אויסנוצן די געלעגנהייט און צוקוועטשן יודע פּיעטוניקאָוון, דו הערסט? מיר וועלן בּאַלד געבּוי אויסרעכענען, וויפיל ס׳דאַרף קאָסטן דאָס איינבּרעכן און אַראָפּנעמען דעם בּנין — מיטן צוקלאַפּטן ציגל, מיט אַ גרוב אונטערן ביי-עם פונדאַמענט! אַפילו די צייט וועלן מיר נעמען אין בּאַטראַכט! און — זייט אַזוי גוט, פרומער יודאַ, זיי אַזוי גוט און בּאַצאָלט צוויי טוי—זנט רו—בּל!

— ער וועט נישט געבּן — האָט וואָווילאוו אויסגעצויגן. אומרויק מאַכנדיק מיט די אויגן. וועלכע האָבּן געבּליצט מיט אַ גיריק פייער.

— ער וועט שוין יאָ געבּן, וועסט שוין זען, ווי ער וועט שוין יאָ געבּן, ווילנדיק, נישט ווילנדיק. בּאַטראַכט נאָר; צי האָט ער דען אַ בּרירה? צי קען ער זיך דען אַרויסדרייען נישט צו געבּן? אָדער אפשר מיינסטו, אַז ער וועט דערלאָזן מ׳זאָל אַראָפּנעמען אַ טייל פון דער פאַבּריק, זי בּרעכן? נאָר, זע, יעגאָרקא, זע נישט אָפּצולאָזן בּיליק, זע, אַז דער סוחר זאָל עס נישט אָפּפּטרן מיט אַ שה״י פּה״י! אויבּ ער וועט דיך שרעקן — האָבּ נישט קיין מורא! פאַרלאָז זיך שוין אויף אונדז.

די אויגן האָבּן בּיים ראָטמיסטער געבּרענט מיט אַ גרויזאַמער פרייד און דאָס פּנים, רויט פון אויפרעגונג, האָט געציטערט. ער האָט פונאַנדערגעפלאַקערט די גיריקייט בּיים שענ-

קער און איינרייבנדיק און פּוילנדיק ביי אים, ער זאָל טון וואָס גיכער, איז ער אַוועקגעגאַנגען, מלא שמחה און מיט אומבויגזאַמער גרויזאַמקייט.

אין אָוונט האָבן אַלע געוועזענע מענטשן זיך דערוווּסט וועגן קוואַלדאַס אַנטדעקונג און באַהאַנדלענדיק הייס די פראַגע וואָס פּיעטוניקאָוו וועט אויף דעם זאָגן און וואָס ער וועט אין דער צוקונפט טאָן, — האָבן זיי געשילדערט אין בולטע פאַרבן זיין פאַרוואונדערונג און כעס איינם טאָג, ווען דער וואָזשני פון געריכט וועט אים איבערגעבן די קאָפּיע פון דער געלט-תביעה.

דער ראָטמיסטער האָט זיך געפילט ווי אַ העלד. ער איז גליקלעך און אַלע אַרום אים זענען געווען צופרידן. אַ גרויסע קופּע פּינצטערע פיגורן איז געלעגן אויסגעצויגן אויפן הויף, אָנגעטאָן אין טראַנטעס, און געפּילדערט, טריומפירט, פרייענדיק זיך מיט דעם, וואָס איז געשען. זיי אַלע האָבן געקאָנט דעם סוחר פּעטוניקאָוו, וועלכער איז פיל מאָל פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי זיי. שטורנדיק מיט פאַראַכטונג די אויגן, האָט ער אויף זיי געליינט אַזוי פיל אַכט, ווי אויפן איבריקן מיסט, וואָס האָט זיך געוואַלגערט איבערן הויף, פון אים האָט געאָטעמט מיט זאַטקייט, וואָס האָט זיי גערייצט, און אַפילו זיינע שטיוול האָבן געבלאַנקט מיט פאַראַכטונג צו זיי. און אָט וועט איצט איינער פון זיי דערלאַנגען אַ שטאַרקן קלאַפּ דעם דאָזיקן סוחר איבער זיין טאַש און איבער זיין אַמביציע. איז דען דאָס נישט גוט?

דאָס שלעכטס האָט אין אויגן פון די דאָזיקע מענטשן געהאַט פיל אָנציענדעס. דאָס שלעכטס איז געווען דאָס איינציק געווער, וואָס איז פאַר זיי געווען צוגענגליך, סיי לויט דער האַנט זייער, און סיי לויט זייער כח. יעדער פון זיי האָט שוין לאַנג ערצויגן אין זיך אַ האַלב באַוווּסטזיניק, נישט קלאָר געפיל פון שנאה צו אַלע מענטשן, וואָס זענען זאַט און אָנגעטאָן נישט אין קיין טראַנטעס, און אין יעדן פון די געוועזענע מענטשן איז דאָס דאָזיקע געפיל געווען אין פאַרשידענע מדרגות פון זיין אַנטוויקלונג. דאָס דאָזיקע געפיל פלעגט טאַקע אַרויס-

רופן ביי אַלע געוועזענע מענטשן אַ ברענענדיקן אינטערעס צו דער מלחמה, וועלכע קוואַלדאַ האָט ערקלערט פּעטוניקאָוון.

צוויי וואָכן האָט די מלינה געלעבט אין ערוואַרטונג פון נייע געשעענישן. און פאַר דער גאַנצער דאָזיקער צייט איז פּיעטוניקאָוו קיין איין מאָל נישט געקומען צו זיין נייעם בנין. מ'האָט זיך דערוווּסט, אַז ער געפינט זיך נישט אין שטאָדט. אַז ער איז ערגיץ פאַררייזט און אַז די קאָפּיע פון דער פּאָ־דאַניע האָט מען אים נאָך נישט איבערגעגעבן. קוואַלדאַ האָט שאַרף קריטיקירט די געריכטס - אָרדנונג. קיינער האָט נאָך אפשר אין ערגיץ אַזוי נישט אַרויסגעקוקט אויפן סוחר און מיט אַזאַ אָנגעשטרענגטער אומגעדולד אויף אים גע־וואַרט, ווי ס'האָבן איצט געוואַרט אויף זיין קומען די באָ־טיאַקעס.

— נאָך אַלץ נישטאָ, ער גייט נאָך אַלץ נישט דער טיי־ערער און זיסער מיינער...

— ע, אפנים, אַז ער האָט מיך נישט ליב! — האָט דער דיאַקאָן טאָראַס געזונגען, אונטערקוועטשנדיק די באַק און הומאָריסטיש־טרויעריק קוקנדיק באַרג אַרויף.

נאָר אָט האָט פּיעטניקאָוו אַמאָל פאַר נאַכט זיך באַוויזן.

ער איז געקומען צו פאָרן אין אַ סאָלידער דראָזשקע מיט זיין זון אין דער ראָל פון אַ קוטשער, — מיט אַ רויטבאַ־קיקן יונגאַטש אין אַ לאַנגן פּאַלטא אין קראַטן און אין טונקעלע ברילן. זיי האָבן צוגעבונדן דאָס פערד צו די רושטאָוואַניעס דער זון האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ רולעטקע, האָט דער־לאַנגט דעם פאָטער איר עק און זיי האָבן אָנגעהויבן מעסטן די ערד, ביידע שווייגנדיקע און פאַרטרויערטע.

— אַ — האַ! -- האָט טריומפירנדיק דער ראָטמיסטער אַרויסגעלאָזט אַנ'אויסגעשריי.

אַלע, ווער ס'האָט זיך נאָר געפונען אין דער מלינה, האָבן זיך אַ שאָט אַרויס געטון צום טויער און געקוקט, אויס־דריקנדיק אין דער הויך זייערע מיינונגען וועגן דעם, וואָס איז פאָרגעקומען.

— אָט וואָס פאַר אַ רגילות צו גנבענען איז — אַ מענטש גנבעט אפילו על פי טעות, נישט ווילנדיק גנבענען, ריזיקירנדיק צו פאַרלירן מער, וויפל ער וועט אַוועקגנבענען... — האָט דער ראָטמיסטער פלומרשט געהאַט רחמנות אויפן סוחר, אַרויסרופנדיק אין זיין שטאָב אַ געלעכטער און אין אַרייע אַזעלכע באַמערקונגען, ווי זיינע.

— אָ, קליינער! — האָט ענדלעך פיעטוניקאָוו אויסגעשריגן, באַליידיקט ביז גאָר דורך די דאָזיקע שפּאָטישע באַמערקונגען און חוזק מאַכן פון אים — זע, איך זאָל דיך פאַר די דאָזיקע ווערטער נישט אַ שלעפּ טאָן צום פרידנס-ריכטער.

— אָן עדות וועט גאָר נישט אַרויסקומען... אַנ׳אייגענער זון קען נישט זיין קיין עדות ביי אַ פאָטערס פּראָצעס... — האָט דער ראָטמיסטער געוואָרנט.

— זע זשע, געדענק! אַנ׳אָטעמאַן ביזטו טאַקע אַ מוטיקער, אַ בריה, אָבער מיין נישט, אַז ס׳וועט זיך נישט געפינען, ווער ס׳זאָל דיך אויך אָנלערנען.

און פיעטוניקאָוו האָט געדראָט מיטן פינגער

דער זון זיינער, פאַרטיפט אין חשבונות און בכלל אַ רויקער, האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויפן הייפל טונקעלע מענטשן, וואָס האָבן זיך אַזוי מיאוס זיך גערייצט מיט זיין פאָטער, ער האָט אפילו קיין איין איינציק מאָל נישט קיין קוק געטאָן אין זייער זייט.

— דאָס יונגעטשקע שפּינעלע איז גוט אויסטרעסירט, קען זיך גוט האַלטן, — האָט אָביעדאָק באַמערקט, צוקוקנדיק זיך גוט צו די טאַטן אין באַוועגונגען פון פיעטוניקאָווס זונדל.

אויסמעסטנדיק אַלץ, וואָס איז געווען נייטיק, האָט פיעטוניקאָוו זיך אָנגעכמורעט, שווייגנדיק האָט ער זיך אַריינגעזעצט אין פור און איז אַוועקגעפאָרן, און זיין זון איז מיט פעסטע טריט אַוועקגעגאַנגען צו וואַווילאָווס שענק און דאָרט נעלם געוואָרן.

— אַהאַ! אַ דעצידירנדיקער יונגער גנב... יאָ! טשעקאָווע וואָס וועט ווייטער זיין? האָט קוואַלדא געפרעגט:

— וואָס וועט זיין ווייטער? ווילסטו וויסן- ווייטער וועט זיין אַזוי: ווייטער וועט דער יונגער פּיעטוניקאָוו אונטער-קויפן וואַווילאָון... — האָט אָביעדאָק מיט אַ זיכערקייט געזאָגט און האָט געשמאַק אַ טשאָקע געטאָן מיט די ליפן, אויסדריקנ-דיק פול צופרידנקייט אויף זיין שאַרפן פּנים.

— דיך פרייד עס? — האָט קוואַלדא ברוגז אַ פרעג גע-טאָן.

— מיר איז אָנגענעם צו זען, ווי מענטשן לעבן אין טעות, ווי זייערע אויסרעכענונגען און ערוואַרטונגען ווערן נישט מקוים — האָט מיט הנאה אָביעדאָק ערקלערט, טשורנדיק די אויגן און רייבנדיק די הענט.

דער ראָטמיסטער האָט מיט אַ כּעס אויסגעשפּיגן און גאָר נישט געענטפערט.

און זיי אַלע, שטייענדיק ביים טויער פון דעם האַלב חרוב געוואָרענעם הויז, האָבן געשוויגן און געקוקט אויף דער טיר פון שענק.

ס'איז אַריבער אַ שעה און מער אינם דאָזיקן וואַרטנדיקן שווייגן. דערנאָך האָט זיך די טיר פון שענק געעפנט און פּיעטו-ניקאָוו איז פון דאָרטן אַרויסגעגאַנגען, ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ מינוט, אַ הוסט געטאָן, אויפגעהויבן דעם קראַגן פון פּאַלטאָ, האָט אַ קוק געטאָן אויף די מענטשן, וואָס האָבן אים באַאָבאַכטעט, און איז אַוועק אַרויף איבער דער גאַס אין שטאָדט אַריין.

דער ראָטמיסטער האָט אים באַגלייט מיט די אויגן און, ווענדנדיק זיך צו אַביעדאָקן האָט ער אַ שמייכל געטאָן.

— דו ביזט אפשר גערעכט, דו זון פון אַ שלאַנג און אַ וואָרעם... דו האָסט, מען מוז מודה זיין, אַ חוש אויף אַלע געמיינע זאַכן... יאָ... שוין לויטן פּרצוף פונם דאָזיקן יונגן שווינדלער איז צו זען, אַז ער האָט זיינס דערגרייכט... וויפיל האָט יעגאָרקא פון דיר באַקומען? יאָ, קלאָר ווי דער טאָג:

ער איז מיט „י משוה-געוואָרן און ביי זיי געגומען געלט... זיי זענען דאָך יאַגדעס פון איין און דעם זעלבן פעלד. איז מיין נאָמען נישט קוואַלדאַ, ווי וואַווילאָוו האָט פון זיי גענומען געלט.

דאָס האָב איך אים געטון אַ טובה, און מיטגעהאָלפן דערצו. ס'איז מיר זייער פשיקרע צו פאַרשטיין, סאַראַ נאַרישקייט כ'בין דערמיט באַגאַנגען. יאָ, דאָס לעבן איז אינגאַנצן קעגן אונדז, ברידערלעך מיינע, לאָבוזעס איינע! און ווען דו טוסט אָפילו אַ שפּיי דיינעם אַ נאָענטן אין פּנים אַריין, פּליט דער שפּיי אין דיינע אייגענע אויגן אַריין...

טרייפלענדיק זיך מיט דער דאָזיקער סענטענץ, האָט דער חשובער ראָטמיסטער אַ קוק געטאָן אויף זיין שטאַב. אַלע זענען געווען אַנטוישט, ווייל אַלע האָבן געפילט, אַז דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן וואַווילאָוו און פּיעטוניקאָוון, איז געשען נישט אַזוי, ווי זיי האָבן געמיינט און געוואַרט. אַלעמען האָט עס פאַרדראָסן.

דאָס באַוווּסטזיין, אַז מ'איז נישט אומשטאַנד צו טאָן אַ רעה, איז מער באַליידיקנדיק פאַרן מענטשן, ווי דאָס באַוווּסטזיין פון נישט קענען טאָן קיין טובה, מחמת טון שלעכטס איז אַזוי לייכט און פּשוט.

— אַלזאָ — וואָס-זשע טאָרטשען מיר דאָ? מיר האָבן שוין נישט מער וואָס צו וואַרטן... אַ חוץ אויף מאַגאַריטש *) וועלכן איך וועל שוין צווינגען יעגאַרען צו שטעלן... — האָט דער ראָטמיסטער געזאָגט, קוקנדיק אָנגעבלאָזן אויפן שענק — צו אונדזער פרידליכן לעבן אַ גוטן טאָג אונטער יודאַס דאָך איז געקומען אַ סוף. יודאַ וועט אונדז שוין פון דאַנען אַרויסשטופּן, ווייל וואָס איך בין מכריז און מודיע איבערן גאַנצן דעפּאַרטאַמענט פון די גאַלאַשטאַניקעס, וואָס איז מיר אָנגעטרויט געוואָרן...

---

*) אַ כּוסה מיט צובייסן, וואָס ווערן געוויינלעך געמאַכט צוליב אַן אָפּגעמאַכטן געשעפט. באַמ. פונם איבּ.

קאַניעץ האָט זיך ביטער צולאַכט.

— דו תפיסה־ווערכטער! וואָס איז מיט דיר? — האָט קו־וואַלדאַ געפרעגט.

— ווו וועל איך זיך אַהינטון?

— דאָס, נשמה מיינע, איז טאַקע אַ גרויסע פראַגע... דיין גורל וועט אויף דער דאָזיקער פראַגע ענטפערן, האָב נישט קיין מורא. — האָט דער ראָטמיסטער פאַרטראַכט געזאָגט, גייענ־דיק אין מלינה אַריין. די געוועזענע מענטשן זענען אים פויל נאָכגעגאַנגען.

— מיר וועלן וואַרטן אויפן קריטישן מאָמענט, — האָט דער ראָטמיסטער געזאָגט, שפּאַנענדיק צווישן זיי, — ווען מ׳וועט אונדז פון דאַנען אַרויסשטופּן, דאַן וועלן מיר אָפּזוכן פאַר זיך אַ נייע נאָרע. און דערווייל איז נישט כדאי זיך קאַליע מאַכן דאָס לעבן מיט אַ זעלכע מחשבות... אין קריטישע מאָמענטן ווערט דער מענטש ענערגישער... ווען מ׳זאָל דאָס לעבן מיט אַלע זיינע ערשיינונגען מאַכן פאַר אַנ׳אויפהערלעכן קריטישן מאָ־מענט, ווען דער מענטש וואָלט יעדע רגע געווען געצוווּנגען צו ציטערן פאַר דער גאַנצקייט פון זיין קאָפּ... וואָלט, ווי מיר האָבן אַ גאָט אויף דער וועלט, דאָס לעבן, געווען מער לעבע־דיק, און די מענטשן — פיל אינטערעסאַנטער!

— דאָס הייסט, אַז זיי וואָלטן מיט אַ שטאַרקער, כעס זיך געביסן איינער דעם אַנדערן די העלדזער, — האָט אַביע־דאָק, שמייכלענדיק, אויסגעטייטשט דעם ראָטמיסטערס געדאַנק.

— נו, איז וואָס? — האָט דער ראָטמיסטער שייגעצעוואַטע אויסגעשריען, נישט האָבנדיק ליב, אַז מ׳זאָל זיינע געדאַנקען אויסטייטשן און קאָמענטירן.

— גאָרנישט... דאָס איז גוט. ווען מען וויל ערגיץ וואָס גיכער צופאָרן, שלאָגט מען מיט דער בייטש די פערד, און די מאַשינעס צורייצט מען דורך פייער.

— געוויס! זאָל טאַקע אַלץ אָוועקשפּרינגען צום טייוול! מיר וואָלטן הנאה געטאָן, ווען די ערד וואָלט זיך פלוצלונג אָנגעצונדן און פאַרברענט געוואָרן, אָדער ווען זי וואָלט צע־

ריסן געוואָרן אויף שטיקלעך... אַבי איך זאָל נאָר אומקומען דער לעצטער, זעענדיק פריער, ווי אַנדערע זענען אומגעקומען...

— אכזריותדיק! — האָט אַביעדאָק אַ שמייכל געטון.

— אָט וואָס איז? איך בין אַ געוועזענער מענטש... נישט אַזוי? איך בין אַן'אָפּגעשטויסענער — הייסט עס, אַז איך בין פריי פון אַלע פּענטעס און שטריק... הייסט עס, אַז איך קען שפּייען אויף אַלץ! לויט מיין לעבנס-שטייגער, דאַרף איך אַוועקוואַרפן אין אַ זייט אַלץ, וואָס איז אַלט און פאַרשימלט... אַלע מאַניערן און די אופנים פון מענטשלעכע קעגנזייטיקע באַציונגען, הכלל דעם גאַנצן אַרט לעבן פון די מענטשן, וואָס לעבן זאַט, און טוען זיך אָן שיין און פאַראַכטן מיך דערפאַר, וואָס איך בין אָפּגעשטאַנען פון זיי וואָס שייך זאַטקייט און די מלבושים... און איך דאַרף אין זיך ערציען עפּיס נייעס — פאַרשטאַנען? אַזעלכעס, פאַרשטייסטו מיך, וואָס אַזוינע הערן פונם לעבן, ווי יודאַ פּיעטוניקאָוו, דורכגייענדיק פאַרביי מיר און זעענדיק מיין אימפּאָזאַנטע פיגור, זאָל פילן אַ קאַלטן ציטער אין די לעבער!

— אַך, סאַראַ בריה אויף דער צונג דו ביזט! האָט אָביעדאָק געלאַכט.

— אַך, דו! שלימזלניק... — האָט אים קוואַלדאַ מיט פאַראַכטונג באַקוקט. — וואָס מ'שטיינס געזאָגט, פאַרשטייסטו? יואָס ווייסטו? קעגסטו דען דענקען? אָבער איך האָב געדענקט, געאַרבעט מיטן מוח... און געלייענט ביכער, אין וועלכע דו וואָלסט נישט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט אפילו.

— אַ שפּאַס אַביסל! ווי קום איך צו זופּן יויך מיט אַ לאַפּטשע... אָבער כאָטש דו האָסט געלייענט און געאַרבעט מיטן מוח, און איך האָב נישט געטון נישט דאָס און נישט יענץ, זענען מיר דאָך נישט ווייט איינער פונם אַנדערן אַוועקגעגאַנגען...

— גיי צו אַלדע רוחות! — האָט קוואַלדאַ אַ געשריי געטון.

זיינע געשפּרעכן מיט אָביעדאָקן פלעגן זיך שטענדיק

אַזוי ענדיקן. בכלל האָבן זיינע רעדעס אָן דעם לערער — ער האָט עס אַליין געוווסט — בלויז קאַליע געמאַכט די לופט, זיך פונאַנדערגעשוווּמען אין איר אָן אַ אָפּשאַצונג און אויפמערקזאַמקייט צו זיי און זענען געווען אַ „ברכה לבטלה. אָבער נישט ריידן, האָט קוואַלדאַ נישט געקאָנט. און איצט, אויסזידלנדיק זיין מיטשפּרעכער, האָט דער ראַטמיסטער זיך געפילט איינזאַם צווישן זיינע מענטשן. און רעדן האָט זיך אים געוואָלט, דערום האָט ער זיך געווענדעט צו סימצאָוון מיט אַ פראַגע:

— נו, אין דו, עליקסיי מאַקסימאָוויטש, ווו וועסט זיך אַהינטון? ווו וועסטו אָנלענען דיין גראָען קאָפּ נאָכדעם, ווי מ׳וועט אונדז פון דאַנען אַרויסוואַרפן?

דער אַלטער האָט גוטמוטיק אַ שמייכל געטון, אַ רייב געטון מיט דער האַנט זיין נאָז און ערקלערט:

— כ׳ווייס נישט... כ׳וועל זען! וואָס משטיינס געזאָגט, האָב איך צו זאָרגן. כ׳דאַרף נאָר מאַכן אַ כוסה און נאָך איינע און מער גאָרנישט?

— אַ בכּבודיקע, כאָטש פּשוטע אויפגאַבע? — האָט אים דער ראַטמיסטער געלויבט.

סימצאָוו האָט, שווייגנדיק אַביסל, צוגעגעבן, אַז ער וועט זיך איינאָרדנען בעסער פון זיי אַלע, ווייל איך האָב פרויען זייער ליב. דאָס איז געווען אמת: דער אַלטער האָט שטענדיק געהאַט צוויי-דריי נעליבטע פון פּראָסטיטוטקעס, וועלכע פלעגן אים אויסהאַלטן אויף זיינע קליינע פאַרדינסטן צו צוויי און צו דריי טעג כּסדר. זיי פלעגן אים אָפטמאָל שלאָגן, נאָר ער פלעגט די קלעפּ אַריבערטראָגן פילאָזאָפיש; שטאַרק אים אויסקלאַפּן די ביינער האָבן זיי אים אָדער נישט געקענט — ס׳קען זיי אַז זיי האָבן געהאַט אויף אים רחמנות. ער איז געווען אַ ליידנשאַפטליכער ליבהאָבער פון פרויען און פלעגט דערציילן, אַז פרויען—זענען די סיבה פון אַלע אומגליקן אין זיין לעבן. זיין נאָענקייט פון זיינע באַציונגען צו פרויען און דער כאַראַקטער פון זיינע באַציונגען צו אים פלעגט זיך באַשטעטיק

דורך זיינע אָפּטע קראַנקהייטן און דורך דעם, וואָס ער פּלעגט שטענדיק טראָגן אַ גוט פּאַרריכטן און ריינעם אַנצוג, להיפּוך צו די מלבושים פון זיינע חברים. און איצט, זיצנדיק אויף דער ערד, ביי דער טיר פון דער מלינה צווישן זיינע חברים, האָט ער מיט אַ באַרימערדיי אָנגעהויבן דערציילן! אַז אים רופט שוין לאַנג ריעדקאַ, ער זאָל מיט איר לעבן, נאָר ער גייט נישט צו איר — ער וויל נישט פּאַרלאָזן די חברותא פון די געוועזענע מענטשן.

מ'פּלעגט אים אויסהערן מיט אינטערעס און נישט אָן קנאה. ריעדקאַן האָבן אַלע געקאָנט — זי האָט געוווינט נישט ווייט פון דער מלינה, אונטערן באַרג... און נישט לאַנג ערשט ווי זי איז אַרויס פון תפיסה, וווּ זי איז אָפּגעזעסן עטלעכע חדשים פּאַר אַ צווייטע גנבה. דאָס איז געווען אַ „געוועזענע" אַם, אַ הויכע און דיקע דאָרפס-גויע, מיט אַ געשטופּלט פּנים און מיט זייער שיינע, אָבער שטענדיק שכורע, אויגן.

— אַך דו, אַלטער טייוול איינער! — האָט אָביעדאָק זיך אויסגעזידלט, קוקנדיק אויף סימצאָוון, וועלכער האָט זעלבסטצופרידן געשמייכלט.

— פאַרוואָס האָבן זיי מיך ליב? צוליב דעם, וואָס איך ווייס מיט וואָס זייער נשמה איז לעבעדיק...

— אַזוי גאָר? — האָט קוואַלדאַ פרעגנדיק אויסגעשריגן.

— כ'קען זיי צווינגען, זיי זאָלן האָבן אויף מיר רחמנות. אַ פרוי, ווען זי האָט רחמנות, — איז גרייט אַפילו דיך צו קוילן פון רחמנות! טרוב צוווינען זיך פאַר איר, בעט זי זאָל דיך דערהרגענען, וועט זי רחמנות קריגן און טאַקע דער-הרגנען...

— איך בין דער, וואָס איז מסוגל צו הרגנען! — האָט אַנטשידן מאַרטיאַנאָוו ערקלערט, שמייכלענדיק מיט זיין מרה-שחורהדיקן שמייכל.

— וועמען? — האָט אביעדאָק געפרעגט, אָפּרוקנדיק זיך פון אים אָן אַ זייט.

— אַלץ איינס, וועמען... פּיעטוניקאָוון... יעגאָרקן... אפילו דיך...

— פאַרוואָס? וואָס האָסטו צו אים? — האָט קוואַלדאַ דאָ זיך ערקונדיקט, שטאַרק פאַראינטערעסירט.

— מיר ווילט זיך קיין סיביר... מיר איז דאָ נמאס געוואָרן, דערעסן... דאָס געמיין לעבן... דאָרט וועל איך שוין וויסן, ווי אַזוי מ׳דאַרף לעבן.

— יאָ, יאָ, דאָרט וועט מען דיר שוין ווייזן געגוי — האָט דער ראָטמיסטער מעלאַנכאָליש מסכים געווען.

וועגן פּיעטוניקאָוון און דער פאָרשעגדער עקסמיסיע פון דער מלינה האָט מען שוין מער גישט גערעדט. אַלע זענען שוין געווען זיכער, אַז די עקסמיסיע איז שוין זייער נאָנט, אַז אין צוויי-דריי טעג אַרום וועט מען שוין דעם ראָטמיטער אַרויסוואַרפן פון זיין דירה צוזאַמען מיט די בעבעכעס און אַלע אורחים זיינע, דעריבער האָבן די געוועזענע מענטשן געהאַלטן פאַר איבעריק זיך צו דרייען דעם קאָפּ און קלערן וועגן דער דאָזיקער אומפאַמיידלעכער צרה. מ׳האָט שוין אינגאַנצן אויפגעהערט רעדן אויף דאָס דאָזיקע טעמע. פון די גשפּרעכן און חקירות וועגן דעם וואָלט דאָך די לאַגע סאַי ווי סאַי זיך נישט פאַרבעסערט. חוץ דעם, איז אין דרויסן נאָך נישט געווען קאַלט, הגם ס׳האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די רעגנס — מ׳האָט געקאָנט שלאָפן אויפן בעסטן שטיקל ערד פון יענער זייט שטאָט.

אויסלייגנדיק זיך אין אַ קרייזל אויפן גראָז, האָבן די דאָזיקע מענטשן געפירט אַ געשפּרעך אָן אַ סוף וועגן פאַרשיידענע זאַכן אין ענינים, איבערגייענדיק פריי פון איין טעמע צו די אַנדערע, און אָפּגעבנדיק אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט פאַר די, וואָס האָבן זיך באַטייליגט אין געשפּרעך אין זייערע ווערטער, וויפיל ס׳איז געווען נייטיק, כדי פאָרטצוזעצן דעם געשפּרעך, און אים נישט איבעררייסן. שווייגן, איז געווען לאַנגווייליק, נאָר אויסהערן יענעם אויפמערקזאַם, איז אויך לאַנגווייליק. די דאָזיקע געזעלשאַפט פון געוועזענע מענטשן האָט געהאַט איין גרויסע מעלה: ביי זיי איז קיינער איבער זיך

זיי זענען אַריין אין שטוב און זיך אַנידערגעזעצט, — דער גאַסט אויף אַ קאַנאַפּע באַדעקט מיט קליאַנקע, פֿאַר אַ רונדן טיש, און דער בעל-הבית — אויף אַ שטול אַקעגן גאַסט אין איין ווינקל פֿון צימער האָט אויף דער וואַנט געברענט אַ נר-תּמיד פֿאַר אַ גרויסן אָרון מיט דריי טירלעך, אויף אַ וואַנט נעבן אָרון זענען אויך געהאַנגען איקאָנעס. די ריזעס זייערע זענען געווען אויסגערייניקט און האָבן געבלאַנקט, ווי נייע. אין צימער, וואָס איז געווען ענג אַרומגעשטעלט מיט קאַסטנס און פֿאַרשידנאַרטיקע אַלטע מעבל-שטיק, האָט זיך געטראָגן אַ ריח פֿון בוימאייל, טאַבאַק און זויערן קרויט. דער ייִנגער פּיעטוניקאָוו האָט זיך אַרומגעקוקט און נאָך אַמאָל געמאַכט אַ גרימאַסע. וואַווילאָוו האָט מיט אַ זיפֿץ אַ קוק געטון אויף די הייליקע בילדער, דערנאָך האָבן זיי זיך ביידע איינער דעם אַנדערן אויפֿמערקזאַם באַקוקט און ביידע האָבן איינער אויפֿן אַנדערן געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. פּיעטוניקאָוון זענען געפֿעלן געוואָרן וואַווילאָווס אויפֿריכטיק-גנבהשע אויגן, וואַווילאָוון — דאָס אָפֿן, קאַלט און אַנטשידן פּנים פֿון פּיעטוניקאָוון מיט די ברייטע פֿעסטע קינבאַקן און געדיכטע ווייסע ציין.

— איר קענט דאָך מיך געוויס, און שטויסט זיך אָן, וועגן וואָס איך וועל רעדן, — האָט פּיעטוניקאָוו אָנגעהויבן.

— מפּח דער געלט-תּביעה... אַזוי מיין איך, — האָט מיט דרך-ארץ געזאָגט דער געוועזענער אונטער-אָפֿיציר!

— יאָ, איר האָט געטראָפֿן. ס'איז אָנגענעם צו זען, ווי ווי איר זענט גראָדליניק, מאַכט זיך נישט צו נאַר און גייט צו צום ענין ווי אַן אויפֿריכטיקער מענטש — האָט פּיעטוניקאָוו אונטערגעגעבן חשק זיין מיטשפּרעכער.

— איך בין אַ זעלנער... — האָט יענער באַשיידן געזאָגט.

— דאָס זעט מען. אַלזאָ, וועלן מיר פֿירן דעם ענין פּשוט און גלייך, כּדי גיך צו מאַכן אַ סוף.

— טאַקי באמת, כ'לעבן.

— גוט. אייער תּביעה איז לגמרי אַ געזעצליכע און אייך

וועט מען געוויס צופּסקענען דאָס געלט — דאָס האָלט איך קודם כּל פּאַר נויטיק אייך מיטצוטיילן.

— כ'דאַנק אייך זייער, — האָט דער אונטער-אָפיציר געזאָגט, אַ פינטל טוענדיק מיט די אויגן, כּדי צו פאַרבאָרגן אין זיי דעם שמייכל.

— נאָר זאָגט, כ'בעט אייך, צוּוואָס האָט איר געברויכט אָנצוהויבן די באַקאַנטשאַפט מיט אונז, אייערע צוקונפטיקע, שכינים, אויף אַזאַ אויפן, אַזוי שאַרף... גלייך פונם געריכט?

וואַווילאָוו האָט אַ צוק געטון מיט די אַקסלען און געשוויגן.

— ס'וואָלט דאָך געווען איינפאַכער און גלייכער צו קומען צו אונדז און אַלץ אָפּטון אויף אַ פריידלעכן אופן... האַ? ווי מיינט איר?

— דאָס איז, נאַטירלעך, אָנגענעמער, אָבער פאַרשטייט איר מיך... דאָ איז נאָך פאַרהאַן עפּיס אַ זאַך... נישט מיט מיין אייגענעם ווילן האָב איך עס געטון... נאָר לויט אַן אָנרעדעניש... מ'האָט מיר אָנגערעדט אַזוי צו טון, און איך, שוטה, האָב זיך געלאָזט איינרעדן... דערנאָך האָב איך פאַרשטאַנען, ווי בעסער ס'וואָלט געווען ווען כ'וואָלט עס געטון מיט גוטן, נאָר ס'איז שוין געווען שפּעט.

— אַזוי... אייך, מיין איך, האָט איינגערעדט עפּיס אַן אַדוואָקאַט?

— כמעט אַזוי...

— אַהאַ! נו, ווילט איר ערלעדיקן דעם ענין מיט גוטן, אויף אַ פריידלעכן אופן?

— זייער גערן! — האָט וואַווילאָוו זיך אָפּגערופן.

פּיעטוניקאָוו האָט אַ ווײַלע געשוויגן, האָט אויף אים אַ קוק געטון און מיטאַמאָל קאַלט און טרוקן אַ פרעג געטון:

— און צוּוואָס ווילט איר עס?

וואַווילאָוו האָט נישט געוואַרט אויף אַזאַ פראַגע און האָט מיטאַמאָל נישט געקאָנט ענטפערן. לויט זיין מיינונג, איז די דאָזיקע פראַגע געווען אַ פּוסטע און דער זעלנער האָט אין

באַוווסטזיין אַז ער איז דער צד, וואָס מ׳דאַרף צו אים אָנקו-מען און אים בעטן, אַ שמייכל געטאָן פּיעטינקאָווס קדיש און גלייך אין פּנים אַריין.

ס׳הייסט, פאַרוואָס? נאַטירלעך, צוליב דעם, וואָס מיט מענטשן דאַרף מען לעבן בשלום און זיך נישט קריגן.

— נו, — האָט אים פּיעטוניקאָוו איבערגעשלאָגן — דאָס איז נישט אינגאַנצן ריכטיק, איר, לויט ווי איך זע, פאַרשטייט נישט קלאָר, צוליב וואָס איר וואָלט געוואָלט שלום מאַכן מיט אונדז... כ׳וועל אייך דאָס דערציילן און זאָגן, צוליב וואָס.

וואווילאוו האָט זיך אַביסל געחידושט. דער דאָזיקער בחור, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אינגאַנצן אין שטאָף פון קראַטן און האָט אויסגעזען אין אַזאַ אָנצוג גענוג לעכערלעך, האָט גערעדט אַזוי, ווי דער קאָמאַנדיר פון דער ראָטע פלעגט אַמאָל רעדן, ווען ער פלעגט זייענדיק אויפגעבראַכט אין שטאַרק אין כעס, אויסהאַקן מיטאַמאָל צו דריי ציין ביי די זעלנער.

— איר דאַרפט מאַכן שלום מיט אונדז צוליב דעם, וואָס אונדזער שכנישאַפט איז פאַר אייך זייער באַקוועם! און באַ-קוועם איז זי פאַר אייך צוליב דעם, וואָס ביי אונדז אין דער פאַבריק וועלן זיין באַשעפטיקט לפּחות אַנדערטהאַלבן הונדערט אַרבייטער, מיט דער צייט — נאָך מער. ווען הונדערט פון זיי וועלן נאָך יעדער וועכנטלעכער אויסצאָלונג די שכירות, ווען זיי האָבן געלט אין טאַש, אויסטרינקען ביי אייך צו איין גלאָז בראָנפן, קומט אויס, אַז אין משך פון אַ חודש וועט איר פאַרקויפן אויף פיר הונדערט גלעזער מער, ווי איר פאַר-קויפט איצט. איך האָב גענומען דעם מינימום. צוליב דעם האַלט איר דאָך אַ שענק, כּדי צו לייזן וואָס מער געלט, איר זענט, דאַכט זיך, נישט קיין נאַר און אַ מענטש אַנ׳דערפאַרענער, באַדאַנקט זשע זיך אַליין און זעט, ווי באַקוועם, פאַר אייך וועט זיין ווען אונדזער פאַבריק וועט אַרבעטן און וואָסערע נוצן איר וועט דערפון האָבן.

— דאָס איז ריכטיק... האָט וואָווילאַוו אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, — דאָס האָב איך געוווּסט.

— און וואָס־זשע? — האָט דער יונגער סוחר הויך געפרעגט, ווילנדיק וויסן, וואָס וואָווילאַוו האָט באַשלאָסן.

— גאָר נישט... אַדרבא, לאָמיר מאַכן שלום...

— זייער אנגענעם, וואָס איר דעצידירט זיך גיך. אָט האָב איך טאַקע צוגעגרייט אַן ערקלערונג אין געריכט אַריין, אַז איר זאָגט זיך אָפּ פון אייער פּרעטענזיע צו מיין פאָטער, זייט אַזוי גוט, לייענט עס איבער און שרייבט זיך אונטער.

וואָווילאָוו האָט מיט קיילעכדיקע אויגן אַ קוק געטאָן אויפן יונגן סוחרל און אַ ציטער געטאָן, באַקומענדיק אַ פּאָר געפּיל פון עפּיס שלעכטעס.

— ערלויבט נאָר... אונטערשרייבן? ווי אַזוי זשע?

— פּשוט. אָט שרייבט אונטער אייער נאָמען און פאַמיליע און מער גאָרנישט, — האָט פּיעטוניקאָוו ערקלערט, העפלעך אָנווייזנדיק מיטן פינגער דאָס אָרט, וווּ זיך אונטערצושרייבן.

— ניין — וואָס איז דען דאָס! כ'מיין נישט דאָס... כ'מיין, וואָס פאַר אַ פאַרגיטיקונג וועט איר מיר געבן פאַר דער ערד.

— איר דאַרפט דאָך אויף כפּרות די ערד! צי וואָס טויג זי אייך? — האָט פּיעטוניקאָוו באַרויבנדיק זיך אָפּגערופן.

— זי איז דאָך אָבער מיינע, מיין אייגנטום! — האָט וואָווילאָוו אויסגעשריען.

— געוויס... הפּלל, וויפיל וואָלט איר געוואָלט!

— נו, לאָז כאָטש זיין אַזוי פיל, אויף וויפיל איך האָב איינגעגעבן די תּביעה, — האָט וואָווילאָוו נישט דרייסט ערקלערט.

— זעקס הונדערט? פּיעטוניקאָוו האָט ווייך זיך צולאַכט — אַך, איר מאָדנער מענטש איינער!

— כ'האָב רעכט... כ'קען פאָדערן אפילו צוויי טויזנט... כ'קען דורכאויס פאָדערן, איר זאָלט אַראָפּנעמען אַ טייל געביידע... אַזוי וויל איך טאַקע... דערפאַר איז דער סכום פון

דער תּביעה טאַקע אַזאַ קליינער... איך פאָדער — ברעכן די געביידע!

— אדרבא, גוט... ס׳קען זיין, אַז מיר וועלן עס טאָן, ברעכן די געביידע... אין אַ יאָר דריי אַרום, אַריינברעכנגדיק אייך אין גרויסע געריכט-קאָסטן. און דאָס איז נאָך נישט אַלץ, וואָס מיר קענען אייך אָפּטאָן. נאָכדעם, ווי מיר וועלן אייך סוף כּל סוף באַצאָלן די פאַרגיטיקונג, וועלן מיר זיך עפּענען אַ שענקל און אַ גאָרקיך אַ בעסערע ווי אייערע — וועט איר דאַן גיין קאַפּוט ווי דער שוועד אונטער פּאָלטאווע *). איר וועט שוין האָבן אַ מפּלה, מיין טייערער, מיר וועלן שוין וועגן דעם זאָרגן און זיך באַמיען. מיר וואָלטן שוין איצט געקאָנט אָנהייבן זיך משתּדל זיין וועגן אַ שענקל, ס׳איז אָבער אַ גאַנצע אַרבייט און מיר האָבן אויף דעם נישט קיין צייט. צייט איז ביי אונדז טייער. חוץ דעם, איז אויף אייך אַ רחמנות — הלמאי זאָלן מיר ביי אייך אַוועקנעמען אָן אַ וואָס און פאַרוואָס, דאָס שטיקל ברויט?

וואוויל האָט, פעסט צונויפּפּרעסנדיק די ציין, געקוקט אויף זיין גאַסט און געפילט, אַז דער גאַסט — איז דער מושל פון זיין שיקזאַל, אַז אין זיינע הענט געפינט זיך זיין, וואָווילעס גורל, און דער געוועזענער אונטעראָפיצער האָט אויף זיך אַליין רחמנות געקריגן פאַרן פּנים פון דער דאָזיקער קאַלט-רויקער, אומבאַרחמנותדיקער פיגור אין לעכערלעכן אַנצוג.

— געפינענדיק זיך אין אַזאַ נאָענטער שכנישאַפט מיט אונדז און לעבנדיק מיט אונדז בשלום, וואָלט איר, אַלס מענטש, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ מיליטער-דינסט, געקאָנט גוט פאַרדינען. וועגן דעם וואָלטן מיר זיך אויך געזאָרגט. איך, למשל, וועל אייך באַלד רעקאָמענדירן צו עפענען אַ קליין געוועלב. איהר ווייסט דאָך: טאַבאַק, שוועבעלעך, ברויט, אוגערקעס און

*) אַ שפּריכוואָרט, וואָס איז זיך סומך אויף דער מפּלה, וואָס די שוועד האָבן אין יאָר 1709 געהאַט נישט ווייט פּאָלטאווע, ווו קאַרל דער צוועלפטער האָט פאַרשפּילט דעם קריג מיט רוסלאַנד. באַמערקונג פונם איבערזעצער.

אַזוי ווייטער... דאָס אַלץ וועט האָבן אַ גוטן אָפּזאָג.

וואווילאָוו האָט געהערט און אַלס נישט באַרישער מענטש, פאַרשטאַנען, אַז פאַרלאָזען זיך אויפן גרויסמוט פונם שונא — איז בעסער פון אַלץ. אייגנטלעך, האָט מען פון דעם טאַקע געדאַרפט אָנצוהייבן. און נישט ווינסדיק ווי אַהין צו טאָן זיין באַליידיקונג און צאָרן, האָט דער געוועזענער אונטעראָפיציר אין דער הויך אויסגעזידלט קוואַלדן.

אַ שיכור, דו מנוול איינער, אַ רוח אין דיינע ביינער אַריין!

— דאָס זידלט איר יענעם אַדוואָקאַט, וואָס האָט אייך אָנגעשריבן די ביטע? — האָט פּיעטוניקאָוו רויק געפרעגט און, אַ זיפץ טוענדיק, צוגעגעבן: ער האָט באמת געקענט אייך אָפּטאָן אַ מיאוס שטיקל... ווען מיר וואָלטן אויף אייך נישט געהאַט קיין רחמנות.

— עך! — האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט דער אויסגעדינטער סאָלדאַט; — צוויי זענען דאָ פאַרהאַן אַזעלכע... איינעם פון זיי איז דאָס איינגעפאַלן, דער אנדערער האָט געשריבן... פאַרשאָלטענער קאָרעספּאָנדענט!

— וואָס עפּיס קאָרעספּאָנדענט?

— ער שרייבט אין צייטונגען... אַלץ אייערע לאָקאַטאָרן... אייך מענטשן! נעמט זיי אַוועק פון דאַנען, פאַריאָגט זיי, ווי גאָט איז אייך ליב. מערדער! זיי מאַכן דאָ אויף דער גאַס אַלעמען קאַליע, מאַכן סקאַנדאַלן, רייצן. ס'איז פון זיי ממש נישט אויסצוהאַלטן... הפקר-מענטשן — יעדע רגע קענען זיי באַראַבעווען, אונטערצונדן...

— און דער דאָזיקער קאָרעספּאָנדענט... ווער איז ער? — האָט זיך פּיעטוניקאָוו פאַראינטערעסירט.

— ווער ער איז? אַ שכּור! ער איז געוואָרן אַ לערער — האָט מען אים משלח געווען. ער האָט פאַרטרונקען אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט און... אָט שרייבט ער אין די צייטונגען, פאַרפאַסט פּאַדאַניעס. זייער אַ געמיינער מענטש!

— הם! ער האָט אייך דאָס אָנגעשריבן די פּראָשעניע?

אַ—זיי! הפנים, אַז ער האָט אייך געשריבן וועגן די אומאָר־דנונגען אויף דער געביידע. די רושטאָוואַניעס, דאַכט זיך, האָט ער געפונען נישט ריכטיק אַוועקגעשטעלט.

— ער! כ׳ווייס עס, אַז דאָס איז ער דער כּלב! ער האָט אַליין דאָ געלייענט און זיך באַרימט. אָט — חאָט ער געזאָגט — חאָב איך פּיעטוניקאָוון אַריינגעבראַכט אין אַ חיזק.

— יאָ, יאָ... אַלזאָ, ווי אַזוי זשע האָט איר בדעה מיט אונז מאַכן שלום.

— שלום מאַכן?

וואָווילאָוו האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך פאַר־טראַכט.

— אַך, דו פינצטער לעבן אונדזערס! האָט ער מיט אַ באַליידיקונג אין דער שטים אַ געשריי אויס געטאָן, קראַצנדיק זיך דעם נאַקן.

— מ׳דאַרף זיך לערנען — האָט אים פּיעטוניקאָוו רעקאָ־מענדירט, פאַרייכּרנדיק אַ פּאַפּיראָס.

— זיך לערנען? נישט אין דעם האַנדלט זיך, מיין הער! נישטאָ, קיין פרייהייט, אָט וואָס! ס׳איז לעבן פיר איך מ׳שטיינס געזאָגט? כ׳לעב שטענדיק אין ציטערניש... שטענדיק אַרומקוקנדיק זיך אַרום זיך, אפשר רוקט זיך אָן פון ערגעץ אַ סכנה... כ׳חאָב לגמרי נישט קיין פרייהייט פון באַוועגונגען, וואָס איך וואָלט געוואָלט מאַכן! און פאַרוואָס? כ׳האָב מורא... וואָס טוט מען ווען דער דאָזיקער לץ, דער לערער שרייבט אָן וועגן מיר אין דער צייטונג... לענקט אויף מיר די אויפ־מערקזאַמקייט פון דער סאַניטאַר־קאָמיסיע און, איך מוז צאָלן שטראָף... די לאָקאַטאָרן אייערע, די דאָזיקע לאָבוזעס, קאָנען יעדע רגע דערהרגענען, אונטערצונדן, באַראַבעווען... וואָס קען איך קעגן זיי טאָן? ווי קען איך זיך מיט זיי אַנ׳עצה געבן? פאַר דער פּאָליציי האָבן זיי נישט קיין מורא... זעצט מען זיי איין — זענען זיי אַפילו צופרידן — זיי האָבן דאָך דאַן ברויט אומזיסט..

— מיר וועלן זיך שוין נעמען צו זיי. מיר וועלן זיי

שוין פון דאַנען דערוויטערן... אויב מיר וועלן נאָר מיט אייך מושה ווערן, — האָט פּיעטוניקאָוו צוגעזאָגט.

— ווי אַזוי וועלן מיר מושה ווערן? — האָט מיט האַרץ. ווייטיק און כמורנע וואווילאָוו געפרעגט.

— זאָגט אייערע באַדינגונגען.

— וואָס-זשע? גיט... זעקס הונדערט, לויט דער איינגע-געבענער תקיעה...

— קיין הונדערט רובל וועט איר ניט בישט נעמען? — האָט רויק דער סוחר געפרעגט, גוט באַקוקט דעם שענקער און ווייך אַ שמייכל טוענדיק, האָט ער צוגעגעבן: — מער וועל איך נישט געבן קיין איין רובל... קיין איין פּרוטה מער. נאָך דעם האָט פּיעטוניקאָוו אַראָפּגענומען די ברילן און פּאַמעלעך גענומען אויסרייבן זייערע גלעזלעך מיטן טיכל, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון טאַש.

וואווילאָוו האָט אויף אים געקוקט מיט בענקשאַפט אין האַרצן און גלייכצייטיק איז ער דורכגענומען געוואָרן מיט דרך ארץ און אַכטונג פאַר אים. אינם רויקן פּנים פונם יונגן פּיעטוניקאָוו, אין זיינע גראָע גרויסע אויגן, אין די ברייטע קינבאַקן, אין זיין גאַנצער פעסטער פיגור איז געווען פיל קראַפט, קראַפט, וואָס איז אין זיך זיכער און גוט דיסציפּלי-נירט דורך שכל. וואווילאָוון איז אויך געפעלן געווען, — ווי אַזוי פּיעטוניקאָוו האָט מיט אים גערעדט: פּשוט, מיט פריינ-דלעכע טענטערלעך אין שטים, אָן פּריצישער גאווה, ווי מיט זיין אייגענעם ברודער, הגם וואווילאָוו האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז אַ פּשוטער מענטש, אָן אויסגעדינטער זעלנער און קען זיך נישט פאַרגלייכן מיטן דאָזיקן יונגנמאַן. באַקוקנדיק אים און קלויבנדיק כמעט נחת פון אים, האָט וואווילאָוו ענדלעך נישט אויסגעהאַלטן און דערפילנדיק אין זיך אַ צופלוס פון הייסער נייגעריקייט, וואָס האָט אויף אַ ווײַלע פאַרטויבט אַלע זיינע איבעריקע געפילן, האָט ער מיט דרך ארץ געפרעגט פּיעטוניקאָוון:

— ווי האָט איר באַוויליקט זיך צו לערנען?

— אין טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט. וואָס איז דען ? — האָט יענער אַרויסגעוואָרפן אויף אים שמייכלדיקע אויגן.

— גאָר נישט. כ׳פרעג עס אַזוי... אַנטשולדיקט ! — דער שענקער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און מיטאַמאָל האָט ער, מיט אַנטציקונג, קנאה, באַגייסטערט אויסגעשריען :

— יאָ ! אָט דאָס הייסט בילדונג ! מיט איין וואָרט : וויסנשאַפט — איז ליכט. אָבער אַ נאַש בראָט איז אויף דער דאָזיקער וועלט ווי אַ סאָווע *) פאַר דער זון... עך ! וואָשע בלאַגאָראָדקע, לאָמיר מאַכן אַ סוף צו אונדזער ענין. לאָמיר דורכקומען.

וואַווילאָוו האָט מיט אַן אַנטשידענעם זשעסט אויסגעשטרעקט זיין האַנט פּיעטוניקאָוון און מיט אַ געדעמפּטער שטים געזאָגט :

— נו... פינף הונדערט ?

— נישט מער, ווי הונדערט רובל, יעגאָר טערענטיעוויטש, — האָט פּיעטוניקאָוו אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס, ווי ער וואָלט באַדויערט, וואָס ער קען מער נישט געבן, און קלאָפּנדיק, מעשה גוטער ברודער, איבער וואַווילאָווס האָריקער האַנט מיט זיין ווייסער און גרויסער האַנט.

זיי זענען גיך מושבה געוואָרן, ווייל וואַווילאָוו איז מיטאַמאָל אָנגעקומען אַ וועקשפּרינגענדיק האַסטיק, אַקעגן פּיעטוניקאָווס ווונש, און יענער איז פעסט געשטאַנען אויף זיינס און האָט גאָרנישט געוואָלט נאָכגעבן.

און ווען וואַווילאָוו האָט באַקומען די הונדערט רובל און אונטערגעשריבן דאָס פּאַפּיר, — האָט ער אין אַ שטאַרקער רוגזא אַ וואָרף געטאָן די פעדער אויפן טיש און געזאָגט :

— איצט וועט מיר שוין אויסקומען, צו האָבן צו טאָן מיט דער גילדענער ראָטע ! *) זיי וועלן מיך אויסלאַכן, מאַכן

---

*) אַ נאַכט פויגל, וואָס קאָן נישט איבערטראָגן קיין ליכט און זעט אין דער פינסטערניש.

**) געמיינט די באָסיאַקעס. באַמ. פונם איב.

צו שאַנד און צו שפּאָט די דאָזיקע לאָבוזעס.

— זאָגט זיי, אַז איך האָב איך באַצאָלט די גאַנצע סומע פון דער תּביעה — האָט פּיעטוניקאָוו פאַרגעלייגט, רויק לאָזנ־דיק פון מויל שטראָמלעך רויך און נישט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן פון וואַווילאָוון.

— וועלן זיי דען גלויבן, די כּלבים? זיי זענען אויך קלוגע שווינדלער. נישט ערגער...

וואווילאוו האָט באַצייטנס זיך אָפּגעשטעלט און נישט אַרויסגערעדט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן, — דעם פאַרגלייך. וואָס ער האָט געוואָלט מאַכן צווישן די באָסאַקעס און דעם סוחר פּיעטוניקאָוו. יענער האָט געדויכערט און איז אינגאַנצן געווען איינגעשלונגען פון דער דאָזיקער באַשעפטי־קונג. אין גיכן איז ער אַוועקגעגאַנגען צוזאָגנדיק, ביים גע־זעגענען זיך, וואווילאוון חרוב צו מאַכן די נעסט פון די אומרויקע מענטשן, — פון די געוועזענע מענטשן.

וואַווילאוו האָט אים נאָכגעקוקט און געזיפצט, פילנדיק אַ שטאַרקן באַגער, אַ שריי צו טאָן עפּיס שלעכטעס און באַ־ליידיקנדעס דעם דאָזיקן יונגן מענטשן, וועלכער האָט זיך מיט פעסטע טריט אויפגעהויבן אויפן באַרג איבערן וועג, וואָס איז דורכגעגראָבן מיט גריבער און באַמיסטיקט מיט אָפּפאַל און שרויט.

אין אָוונט איז אין שענק געקומען דער ראָטמיסטער. זיינע ברעמען זענען געווען ברוגז אָנגעכמורעט און די רעכטע האַנט ענערגיש צונויפגעבוילט אין אַ פויסט. וואווילאָוו האָט פאַר־שולדיקט געשמייכלט אַ קעגן אים.

— נו, ווירדיקער אוראייניקל פון קין און יהודה איש קריות, דערציייל...

— מיר זענען דורכגעקומען צווישן זיך... — האָט וואַ־ווילאָוו געזאָגט אַ זיפץ טועגדיק און אַראָפּלאָזנדיק די אויגן.

— ס׳איז ביי מיר נישט קיין ספק. וויפיל מטבעות האָסטו באַקומען?

— פיר הונדערט רובל...

— דו זאָגסט געוויס אַ ליגן... נאָר דאָס איז דאָך פאַר־מיר בעסער. הכּלל, יעגאָרגאַ, — אָן ווייטערדיקע דבורים: מיר קומט צען פּראָצענט פאַר דער המצאה, פינף און צוואַנציק רובל דעם לערער פאַרן אָנשרייבן די פּראָשעניע, אַן עמער בראָנפן אונדז אַלעמען און אַ אַנשטענדיקער סכום צובייסעניש. גיב תּיכּף דאָס געלט, דעם בראָנפן און דאָס איבעריקע זאָלסטו צו גרייטן צו אַכט אַ זייגער אין אָוונט. דו הערסט?

וואַווילאָוו איז גרין געוואָרן און מיט ברייט געעפנטע אויגן האָט ער געקוקט אויף קוואַלדן:

— אַ נעכטיקער טאָג! דאָס איז אַ גראַביעזש! כ'וועל נישט געבן... וואָס מיינט איר עפּיס, אַריסטיד פאָמיטש! ניין, לאָזט איבער אייער אַפּעטיט און חשק ביז צום צווייטן יום־טוב! זעט נאָר זעט! ניין, כ'האָב איצט אַ מעגלעכקייט נישט מורא צו האָבן פאַר אייך, איך איצט...

קוואַלד האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער.

— כ'גיב דיר, יעגאָרקאַ, צען מינוט צייט אויף דיין מיאוסן געשפּרעך. צו דעם דאָזיקן טערמין זאָלסטו אויפהערן צו טרייבן זנות מיט דיין צונג, און גיב, וואָס איך פאָדער. ועסט נישט געבן — וועל איך דיך אויספּרעסן. קאָניעץ האָט דיר עפּיס פאַרקויפט?... באַהאַלטן וועסטו גאָרנישט באַווייזן — איך וועל דיר אין דעם שטערן. און נאָך היינט ביינאַכט... פאַרשטאַנען?

— אַריסטיד פאָמיטש! פאַרוואָס? וואָס האָט איר צו מיר — האָט דער אויסגעדינטער אונטעראָפיציר אָנגעהויבן קלאָגן און וויינען.

— אָן ווערטער! האָסטו פאַרשטאַנען, אָדער נישט?

דער הויכער, גראָבער און סוגעסטיוו אָנגעכמורעטער קוואַלדאַ האָט גערעדט האַלב אין דער שטיל און זיין הייזעריקער באַס האָט שרעקלעך געהוידיעט אין פּוסטן שענק. וואַווילאָוו האָט שטענדיק אַביסל מורא געהאַט פאַרן ראָטמיסטער, אי ווי פאַר אַ געוועזענעם מיליטערמאַן, אי ווי פאַר אַ מענטשן, וועלכער האָט נישט וואָס אָנצוווערן. איצט אָבער האָט קוואַל־

דאַ זיך פּאַר אים באַוויזן אין אַ נייעם אויסזען: ער האָט איצט קיין סך נישט גערעדט און נישט לעכערלעך, ווי שטענדיק נאָר אין דעם וואָס ער האָט איצט גערעדט מיט אַ טאָן פון אַ קאָמאַנדיר, וואָס איז זיכער, אַז מ׳וועט פאָלגן זיין באַפעל, האָט געקלונגען אַ דראָונג נישט אויף קאַטאָוועס.

און וואַווילאָוו האָט געפילט, אַז דער ראָטמיסטער וועט אים אומגליקלעך מאַכן, ווען ער וועט וועלן, וועט ער אים אומגליקלעך מאַכן מיט פאַרגעניגן. ס׳איז אויסגעקומען זיך אונטערצוגעבן דער קראַפט. נאָר מיט אַ שלעכטן ציטער אין האַרצן האָט דער שענקער נאָך אַמאָל געפּרוווט זיך אַרויסצודרייען פונם עונש, וואָס קוואַלדאַ האָט אויף אים אַרויפגעלייגט, ער האָט טיף אָפּגעזיפצט און הכנעהדיק אָנגעהויבן:

— הפנים, אַז ס׳איז ריכטיק געזאָגט געוואָרן: די פרייי שלאָגט זיך אַליין, ווען זי נעמט אַראָפּ די תבואה נישט ריין... כ׳האָב אייך אָנגעזאָגט אַ סך ליגן אויף זיך אַליין, אַריסטיד פאַמיש... געוואָלט זיך אַרויסווייזן פאַר אַ קלוגער, ווי איך בין אין דער אמתן... נאָר הונדערט רובל האָב איך באַקומען, ווי איר זעט מיך לעבן...

— ווייטער... האָט קוואַלדאַ געלאָזט פאַלן.

— און נישט פיר הונדערט, ווי כ׳האָב אייך געזאָגט... הייסט עס...

— ס׳הייסט גאָרנישט איך ווייס נישט, ווען דו האָסט געזאָגט אַ ליגן: פריער, אָדער איצט, איך באַקום פון דיר פינף און זעכציק רובל, דאָס איז באַשיידן... נו?

— עך, גאָט אין הימל! אַריסטיד פאַמיטש! כ׳האָב אייער בלאַגאָראָדיע שטענדיק אַ־ויסגעוויזן אויפמערקזאַמקייט, וויפיל כ׳האָב נאָר געקענט. פאַרוואָס פאַרגעסט איר אין דעם?

— אַזוי? געגוג שוין זיך מאַכן צו נאַר, יעגאָרקע, יהודאס אוראייניקל?

— נו, אַ ברירה האָב איך... כ׳וועל אייך געבן... אָבער דער אייבערשטער וועט אייך דערפאַר באַשטראָפן, איר וועט זעען.

— שטיל, דו אייטערדיקער קרעץ! — האָט אַ געשריי געטאָן דער ראָטמיסטער, בייז דרייענדיק מיט די אויגן — גאָט האָט מיך שוין אזוי אויך באַשטראָפט... ער האָט מיר אַוועקגעשטעלט אין דער נויטווענדיקייט דיך צו זען, מיט דיר צו ריידן. דאָס איז דען פּאַר מיר נישט אַ קנאַפּע שטראָף?... כ'וועל דיך אַוועקלייגן אויפן אָרט, ווי אַ פליג, דו הערסט?

ער האָט אַ טרייסל געטאָן מיט זיין פויסט פּאַר וואַווילאָווס סאַמע נאָז און אַ סקריפּע געטאָן מיט די ציין, אויסשטשירענדיק זיי, ווי אַ חיה.

ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט וואַווילאָוו אָנגעהויבן קרום צו שמייכלען און האַסטיק מאַכן מיט די אויגן. דער נאָך האָבן איבער זיינע באַקן אַ רין געטאָן צוויי גרויסע טרערן. זיי זענען געווען עפּיס גראָע און ווען זיי זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן און זיינע וואָנסעס, האָבן זיך אויף זייער אָרט באַוויזן צוויי אַנדערע טרערן. דאַן איז וואַווילאָוו אַוועק צו זיך אין צימער, האָט זיך דאָן אַנידערגעשטעלט פּאַר די הייליקע בילדער, איז אַזוי אָפּגעשטאַנען לאַנג, נישט דאַווענענדיק, נישט רירנדיק זיך און נישט אָפּווישנדיק די טרערן פון זיינע ברוינע געפאַלדעוועטע באַקן.

דער דיאַקאָן טאַראַס, וועמען ס'האָט שטענדיק געצויגן צו די פעלדער און לאָנקעס, האָט פאַרגעלייגט די געוועזענע מענטשן צו גיין אין פעלד אַריין אין אַ שלוכט און דאָרט אין שויס פון דער נאַטור טרינקן דעם בראָנפן, וואָס וואַווילאָוו האָט געשטעלט. נאָר דער ראָטמיסטער און די אַלע איבעריקע האָבן איינגעשטימיק אויסגעזידלט אי דעם דיאַקאָן אי די נאַטור, און באַשלאָסן צו טרינקן ביי זיך אין הויף.

— איינער, צוויי, דריי... — האָט דער ראָטמיסטער געציילט, — סך הכל זענען מיר דרייצען; דער לערער איז נישטאָ...

נו, חוץ דעם, וועלן צו קומען נאָך עטלעכע אַרבאַראָוועצעס *) לאָמער רעכנען צוואַנציק פּאַרשוין. צו דריטהאַלבן אוגערקעס אויף יעדן, צו פונט ברויט און פלייש... נישקשה, כ׳לעבן! בראָנפן קומט אויס אַ פלאַש אויף יעדן פּאַרשוין... פּאַרהאַן אויך זויער קרויט, עפּעל און דריי אַרבוזן... פרעגט זיך, וואָס ווילט איר דען נאָך, ברודערלעך מיינע און איר לאַבוועס איינע? אַלזאָ לאָמיר זיך מכין זיין אויפצופרעסן יעגאָרקע וואָווילאָוון ווי ער שטייט און גייט, ווייל דאָס אַלץ, די משקה און דאָס עסנוואַרג — איז זיין בלוט און פלייש!

אויף דער ערד האָט מען אויסגעשפרייט פאַרבליבענע שטיקלעך פון מלבושים, אויף זיי האָט מען פונאַנדער געלייגט פלעשער משקה מיט מאכלים און אַרום זיי האָט זיך אַרומגעזעצט דער עולם סטאַטעטשנע און שווייגנדיק, קוים איינהאַלטנדיק דעם גיריקן חשק צו טרינקן, וועלכער האָט געבלישטשעט ביי אַלעמען אין די אויגן.

ס׳האָט זיך אָנגערוקט דער אָוונט, די שאָטנס זיינע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד פונם הויף פון דער מלינה, וועלכער א׳ז געווען פאַרשמוצט מיט אָפּפאַל און מיסט, און די לעצטע שטראַלן פון דער זון האָבן באַלויכטן דעם דאַך פונם האַלב חרוב געוואָרענעם הויז! ס׳איז געווען קיל און שטיל.

— לאָמיר אָנהייבן, ברידער! — האָט דער ראָטמיסטער אַ קאָמענדע געטאָן, — וויפיל בעכערס האָבן מיר? זעקס... זעקס אויף דרייצן פּאַרשוין... אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש, גיס אָן. פאַרטיק! נו ערשטער ווזוואָד *)... שיס!

מ׳האָט אויסגעטרונקען, אָפּגעצויגן דעם אָטעם און אָנגעהויבן עסן.

— נישטאָ דער לערער, אַ שאָד, כ׳לעבן... שוין דריי מעת־לעת ווי איך זע אים נישט. האָט אים עמיצער פון אייך אפשר געזען? — האָט קוואַלדאַ געפרעגט.

---

*) באָסיאַקעס.

*) אַ פערטל ראָטע.

— קיינער נישט...

— דאָס איז נישט לויט זיין כאַראַקטער! נאָר אַלץ איינס. לאָמיר אויסטרונקען נאָך! לאָמיר טרינקען לחיים פון אריסטיד קוואַלדאַ, דעם איינציקן פריינט מיינעם, וואָס האָט מיך מיין גאַנץ לעבן, אויף קיין איין רגע, נישט איבערגעלאָזט אַליין. הגם, דער רוח זאָל אים נעמען, פאַר מיר וואָלט אפשר געווען בעסער, ווען ער וואָלט אויף אַ געוויסע צייט מיך באַפרייט פון זיין געזעלשאַפט.

— דאָס איז שאַרפזיניק, — האָט זיך אָפגערופן אַביעדאָק און זיך פאַרקייכט פון הוסטן.

דער ראָטמיסטער האָט מיט באַוווסטזיין, אַז ער שטייט העכער פון אַלע געוועזענע מענטשן. אַ קוק געטאָן אויף זיינע חברים, נאָר ער האָט גאָרנישט געזאָגט, ווייל ער האָט גע-געסן.

אויסטרינקנדיק צוויי מאָל, איז די חברותא מיטאַמאָל לעבעדיקער געוואָרן — די פאָרציעס זענען געווען גאַנץ ביש-קשהדיקע. „אַנדערטאַלבן טאראסן” האָט נישט דרייסט אויסגע-דריקט זיין ווונש צו הערן עפיס אַ מעשהלע. נאָר צווישן דעם דיאַקאָן און קובאַרן איז עפיס אויסגעבראָכן אַ מחלוקה וועגן די פאָרצוגן פון מאָגערע פרויען לגבי די דיקע און ער האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף די ווערטער פון זיין פריינט. דערווייזנדיק קובאַרן זיין אָנשויאונג מיט אַ גרויזאַמקייט און היצקייט פון אַ מענטשן, וואָס איז טיף איבערצייגט אין דער גערעכטיקייט פון זיינע אנשויאונגען. דער תמעוואַטער פרצוף פון מעטעאַרן, וועלכער איז לעם אים געלעגן אויפן בויך, האָט אויסגעדריקט נחת און פרייד. אים איז שטאַרק געפעלן געווען קובאַרס פעפערדיקע ווערטער. מאַרטיאַנאָוו האָט, אַרומנעמענ-דיק זיינע קני מיט די גרויסע הענט. וואָס זענען געווען באַ-וואַקסן מיט שוואַרצע האָר, געקוקט שווייגנדיק אָנגעזשמורעט אויף דער פלאַש מיט בראָנפן און געכאַפט מיט דער צונג זיין וואָנסע, באַמיענדיק זי צו פאַרבייסן מיט די ציין, אַביע-דאָק האָט געריצט טיאַפן,

— כ׳האָב שוין אונטערגעקוקט און ווייס שוין, וווהין דו, מכשף איינער, באַהאַלסט דיין געלט!

— דיין גליק... — האָט טיאַפּאַ געכריפּעט.

— פ׳וועל זיי, ברודער, ביי דיר אַוועקלקחנען.

— נעם...

קוואַלדאַ איז געווען לאַנגווייליק מיט די דאָזיקע מענטשן: צווישן זיי איז נישט געווען קיין איינער, וואָס זאָל זיין ראוי צו הערן זיין רעדן און פעיק זיין אים צו פאַרשטיין.

— ווו קען איצט זיין דער לערער? האָט ער הויך אויפן קול געטראַכט.

מאַרטיאַנאָוו האָט אויף אים אַ קוק געטאָן און געזאָגט;

— ער וועט קומען...

— כ׳ווייס און בין זיכער. אַז ער וועט טאַקע קומען צוגיין, און נישט קומען צופאָרן אין אַ פאַעטאַן. לאָמיר מאַכן אַ לחיים, קינפטיקער קאַטאָרזשניק, פאַר דיין צוקונפט... אויב דו וועסט דערהרגענען אַ מענטשן, וואָס האָט געלט, זאָלסטו זיך מיט מיר טיילן מיטן שלל, דו הערסט? כ׳וועל דאַן, ברו. דערקע, אַוועק קיין אַמעריקע אין די... ווי רופט מען זיי?... אין די לאַמפּאַסן! כ׳וועל אַהין אַוועקפאָרן און זיך דערשלאָגן דערצו, אַז כ׳וועל דאָרט ווערן פּרעזידענט פון די שטאַטן. דערנאָך — וועל איך ערקלערן גאַנץ אייראָפּע קריג און זי אָנקלאַפּן די ביינער. אַנ׳אַרמיי וועל איך קויפן... טאַקע אין דער זעלבער אייראָפּע... כ׳וועל איינלאַדן די פראַנצויזן, דייטשן טערקן א. אַ. וו. און מיט זיי טאַקע שלאָגן זייערע קרובים... פונקט ווי איליאַ מוראָמיעץ האָט געשלאָגן די טאַטערן מיט אַ טאַטער טאַקע אַלס געווער... מיט געלט קען מען ווערן אַפילו אַנ׳איליאַ מוראָמיעץ... און חרוב מאַכן אייראָפּע און אָנדינגען פאַר זיך פאַר אַ לאַקיי יודאַ פּיעטוניקאָוון... ער וועט אויף דעם איינגיין, וועט אָננעמען אַזאַ פּאָסטן, האָב קיין מורא נישט... גיב אים ״נאָר הונדערט רובל אַ חודש, וועט ער

גערן ווערן אַ לאָקיי! אָבער אַ לאָקיי וועט ער זיין אַ שלעמ-טער, מחמת ער וועט גנבענען...

— אַ מאָגערער פרוי איז נאָך דערמיט בעסער פאַר אַ דיקע, וואָס זי קאָסט ביליגער, — האָט דער דיאַקאָן איבער-צייגנד גערעדט. — די ערשטע דיאַטשיכע מיינע פלעגט קויפן אויף אַ קלייד צוועלף אַרשין, און די צווייטע — נאָר צען... דאָס זעלבע איז וואָס שייך עסן...

אַנדערטהאַלבן טאַראַס האָט זיך צעלאַכט, ער האָט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צום דיאַקאָן, אָנגעשטעלט זיין אויג אים אין פנים און פאַרשעמט ערקלערט:

— כ'האָב אויך געהאַט אַ ווייב...

— דאָס קען זיך טרעפן מיט יעדן, — האָט קוואַלדאַ באַמערקט — נו זאָג ווייטער ליגן... וואָסטו זיך אָפּגעשטעלט?

— זי איז געווען אַ דאַרע, נאָר געגעסן האָט זיך אַ סך... און איז פון דעם זאָגאַר געשטאָרבן...

— דו האָסט זי אָפּגעסמט, קרומער, — האָט אַביעדאָק איבערצייגנד געזאָגט.

— ניין, ביי גאָט! זי האָט זיך איבערגעגעסן מיט סטוּ-ראָגע, — האָט אַנדערטהאַלבן טאראַס דערציילט.

— און איך זאָג דיר, — דו האָסט זי פאַרסמט! — האָט אַביעדאָק אַנטשידן באַהויפּטעט.

מיט אים פלעגט אָפט אַזוי זיין: זאָגנדיק עפּיס אַ נאַ-רישקייט, פלעגט ער אָנהייבן זי איבערצווּחזרן, נישט ברענגענ-דיק קיין שום גרונד זי צו באַשטעטיקן, און רעדנדיק תחילת מיט עפּיס אַ קינדעריש-קאַפּריזיקן טאָן, פלעגט ער ביסלעכווייז אַריינפאַלן כמעט צו משוגעת.

דער דיאַקאָן האָט זיך אָנגענומען פאַר זיין פריינט.

— ניין, ער האָט נישט געקאָנט פאַרסמען... ס'איז נישט געווען קיין סיבה דערצו.

— און איך זאָג, אַז ער האָט זי יאָ פאַרסמט, — האָט אַביעדאָק אַ קוויטשע געטון.

— שטיל! — האָט דער ראָטמיסטער בייז אַ געשריי געטון.

די לאַנגווייליקייט איז ביי אים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ כעס און בענקשאַפט. ער האָט מיט שרעקליך בייזע אויגן באַקוקט זיינע גוטע פריינט און, נישט געפינענדיק אין זייערע איצט שוין האַלב-שכורע פנימער עפּיס אַזעלכעס, וואָס זאָל קענען געבן אַ וויטערע שפּייז פאַר זיין כעס, — האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף דער ברוסט, איז אַזוי אָפּגעזעסן עטליכע מינוט און דערנאָך זיך אַנידערגעלייגט אויף דער ערד מיטן פנים אַרויף. מעטעאָר האָט געגריזשעט אוגערקעס. ער האָט גענומען אַ אוגערקע אין האַנט, נישט קוקנדיק אויף איר. אַריינגערוקט העלפט אין מויל אַריין און מיטאַמאָל זי איבערגעביסן מיט זיינע גרויסע געלע ציין, אַזוי אַז דער זאַפט האָט פון דער אוגערקע געשפריצט אין אַלע זייטן, באַנעצנדיק זיינע באַקן. עסן האָט זיך אים, ווייזט אויס, נישט געוואָלט, נאָר דער דאָזיקער פּראָצעס האָט אים געוויילט. מאַרטיענאָוו איז געזעסן אומבאַוועגלעך, ווי אַ סטאַטוע, אין דער זעלבער פּאָזע, אין וועלכער ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער ערד, און האָט אויך אַזוי קאָנצענטרירט און אָנגעבלאָזן געקוקט אויף די האַלבעמערדיקע פלאַש בראָנפן, שוין אויף העלפט אַ ליידיקע. טיאַפּאַ האָט געקוקט אויף דער ערד און תוך געקייט פלייש, וואָס האָט זיך נישט אונטערגעגעבן זיינע אַלטע ציין. אַביעדאָק איז געלעגן אויפן בויך און געהוסט איינקאָרטשענדיק זיין קליין גופל. די איבעריקע — אַלע שווייגעדיקע און חושכדיקע פיגורן — זענען געזעסן און געלעגן אין פאַרשידענע פּאָזעס און אַלע צוזאַמען האָבן די דאָזיקע מענטשן, אָנגעטאָן אין טראַנטעס און אין דער האַלב-פינצטערקייט פונם אָוונט, כמעט זיך נישט אונטערשיידעט פון די קופּעס מיסט, וואָס איז געווען פונאַנדערגעוואָרפן איבערן הויף און באַוואקסן מיט ווילדן גראָז. די אויסטערלישע פּאָזעס, אין וועלכע די דאָזיקע מענטשן, זענען געלעגן, און די טראַנטעס, אין וועלכע זיי זענען געווען אָנגעטאָן, האָט זיי געמאַכט ענליך צו מיאוסע חיות, וואָס זע-

נען באַשאַפן געוואָרן דורך אַ גראָבער און פאַנטאַסטישער קראַפט, אויף חוזק צו מאַכן פונם מענטשן.

— געלעבט און געווען איז אין סוזדאַל
אַ פּריצטע, נישט קיין יחסנטע,
און זי האָט באַקומען קרעמפּן
גאָר נישט קיין אָנגענעמע!

האָט האַלב אין דער שטיל צוגעזונגען דער דיאַקאָן, אַרויסנעמענדיק אַלעקסיי מאַקסימאָוויטשן, וועלכער האָט אים מיט נחת געלאַכט אין פּנים אַריין. אַנדערטהאַלבן טאַראַס האָט לוסטיק געלאַכט אין געכיקעט.

ס'האָט זיך אָנגערוקט די נאַכט. אין הימל האָבן שטיל זיך אָנגעצונדן די שטערן, אויפן באַרג אין דער שטאָדט — די פייערן פון די לאַמטערנעס. פונם טייך האָט זיך געטראָגן אַ טרויעריק פּייפּעריי פון די דאַמפּשיפן. מיט אַ קוויטשעריי און קלינגען פון די שויבן האָט זיך געעפנט די טיר פון וואָ־ווילאָווס שענק. אין הויף זענען אַריינגעגאַנגען צוויי פינצטערע פיגורן, זיך דערנענטערט צו דער גרופּע מענטשן ביים גרויסן פלאַש בראָנפן און איינער פון זיי האָט הייזעריק געפרעגט:

— איר טרינקט?

די אַנדערע פיגור האָט מיט קנאה און פרייד אַ זאָג געטאָן!

— אַך, סאַראַ טייוולאָנים!

דערנאָך האָט זיך איבערן דיאַקאָנס קאָפּ אויסגעצויגן אַ האַנט, גענומען די פלאַש, און ס'האָט זיך דערהערט דאָס כאַראַקטעריסטיש בול־בול־בול פון בראָנפן, וואָס ווערט אריינ־געגאָסן פון פלאַש און בעכער. דערנאָך האָט מען הויך אַ קריאַקע געטאָן...

— אָבער אומעטיק אויפן האַרצן. דער רוח זאָל עס נעמען! — האָט דער דיאַקאָן אַליין געזאָגט, — קרומער! לאָמיר נאָר אַ טרייסל טאָן די זכרונות פון אַמאָליקע צייטן לאָמיר זינגען — אויף די טייכן פון בבל!

— ער קען דען זינגען? — האָט סימצאָוו געפרעגט.

— ער? אַ שאלה! ער איז, ברודערקע, געווען אַ סאָליסט אין אַרכיוועריי — מיטן כאָר... נו, קרומער... — אויף — די — טיי — כן...

אַ שטים האָט דער דיאַקאָן געהאַט אַ ווילדע, אַ הייזעריקע, אַ שטים, וואָס פלעגט זיך איבעררייסן און זיין פריינד פלעגט זינגען מיט אַ קוויטשעדיקן פאַלצעט.

אַרומגעהילט מיט פינצטערקייט האָט דאָס הויז, ווו די שענק האָט זיך געפונען, אויסגעזען פיל גרעסער ווי ער איז אין דער אמתן און האָט זיך אָנגערוקט מיט זיין גאַנצער מאַסע האַלב צופוילט, געהילף נאָענטער צו די דאָזיקע מענטשן, וועלכע האָבן דורך זייער ווילדן וואָיען געוועקט אין אים אַ טויבן ווידערקול.

אַ פּרעכטיקער טונקעלער וואָלקן האָט זיך פּאַמעלעך באַוועגט איבערן הימל. עמעצער פון די געוועזענע מענטשן האָט געכראַפּעט, די איבריקע, אַלץ נאָך נישט געננג שכור, האָבן אָדער שווייגנדיק געגעכן און געטרונקען, אָדער גערעדט אין דער שטיל מיט לאַנגע פּאַוזעס. אַלע זענען נישט געווען צוגעוווינט צו אַזאַ געדריקטע שטימונג אויף אַ סעודה און זי איז זיי געווען אומאַנגענעם, הגם אויף סעודה איז גשתען זייער פיל בראָנפן און מאכלים. עפּעס האָט זיך היינט לאַנג נישט פונאַנדערגעברענט דאָס קאָכעדיקע אויפלעבונג און הייטערקייט, מיט וועלכע עס ווערט באַגלייט יעדע סעודהלע ביי די געוועזענע מענטשן, באַזונדערס, ווען מען מאַכט אַ גוטע כוסה.

— איר... כלבים! הערט אויף צו וואָיען... — האָט דער ראַטמיסטער געזאָגט אויפהויבנדיק דעם קאָפּ פון דער ערד און צוהערנדיק זיך. — עמעצער פאַרט... אויף אַ דאָראָזשקע.

אַ דאָראָזשקע אויף דער וויעזשער גאַס און אין אַזאַ צייט האָט געמוזט דערוועקן די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט. ווער פון דער שטאָדט האָט עס געקאָנט ריזיקירן צו פאָרן איבער די גריבער, טיפע און שמאָלע און ברייטע, פון דער דאָזיקער גאַס און צוליב וואָס?

אַלע האָבן אויפגעהויבן די קעפּ און געהערט. אין דער

שטילקייט פון דער נאַכט האָט זיך דייטלעך געהערט דער שאָרך פון די רעדער, וועלכע האָבן זיך לייכט געריבן אין די פליגלען פון די דראָזשקע. דער שאָרך האָט זיך געהערט אַלץ דייטלעכער און דייטלעכער. ס'האָט זיך דערהערט עמעצנס אַ קול, וואָס האָט גראָב געפרעגט:

— נו, ווו זשע?

עמעצער האָט געענטפערט:

— אָט דאָרט, צו יענעם הויז, מסתמה.

— ווייטער וועל איך נישט פאָרן...

— דאָס איז צו אונדז! — האָט דער ראטמיסטער אַ געשריי געטאָן.

— פּאָליציי — האָט זיך דערהערט אַ אומרויק פליסטערן.

— אויף אַ דראָזשקע! וואָס זאָגסטו אויף אים? אַ טיפּש! — האָט מיט אַ געדעמפּטער שטים מארטיאַנאָוו זיך אָנגערופן.

קוואלדא האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק צום טויער.

אביעדאק האָט, איינבייגנדיק דעם קאָפּ זיך גענומען צוהערן.

— דאָ איז די מלינה? — האָט עמעצער געפרעגט מיט אַ געבראָכענער קול.

— יאָ, אַריסטיד קוואַלדאַס... — האָט געענטפערט דעם ראָטמיסטערס נישט צופרידענער באַס-קול.

— דאָ האָט געוווינט דער רעפּאָרטער טיטאָוו?

— אַהאַ! דאָס האָט איר אים געבראַכט צופירן?

— יאָ...

— שכור?

— קראַנק!

— הייסט עס, שטאַרק שכור. אוי, לערער! נו, שטיי אויף!

— וואַרט צו! כ'וועל אייך העלפן... ער איז שטאַרק קראַנק. ער איז אָפּגעלעגן ביי מיר צוויי מעת-לעת. נעמט אים אונטער די אָרעמס... געווען דער דאָקטאָר. זייער שלעכט...

טיאַפּאַ איז אויפגעשטאַנען און פּאַמעלעך אַוועק צום טויער, און אַביעדאַק האָט אַ שמייכל געטאָן און אויסגעטרונקען אַ קעלישעקל בראָנפן.

— צינדט אָקאָרשט אָן דאָרט פייער! — האָט אַ געשריי געטאָן דער ראָטמיסטער.

מעטעאָר איז אַוועק אין מלינה און האָט אָנגעצונדן אַ לאָמפּ. דאַן האָט זיך פון דער טיר אין הויף אויסגעצויגן אַ פּאַס ליכט און דער ראָטמיסטער האָט צוזאַמען מיט עפּעס אַ קליינעם מענטשן אַריינגעפירט איבערן דאָזיקן ליכט-פּאַס דעם לערער אין מלינה אַריין. דער קאָפּ איז ביי אים געווען אַראָפּגעהאָנגען אויף דער ברוסט, די פיס האָבן זיך געשלעפּט איבער דער ערד און די הענט זענען געהאָנגען אין די לופטן, ווי צובראָכענע. מיט טיאַפּעס הילף האָט מען אים אַוועקגעלייגט אויף די נאַרעס און אַ ציטער טוענדיק מיטן גאַנצן גוף, האָט ער זיך מיט אַ שטיל זיפצן אויסגעצויגן איבער די נאַרעס.

— כ'האָב מיט אים געאַרבעט אין איין צייטונג... זייער אַן אומגליקלעכער מענטש. כ'זאָג אים: — ביטע, ליגט ביי מיר, איר זשענירט מיך נישט... נאָר ער בעט מיך — שיקט מיך אָפּ אַהיים! רעגט זיך אויף... כ'האָב געמיינט, אַז דאָס איז פאַר אים שעדליך, און אָט האָב איך אים געבראַכט... אַהיים! דאָס איז דאָך טאַקע זיין היים... יאָ?

— איר מיינט אפשר, אַז ער האָט נאָך ערגעץ ווו אַ היים? — האָט קוואַלדאַ גראָב געפרעגט, קוקנדיק שטאַרק אויף דעם לערער, — טיאַפּאַ, גיי ברענג אַריין קאַלט וואַסער!

— אַזוי גאָר... — האָט דער מענטש פאַרשעמט נישט געוווסט, וואָס צו זאָגן. — כ'מיין... אַז ער דאַרף מיך שוין נישט?

— אייך? — דער ראָטמיסטער האָט אויף אים קריטיש אַ קוק געטאָן.

דער מענטש איז געווען אָנגעטאָן אין אַ מאַרינאַרקע, אַ שטאַרק אָפּגעריבענע און גוט פאַרשפּילעט אַזש ביז דער גאָמבע.

דויזן האָט ער געטראָגן מיט „פּרענזלען". דער הוט איז געווען אַ רויטער פון אַלטקייט און צוקוועטשט, פונקט ווי זיין מאָגער הונגעריק פּנים.

— ניין, ער דאַרף אייך נישט האָבן... דאָ זענען דאָ פיל אַזעלכע, ווי איר... — האָט דער ראָטמיסטער געזאָגט, אומקערנדיק זיך פון דעם דאָזיקן מענטשן.

— הייסט עס, צום ווידערזען!

דער מענטש איז אַוועק צו דער טיר און פון דאָרטן האָט ער שטיל געבעטן:

— אויב ס'וועט עפּיס פּאַסירן... זייט מודיע די רעדאַקציע... מיין פאַמיליע — איז רידזשאָוו. כ'וואָלט אָנגעשריבן אַ קליינעם נעקראָלאָג... ער איז דאָך, ווי נישט ווי, פּאָרט געווען אַ טוער פון דער פּרעסע...

— הם! אַ נעקראָלאָג, זאָגט איר? צוואַנציק שורות — פערציג קאָפּיקעס? איך וועל בעסער טאָן! ווען ער וועט שטאַרבן, וועל איך אים אָפּשניידן איין פוס און צו שיקן אין רעדאַקציע אויף אייער נאָמען. דאָס איז פאַר אייך באַקוועמער, ווי אַ נעקראָלאָג, ס'וועט קלעקן אויף אַ צוויי-דריי טעג. ער האָט דיקע פיס... איר האָט דאָך אים אַלע געגעסן אַ לעבעדיקן, וועט איר אים איצט עסן אַ טויטן אויך...

דער מענטש האָט עפּיס מאָדנע אַ הוסט געטאָן און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן.

דער ראָטמיסטער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף די נאַרעס לעבן לערער, האָט אַ טאַפּ געטאָן מיט דער האַנט זיין שטערן, די ברוסט און אים אַ רוף געטאָן:

פיליפּ!

דער קלאַנג פון קוואַלדעס שטים האָט טויב אָפּגעהילכט איבער די שמוציקע ווענט פון דער מלינה און איז אויסצעגאַנגען.

— דאָס, ברודערקע, איז אומגעלומפּערט! — האָט דער ראָטמיסטער געזאָגט און זיך גענומען שטיל גלעטן מיט דער האַנט די צושויבערטע האָר פונם אומבאַוועגלעכן לערער. דער-

נאָך האָט דער ראָטמיסטער זיך צוגעהערט צו זיין הייסן און נישט גלייכן אָטעמען, ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין פּנים, וואָס איז געווען אָפּגעצצערט און געהאַט אַ ערד-קאָליר, האָט אַ זיפץ געטאָן און שטרענג אָנגכמורנדיק די ברעמען, האָט ער זיך ארומגעקוקט אַרום זיך, די לאָמפּ איז געווען אַ שלעכטע, געטויגט אויף כּפּרות: דאָס פייער האָט אין איר געציטערט און איבער די ווענט פון דער מלינה האָבן שווייגנדיק גע-שפּרונגען שוואַרצע שאָטנס דער ראָטמיסטער האָט עקשנותדיק אָנגעהויבן צו קוקן אויף זייער שטומע שפּיל.

ס׳איז אַריינגעקומען טיאָפּאַ מיט אַן עמער וואסער, האָט עס אַוועקגעשטעלט אויף די נארעס ביי דעם לערערס קאָפּ און, נעמענדיק זיין האַנט צו זיך אין דער האַנט, האָט ער זי אָפּגעוועקט.

— מ׳דאַרף נישט קיין וואסער, — האָט דער ראָטמיסטער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

זיי האָבן אַ ווײַלע געשוויגן, קוקנדיק אויפן לערער.

— קום, וועלן מיר מאַכן אַ כּוסה, אַלטער טייוול!

— און ער?

— דו וועסט אים העלפן?

טיאָפּאַ האָט זיך אומגעקערט צום לערער מיטן רוקן און זיי ביידע זענען אַרויסגעגאַנגען אין הויף צו זייער קאָמפּאַניע.

— וואָס הערט זיך דאָרט? — האָט אַביעדאק געפרעגט, ווענדנדיק צום ראטמיסטער זיין שאַרפע מאָרדע.

— קיין באַזונדערס... אַ מענטש שטאַרבט אָפּ... — האָט דער ראטמיסטער בקצור מיטגעטיילט.

— מ׳האָט אים צומימתט? האָט זיך אָביעדאָק פאַראינ-טערעסירט.

דער ראטמיסטער האָט נישט געענטפערט, ווייל ער האָט בשעת מעשה געטרונקען בראָנפן.

— פונקט, ווי ער וואָלט געוווסט, אַז מיר האָבן מיט

וואָס צו באַנעצן די הזכרה נאָך אים, — האָט אָביעדאק געזאָגט, פאַררייכערנדיק אַ פּאַפּיראָס.

עמעצער האָט זיך צעלאַכט, עמעצער האָט שווער אָפּגעזיפצט. בכלל אָבער האָט דער געשפּרעך צווישן ראטמיסטער און אביעדאָקן אויף די דאָזיקע מענטשן נישט געמאַכט קיין באַמערקבאַרן איינדרוק. מ׳האָט, ווייניקסטנס, נישט געזען, אַז דער געשפּרעך זאָל האָבן עמיצן אויפגערעגט, פאַראינטערעסירט אָדער עמיצן געצוווּנגען זיך צו פאַרטראַכטן. אַלע האָבן זיך באַצויגן צום לערער, ווי צו אַ נישט קיין דורכשניטלעכן מענטשן און געהאַט פאַר אים דרך ארץ, נאָר איצט זענען שוין פיל פון זיי געווען שכור און די, וואָס זענען נאָך נישט געוועזן שכור, זענען לפנים פאַרבליבן רויק. בלויז דער דיאַקאָן האָט עפּעס זיך אָנגעשטרענגט. האָט נאָך געטאָן מיט די ליפּן, אַ רייב געטאָן דעם שטערן און ווילד זיך צוווייַנט.

— ווּ די צדקים רו—ען!

— דו! — האָט אָביעדאָק אַ שפּיי געטאָן — וואָס שרייסטו?

— דערלאַנג אים אין פּנים אַריין! — האָט דער ראטמיסטער געגעבן אַן עצה.

— טיפּש — האָט זיך דערהערט טיאַפּעס הייזעריקער קול — ווען אַ מענטש שטאַרבט אָפּ, דאַרף מען שווייגן... זאָל זיין שטיל.

ס׳איז געווען געגוג שטיל: אז אין הימל, וואָס איז געווען באַדעקט מיט וואָלקנס און האָט געדראָט מיט אַ רעגן, אי אויף דער ערד, וואָס איז געווען איינגעהילט אין אַ טריבער פינצטערניש פון אַ הערבסט-נאַכט, פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט אַ כראָפּן פון די איינגעשלאָפענע, דאָס בול-בול-בול פונם אָנגעגאָסענעם בראָנפן, און דאָס קייען — דער דיאַקאָן האָט עפּעס געמורמלט. די וואָלקנס זענען געשוווּמען אַזוי בידריק, אַז ס׳האָט זיך געדאַכט — אָט אָט וועלן זיי זיך אָנרירן אינם דאַך פונם אַלטן הויז און וועלן אים אומקערן אויף די גרופּע פון די דאָזיקע מענטשן.

— אָבער... שווער איז אויפן האַרצן בעת דער יציאת

נשמה פון א נאָענטן מענטשן... — האָט, פּראַקטיקענדיק זיך, דער ראַטמיסטער געזאָגט און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף דער ברוסט.

קיינער האָט אים גאָרנישט געענטפערט.

— ער איז צווישן אונדז געווען דער בעסטער... דער קלוגסטער און אָרענטליכסטער... כ'האָב אויף אים רחמנות...

— מיט די הייליקע... — זינג קרומער שד — האָט דער דיאקאָן זיך צוהיצט, שטופּנדיק אין זייט זיין פריינד, וועלכער איז לעבן אים איינגעדרעמלט.

— שטיל!... דו... — האָט מיט אַ בייזן שעפּטשען אביעדאַק זיך אָנגערופן, אויפשפּרינגענדיק אויף די פיס.

— דו שלאָפסט דען נישט? האָט דער ראַטמיסטער נישט מיט קיין געוועגלעכע גוטסקייט געזאָגט — האָסט געהערט? דער לערער...

מאַרטיאַנאָוו האָט שווער זיך אָנגעהויבן צו פּאָרען אויף דער ערד, האָט זיך אויפגעהויבן, אַ קוק געטאָן אויף די פּאַסן ליכט, וואָס האָבן זיך געצויגן פון דער טיר און פענצטער פון דער מלינה, האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און שווייגנדיק זיך אַנידערגעזעצט נעבן ראַטמיסטער.

— מיר וועלן אויסטרינקען? — האָט יענער פאָרגעלייגט.

זיי האָבן אָפּגעזוכט, טאַפּנדיק, די גלעזער, און ווידער געטרונקען...

— כ'וועל גיין אַ קוק טאָן... — האָט טיאַפּאַ געזאָגט, — אפשר דאַרף ער עפּיס.

— אַן ארון דאַרף ער... — האָט דער ראַטמיסטער אַ לאַך געטאָן.

— רעדט נישט וועגן דעם, — האָט מיט אַ געדעמפּטער שטים אַביעדאָק געבעטן.

מעטעאָר איז אויך אויפגעשטאַנען נאָך טיאַפּאַן פון דער ערד. דער דיאַקאָן האָט אויך געוואָלט אויפשטיין, נאָר ער איז אַ פאַל געטאָן אויף אַ זייט און הויך זיך אויסגעזידלט.

ווען טיאַפּאַ איז אוועקגעגאַנגען, האָט דער ראַטמיסטער

דערלאַנגט אַ קלאַפּ מאַרטיאַנאָוון איבער דער פּלייצע און האַלב אין דער שטיל געזאָגט:

— אַזוי איז עס, מאַרטיאַנאָוו... דו וואָלסט בעסער פון אַלע געדאַרפט פילן... דו ביזט געווען... איבעריגנס, צו אַלדע רוחות זאָל עס... ס׳איז דיר אַ שאָד פּיליפּן?

— ניין, — האָט, שווייגנדיק אַ ווײַלע, דער געוועזענער תּפיסה-אויפזעער געענטפערט — איך ברודער, פיל לחלוטין גאָרנישט אַזעלכעס... זיך אָפּגעוויינט... פּאַסקודנע אַזוי צו לעבן. כ׳זאָג גאַנץ ערנסט, אַז איך וועל עמיצן דערהרגענען.

— אַזוי? — האָט אומבאַשטימט דער ראָטמיסטער געלאָזט פאַלן — נו איז וואָס? מיר וועלן אויסטרינקען נאָך!

— וואָס, משטיינס געזאָגט, האָבן מיר צו טאָן... אויסגעטרונקען — און נאָך אַמאָל דאָס זעלבע!

דאָ האָט זיך אויפגעכאַפּט און מיט אַ גליקלעכן טאָן אַ זינג געטאָן סאַמצאָוו.

— ברידערלעך?! ווער איז דאָ דאָ? גיסט אָן דעם אַלטן א קוילישיקל!

מ׳האָט אים אָנגעגאָסן און דערלאַנגט. אויסטרינקנדיק, איז ער נאָך אַ מאָל אומגעפאַלן, אַ שטויס טוענדיק זיך מיטן קאָפּ אָן עמיצענס זייט.

אַ מינוט צוויי האָט געדויערט דאָס שווייגן, אויך אַזאַ פינצטערע און פיינלעכע, ווי די דאָזיקע האַרבסט-נאַכט. דערנאָך האָט עמיצער אָנגעהויבן צו פליסטרן...

— וואָס? — האָט זיך דערהערט אַ פראַגע.

— כ׳זאָג, ער איז... געווען אַ ווױלער יונג. אַ קאָפּ פון אַ חכם, אַזאַ שטילער... — האָט מען גערעדט האַלב אין דער שטיל.

— יאָ, געלט האָט ער אויך געהאַט... און האָט דאָס געלט נישט געקאַרגט פאַר זיינע אייגענע מענטשן, פאַר אונדז...

און ס׳איז ווידער שטיל געוואָרן.

— ער גוסט. — האָט זיך דערהערט טיאַפּאַס אַ געשריי איבער דעם ראטמיסטערס קאָפּ.

אַריסטיד פּאַמיטש איז אויפגעשטאַנען, און מאַכנדיק אַנ-שטרענגונגען צו גיין מיט פעסטע טריט, איז ער אַוועק אין מלינה.

— צוואָס גייסטו? — האָט אים טיאַפּאַ אָפּגעשטעלט. — גיי נישט. דו ביסט דאָך שכור... נישט גוט!

דער ראַטמיסטער האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך פאַר-טראַכט:

— וואָס, ס'איז אפשר נישט גוט אויף דער דאָזיקער ערד? גיי צו אַלדע שוואַרצע רוחות! — און ער האָט אַ שטופּ געטאָן טיאַפּן.

איבער די ווענט פון די מלינה האָבן אַלץ געשפּרונגען שאָטנס, ווי זיי וואָלטן זיך אין דער שטיל געקעמפט צווישן זיך. אויף די נאַרעס איז געלעגן דער לערער, אויסגעצויגן אין זיין גאַנצן וווּקס און געכריפעט. די אויגן זענען ביי אים געווען ברייט געעפנט, די אַנטבלויסטע ברוסט האָט זיך שטאַרק געשאָקלט, אין די ווינקלען פון די ליפּן זענען געווען באַדעקט מיט אַ זידיקן שוים און אויפן פּנים איז געווען אַזאַ אָנגע-שטרענקטער אויסדרוק, פּונקט ווי ער וואָלט זיך באַמיט צו זאָגן עפּיס גרויסעס, שווערערס — און האָט נישט געקאָנט זאָגן און דערפון זייער פיל געליטן.

דער ראַטמיסטער האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר אים, פאַר-לייגנדיק די הענט אונטערן רוקן און אַ ווײַלע אויף אים שווייגנדיק געקוקט. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן רעדן, קרענק-לעך קנייטשנדיק דעם שטערן:

— פיליפּ! זאָג מיר עפּיס... זאָג אַ וואָרט פון טרייסט דעם פריינט דיינעם... הער אויף!... כ'האָב דיך ליב, ברודער-קע... אַלע מענטשן — זענען חיות, דו ביזט פאַר מיר געווען — אַ מענטש... הגם דו ביזט אַ שכור! אַך, ווי דו האָסט גע-טרונקען בראָנפן, פיליפּ! דאָס טאַקע האָט דיך אומגליקלעך געמעכט... און צוליב וואָס? מ'האָט געדאַרפט קענען הערשן איבער זיך... און מיך הערן, הערן וואָס איך זאָג און פאָלגן מיינע עצות צי פלעג איך דיר נישט זאָגן?...

די סודותפולע, אַלץ פאַרניכטנדיקע קראַפט, וואָס ווערט גערופן טויט, האַס, ווי זי וואָלט זיך געפילט באַליידיקט פונם אָנוועזנהייט פונם דאָזיקן שפורן מענטשן ביים טריבן און פיי-ערליכן אַקט פון איר קאַמף מיטן לעבן, — באַשלאָסן גיך צו פאַרענדיקן איר גלייכגילטיקע זאַך... דער לערער האָט, שטיל אָפזיפצנדיק, אַ ציטער געטאָן, זיך אויסגעצויגן און איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן.

דער ראַטמיסטער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אויף די פיס און פאָרטגעזעצט זיין רעדע:

— וואָס איז מיט דיר? ווילסטו, וועל איך דיר ברענגען בראָנפן? נאָר בעסער טרינק נישט, פיליפ... האַלט זיך איין... זיי זיך גובר... אָדער נישט, טרינק יאָ. הלמאי זאָל מען זיך, רעדנדיק אָן קונצן, איינהאַלטן?... צוליב וואָס, פיליפ? בין איך נישט גערעכט? צוליב וואָס?

ער האָט אים אַ נעם געטאָן פאַר דער האַנט און אַ ציי געטאָן צו זיך.

— אָ, דו ביזט איינגעשלאָפן, פיליפ? נו, שלאָף! אַ גוטע נאַכט... מאָרגן וועל איך דיר אַלץ אויפקלערן און דו וועסט זיך איבערצייגן, אַז מ׳דאַרף דיר גאָר נישט פאַרבאָטן... און איצט שלאָף... אויב דו ביזט נישט געשטאָרבן...

ער איז אַרויסגעגאַנגען, באַגלייט דורך שווייגן, און קו-מענדיק צו זיינע מענטשן, האָט ער מיטגעטייל׳ט:

— איינגעשלאָפן... אָדער געשטאָרבן... כ׳ווייס אַליין נישט... כ׳בין אַ-ביסל שכור.

טיאַפאַ האָט זיך נאָך מער איינגעבויגן, איבערצלמנדיק זיין ברוסט, מאַראַטיאַנאָוו האָט זיך שווייגנדיק איינגעצויגן און אַנידערגעלייגט אויף דער ערד מעטעאָר, דער דאָזיקער נאַרי-שער בחור, האָט אָנגעהויבן שטיל און קלאָגעדיק צו כליפּן, ווי אַ באַליידיקטע פרוי. אביעדאָק האָט אָנגעהויבן שנעלער זיך צו פאָרען אויף דער ערד. זאָגנדיק האַלב אין דער שטיל מיט אַ בייזן אומעטיקן טאָן:

— דער רוח זאָל אייך אַלע נעמען! מערדער... גע-

שטאַרבן! נו, איז וואָס?... מיך אָבער... צו וואָס דאַרף איך עס וויסן? וואָס קען עס מיר אָנגיין? צוואָס דערציילט איר עס מיר? ס׳וועט קומען אַ צייט – און איך וועל אויך שטאַרבן... נישט ערגער פאַר אים... כ׳בין דאָך נישט ערגער פאַר אַנדערע.

– דאָס איז ריכטיק! – האָט דער ראָטמיסטער הויך זיך אָפּגערופן, אַראָפּלאָזנדיק זיך אויף דער ערד. – ס׳וועט קומען אַ צייט, און מיר אַלע וועלן שטאַרבן נישט ערגער פון אַנדערע... כאַ-כאַ-כאַ! ווי אַזוי מיר וועלן ביז דאַן לעבן און ביז דאַן דערציען... דאָס איז אַ קלייניקייט! נאָר שטאַרבן וועלן מיר – ווי אַלע. אין דעם – איז, גלויבן זי מיר, דער צוועק פון לעבן, ווייל אַ מענטש לעבט, כדי צו שטאַרבן. און שטאַרבט טאַקע... און אויב עס איז טאַקע אַזוי, – איז דען נישט אַלץ איינס, פון וואָס און ווי אַזוי ער שטאַרבט און ווי אַזוי ער האָט געלעבט? מאַרטיאַנאָוו, זאָג, איך בין גערעכט? לאָמיר זשע נאָך אַ מאָל מאַכן אַ כוסה... און נאָך איינע כל זמן מיר לעבן, כל זמן שהנשמה בקרבי...

ס׳האָט געקראָפּעט אַ רעגן. אַ געדיכטע דעמפּיקע פינ־סטערניש האָט באַדעקט די פיגורן פון די מענטשן, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער ערד, צוקנייטשט דורכן שלאָף אָדער דורך דעם, וואָס זיי זענען געווען שכור. דער ליכט־פּאַס וואָס האָט זיך געצויגן פון דער מלינה, איז בלאַס געוואָרן, האָט אָנגעהויבן ציטערן און איז מיטאַמאָל פאַרשווונדן געוואָרן, הפנים, אַז די לאָמפּ האָט אויסגעלאָשן דער ווינט אָדער זי איז אויסגעגאַנגען צוליב דעם, וואָס מ׳האָט אין איר נישט צו־געגאָסן קיין נאַפט. פאַלנדיק אויפן אייזענעם דאַך פון דער מלינה, האָבן די רעגן־טראָפּנס געקלאַפּט פּחדימדיק און נישט אנטשיידן. פונם באַרג, פון דער שטאָט, האָבן זיך געטראָגן אומעטיקע, זעלטענע קלונגען פון די גלאָקן – דאָס האָט מען געהאַלטן וואַך אין די צערקוועס.

דער קופּערנער קלאַנג, אַראָפּפליענדיק פונם גלאָק־טורעם, איז שטיל געשווומען אין דער פינצטערניש און איז אין איר

באַמעלעך אויסגעגאַנגען, נאָר איידער די פינצטערניש האָט באַוויזן צו פאַרטרייבן זיין לעצטע צאַפּלדיק-זיפצנדיקע נאָטע, איז געבוירן געוואָרן אַן אַנדער קלאַנג און ווידער האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן אין דער שטילקייט פון דער נאַכט דער מעלאַנכאָלישער זיפץ פון מעטאַל.

צומאָרגנס האָט זיך פריער פון אַלע אויפגעכאַפּט טיאַפּאַ. איבערקערנדיק זיך אויפן רוקן, האָט ער אַ קוק געטאָן אויפן הימל — זיין פאַרקריפּלטער האַלדז האָט נאָר און אַזאַ לאַגע אים ערלויבט צו זען דעם הימל איבערן קאָפּ.

אין דעם דאָזיקן פרימאָרגן איז דער הימל געווען אַ איינטאָניק-גראָער. דאָרט, אין דער הויך איז געווען אויסגעשפּרייט אַ פייכטע און קאַלטע האַלב-פינצטערניש, וועלכע האָט אויסגעלאָשן די זון, און פאַרבאָרגנדיק מיט זיך די בלאָע גרעניצלאָזיקייט, האָט זי געגאָסן אומעט אויף דער ערד. טיאַפּאַ האָט זיך איבערגעצלמט און האָט זיך אַ הייב געטאָן אויפן עלנבויגן, כדי אַ קוק צו טאָן, צי איז ערגיץ ווו נישט פאַרבליבן קיין בראָנפן. טיאַפּאַ האָט אָנגעהויבן אַריינקוקן אין די גלעזער, בעכערס, פון וועלכע דער עולם האָט געטרונקן. אייניקע פון זיי האָט ער געפונען כמעט אַ פולע, האָט זי אויסגעטרונקען, אָפּגעריבן מיטן אַרבל די ליפּן און אָנגעהויבן צו טרייסלען פאַר די פּלייצעס דעם ראָטמיסטער.

— שטיי אויף... איי. דו הערסט.

דער ראָטמיסטער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, קוקנדיק אויף טיאַפּאַן מיט טריבע אויגן.

— מ׳דאַרף מעלדן ביי פּאָליציי... נו שטיי שוין אויף!

— וואָס איז דען? — האָט שלעפעריק און ברוגז דער ראָטמיסטער געפרעגט.

— ער איז געשטאָרבן...

— ווער איז דער ער?
— אָט דער געלערטער...
— פיליפ? יאָ יאָ!
— דו האָסט גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן, אַך דו — האָט טיאַפּאַ מיט אַ מוסר און פאָרוואורף טאָן געכריפּעט.

דער ראָטמיסטער האָט זיך אויפגעהויבן אויף די פיס, האָט הויך אויפן קול אַ געניץ געטאָן און זיך אויסגעצויגן אזוי, אַז די ביינער זיינע האָבן אַ כרוסטשע געטאָן.

— טאָ גיי דו און מעלד...

— איך וועל נישט גיין... כ'האָב זיי נישט ליב — האָט טיאַפּאַ בייז געענטפערט.

— טאָ וועק דאָרט אויף דעם דיאַקאָן... און איך וועל גיין אַ קוק טאָן.

— אַזוי איז עס... דיאַקאָן, שטיי אויף!

דער ראָטמיסטער איז אַריינגעגאַנגען אין מלינה אַריין און האָט זיך אַנידערגעשטעלט ביים דעם לערערס פיס. דער מת איז געלעגן אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער לענג. די לינקע האַנט איז געלעגן אויף דער ברוסט, די רעכטע איז געווען אָפּגע-וואָרפן אַזוי, פונקט ווי ער וואָלט מיט איר אַ מאַך געטאָן און זיך פאַרמאָסטן עמיצער אַ קלאַפּ צו טאָן. דער ראָטמיסטער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז ווען דער לערער וואָלט איצט אויפגע-שטאַנען, וואָלט ער געווען אַזוי הויך ווי אַנדערטהאַלבן טאַראַסן. דערנאָך האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויף די נאַרעס צו די פיס פון זיין גוטן פריינט און דערמאָנענדיק זיך, אַז זיי האָבן אָפּגעלעבט צוזאַמען אַרום דריי יאָר, האָט ער אַ זיפץ געטאָן. ס'איז אַריינגעקומען טיאַפּאַ, האַלטנדיק דעם קאָפּ, ווי אַ באָק, וואָס קלייבט זיך אַ וואָרף טאָן אויף עמיצן מיט די הערנער שטעכן, ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער אַנדערער זייט, אויך ביים דעם לערערס פיס, אַ קוק געטאָן אויף זיין טונקלן פנים, וואָס איז איצט געווען רויק און ערנסט מיט פעסט צו-נויפגעפרעסטע ליפן, — און האָט אָנגעהויבן כריפּן.

— יאָ... אָט איז ער געשטאָרבן... און איך וועל אויך אין גיכן שטאַרבן...

— שוין צייט פאַר דיר, — האָט ברוגז דער ראַטמיסטער זיך אָפּגערופן.

— שוין צייט! — האָט טיאַפּאַ מסכּים געווען — און דו וואָלסט שוין אויך געדאַרפט שטאַרבן... אַלץ בעסער, ווי אַזאַ לעבן...

— אפשר גאָר ערגער? פון וואַנען ווייסטו?

— ערגער קען שוין נישט זיין, ווי אַזאַ מין לעבן. וועסט שטאַרבן — וועסטו האָבן צו טאָן מיט גאָט... און דאָ קומט אויס צו האָבן עסקים מיט מענטשן... מענטשן, מ'שטייגס געזאָגט, וואָס זענען זיי?

— נו, גוט, כריפּע נישט... — האָט אים ברוגז קוואַלדאַ איבערגעריסן די רייד.

און אין דער האַלבער פינצטערניש, וואָס האָט אַנגע-פילט די מלינה, איז געוואָרן פיינלעך שטיל.

לאַנג זענען זיי שווייגנדיק געזעסן ביי די פיס פונם פאַרשטאָרבענעם חבר און זעלטן אַ קוק טוענדיק אויף אים ביידע פאַרטיפט אין פאַרשידענע מחשבות. דערנאָך האָט טיאַפּאַ אַ פרעג געטאָן:

— קובר זיין וועסטו אים?

— איך? ניין! זאָל אים קובר זיין די פּאָליציי.

— נו! בעסער טו דו עס... דו האָסט דאָך אָפּגענומען דאָס געלט פאַר די פּראָשעניעס ביי וואַווילאָחן... איך וועל אייך גיבן, אויב ס'וועט נישט קלעקן...

— זיין געלט ליגט ביי מיר... און דאָך וועל איך אים נישט קובר זיין.

— דאָס איז נישט גוט פון דיין זייט. דו באַראַבעוועסט אַ מת. איך וועל עס דערציילן אַלעמען, אַז דו ווילסט אויס-נוצן זיין געלט... האָט אים טיאַפּאַ געדראָט.

— דו ביזט אַ שוטה, אַלטער טייוול. — האָט מיט פאַר-אַכטונג קוואַלדאַ זיך אָפּגערופן.

— איך בין נישט קיין שוטה... נאָר דאָס איז דאָך נישט גוט... זאָג, וואָס דו ווילסט, אַזוי באַהאַנדלט מען נישט קיין גוטן פריינט.

— נו, גענוג שוין. לאָז מיך געמאַך!

— זע נאָר! וויפיל געלט?

— אַ פינף און צוואנציקער... — האָט צושטרייט אָפּגעענטפערט.

— וואָס איך הער! וואָלסט מיר געגעבן כאָטש אַ פינפערל...

— ס׳אַראַ געמיינער יונג דו ביזט, אַלטער... — האָט דער ראָטמיסטער זיך אויסגעזידלט, גלייכגילטיק אַ קוק טוענדיק טיאַפּאַן אין פנים אַריין.

— וואָס איז דען? גיב,, כ׳מיין עס ערנסט.

— גיי צו אַלדע רוחות!... כ׳וועל אים פאַר דאָס דאָזיקע געלט שטעלן אַ מצבה.

— צוואָס דאַרף ער עס?

— כ׳וועל קויפן אַ מילשטיין און אַן אַנקער. דעם מילשטיין וועל איך אַוועקלייגן אויפן קבר און דעם אַנקער וועל איך מיט אַ קייט צושמידן צום מילשטיין... דאָס וועט זיין זייער שווער.

— צוואָס? מאַכסט זיך נאַריש..

— נו, דאָס איז נישט דיין עסק.

— געדענק, כ׳וועל דערציילן... — האָט טיאַפּאַ ווידער אים געדראָט.

אַריסטיד פאַמיטש האָט טעמפּיק אַ קוק געטאָן אויף אים און גאָרנישט געענטפערט. און ווידער זענען זיי ביידע געזעסן אין שווייגן, וועלכעס נעמט שטענדיק אָן אין געגנווארט פון מתים אַ פיינליכן און סודותפולן קאָלאָריט,

— הערסט? אָט... פאָרט מען, — האָט טיאַפּאַ געזאמט זיך אויפגעהויבן אין איז אַוועק פון דער מלינה.

אין אַ ווילע אַרום האָבן זיך אין איר טיר באַוויזן אַ פּריסטאַוו, אַ אויספאָרשונגס-ריכטער און אַ דאָקטאָר. אַלע דריי

זענען לויט דער ריי צוגעגאַנגען צום לערער און אַ קוק טוען־דיק אויף אים, זענען זיי באַלד אַרויסגעגאַנגען, וואַרפנדיק אויף קוואַלדן קרומע און פאַרדעכטיקע בליקן. דער ראַטמיס־טער איז זיך ווייטער געזעסן, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף זיי, ביזוואַנען דער פריסטאַוו האָט אים נישט געפרעגט, מאַכנ־דיק מיטן קאָפּ אויפן לערער:

— פון וואָס איז ער געשטאָרבן?

— פרעגט ביי אים אַליין... כ׳מיין, אַז דערפון, וואָס ער איז נישט געווען געוווינט...

— וואָס? — האָט דער אויספאָרשונגס־ריכטער געפרעגט.

— איך זאָג, ער איז לויט מיין מיינונג געשטאָרבן דער־פון, וואָס ער איז נישט געווען געוווינט צו יענער קרענק, אויף וועלכער ער איז קראַנק געוואָרן...

— הם... יאָ! ער איז לאַנג געווען קראַנק?

מ׳וואָלט אים געדאַרפט אַרויסשלעפּן אַהער, דאָרט זעט מען גאָר נישט, — האָט דער דאָקטאָר פאָרגעלייגט מיט אַ לאַנגווייליקן טאָן — אפשר זענען פאַראַן סימנים...

— אַנו, רופט נאָר עמיצן אַריין, מ׳זאָל אים אַרויס־טראָגן, — האָט דער פריסטאַוו באַפוילן קוואַלדאַן.

— רופט אַליין... ער שטערט מיר דאָ אויך נישט... — האָט גלייכגילטיק זיך אָפּגערופן דער ראַטמיסטער.

— נו! — האָט דער פריסטאַוו אַ שטרענגגעשריי געטאָן, מאַכנדיק אַ שרעקליך בייז פּנים.

— פרו! — האָט איראָניש קוואַלדאַ געענטפערט, נישט רירנדיק זיך פון אָרט, רויק אָנגעדראָדלט און עפענענדיק דאָס מויל.

— כ׳וועל, דער רוח זאָל עס נעמען... — האָט דער פריסטאַוו אָנגעהויבן צו גרייטן, אַריינפאַלנדיק אין אַ משונהדיקן כּעס, אַזוי, אַז דאָס פּנים האָט זיך אים אָנגעגאָסן מיט בלוט.— כ׳וועל עס אייך אַזוי גלאַט נישט דורכלאָזן! כ׳וועל אייך שוין ווייזן! איך...

— אַ שיינעם גוט מאָרגן, הערען באַאַמטע! — האָט מיט

אַ זיסער שטימע זיי באַגריסט דער סוחר פּיעטוניקאָוו, באַוויזנדיק זיך אין דער טיר.

אַ וואָרף טוענדיק מיט אַ מויל אַ שאַרפן בליק אויף אַלע האָט ער אַ ציטער געטאָן, זיך אָפּרוק; געטאָן צוריק אויף אַ טריט און אַראָפּנעמענדיק דאָס היטל, האָט ער זיך פרום איבערגעצלמט. דערנאָך האָט זיך איבער זיין פּנים פונאַנדערגעשווומען אַ שמייכל פון אַ טראָמפּירנדיקער נקמה און אויסשטעלנדיק האַרטנדיק זיינע אויגן אויפן ראָטמיסטער, האָט ער מיט דרך-ארץ געפרעגט:

— וואָס איז דאָ? — דערהרגעט אַ מענטשן?

יאָ, עפּיס ענדלעך דערצו, — האָט אים געענטפערט דער אויספאָרשונגס-ריכטער.

פּיעטוניקאָוו האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן, זיך נאָכאַמאָל איבערגעצלמט און מיט אַ טאָן פון פאַרדאָס אָנגעהויבן רעדן:

— אָך, גאָט אין הימל, גאָטעניו מיינער! ווי, איך האָב פאַר דעם מורא געהאַט! אָפטמאָל פלעג איך אהער אַריינגיין, כאַפּן אַ קוק... אַי, אי אַי! דערנאָך קומסטו אַ היים און ס'הייבט דיר אָן עפּיס אויסצווייזן שרעקלעכעס און שווינדלען אין קאָפּ — אַז דער אויבערשטער זאָל זיך מרחם זיין!... וויפיל מאָל האָב אָט דעם דאָזיקן העררן... דעם הויפּט קאָמאַנדיר פון דער גאָלדענער ראָטע געוואָלט אָפּזאָגן פון דער וווינונג. נאָר כ'האָב אַלץ מורא געהאַט... אפשר פאַרשייט איר מיך... אַזעלכע מענטשן... בעסער, טראַכט איך... נאָכגעבן אַ נישט ווער ווייסט, וואָס קען נאָך געשען...

ער האָט אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט, ווי מ'טוט עס ביים שווימען. דערנאָך האָט אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן פּנים, צונויפגענומען אין אַ בינדל די באָרד און ווידער אַ זיפץ געטאָן.

— געפערלעכע מענטשן. הפקר-מענטשן. און דער דאָזיקער הער איז זייער אַ מין נאַטשעלניק... פולשטענדיק אַן'אַטאַמאַן פון רויבער.

— אָט וועלן מיר אים אַ טאַפּ טאָן, — האָט מיט אַ פּיל

ציזאַגנדיקן טאָן דער פריסטאַוו זיך אָפּגערופן, קוקנדיק אויפן ראַטמײַסטער מיט נקמהדיקע אויגן. ער איז מיר אויך גוט באַקאַנט.

— יאָ, מיר זענען ביידע, ברודערקע, אַלטע באַקאַנטע... — האָט קוואַלדאַ באַשטעטיקט מיט אַ פאַמיליאַרן טאָן, — וויפיל האָב איך דיר און דיינע מקורבים איבערגעצאָלט — לא יחרץ-געלט!

— מיינע הערן! — האָט אַ געשריי געטאָן דער פריסטאַוו, — איר האָט געהערט? כ'בעט אייך געדענקען, וואָס ער האָט וועגן מיר נאָר וואָס געזאָגט! כ'וועל אים נישט דאָס שענקען... א... א? אַזוי גאָר? נו, דו וועסט שוין געדענקען. כ'וועל זיך שוין מיט דיר אָפּרעכענען, מיין פריינט...

באַרים זיך נישט גייענדיק מלחמה האַלטן... מיין פריינט, — האָט אַריסטיד פאַמיטש רויק געזאָגט.

דער דאָקטאָר, אַ יונגער מענטש אין ברילן, האָט אויף אים געקוקט מיט נייגיריקייט, דער אויספאָרשונגס-ריכטער מיט אַ בייזער אויפמערקזאַמקייט, פּיעטוניקאָוו — מיט טריומף, און דער פריסטאַוו האָט געשריען, זיך געבייזערט אנשפּרינגענדיק אויף אים.

אין דער טיר פון דער מלינה האָט זיך באַוויזן מאַרטיאַנאָווס חושכדיקע פיגור. ער איז צוגעגאַנגען שטיל און געבליבן שטיין הינטער פּיעטוניקאָוון, אַז זיין גאָמבע איז אויסגעקומען אונטער דעם סוחרס אונטערשטן טייל קאָפּ. פון דער זייט האָט אַרויסגעקוקט דער דיאַקאָן, ברייט פונאַנדערעפנדיק זיינע קליינינקע, געשוואָלענע און ברייטע אייגלעך.

— אָבער לאָמיר עפּעס טאָן, מיינע הערן! — האָט פאַרנעלייגט דער דאָקטאָר.

מאַרטיאַנאָוו האָט געמאַכט אַ שרעקלעכע גרימאַס און מיטאַמאָל האָט ער אַ נאָס געטאָן פּיעטוניקאָוון גלייך אין קאָפּ אַריין. יענער האָט אַ געשריי געטאָן, זיך צוגעזעצט און אַ שפּרונג געטאָן אָן אַ זייט, שיער נישט אומוואַרפנדיק דעם

פריסטאַוו, וועלכער האָט אים קוים איינגעהאַלטן, עפענענדיק די אָרעם.

איר זעט? — האָט אומרויק דער סוחר געזאָגט, ווייזענדיק אויף מאָרטיאַנאַוון. אָט וואָס פאַר אַ מענטשן דאָס זענען! הא? וואָס וועט איר אויף דעם זאָגן?

קוואלדא האָט זיך געקייכט פון געלעכטער, דער דאָקטאָר און דער אויספאָרשונגס-ריכטער האָבן אויך געלאַכט, און צו דער טיר פון דער מלינה זענען צוגעגאַנגען אַלץ נייע פיגורן. האַלב-שלעפעריקע, געשוואָלענע פיזיאָנאָמיעס מיט רויטע קראַנקע אויגן, מיט צעשויבערטע האָר אויף די קעפ און זיי אַלע האָבן אָן שום צערעמאָניע באַקוקט דעם דאָקטאָר, דעם אויספאָרשונגס-ריכטער און פריסטאַוו,

— ווּוהין קריכט איר? — האָט זיי אָפגעשטעלט דער פאָליציאַנט, שלעפנדיק זיי פאַר די טראַנטעס און אָפשטופנדיק זיי פון דער טיר, נאָר ער איז געווען איינער און זיי — פיל און נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף אים, זענען זיי ווייטער געקראָכן. אָטעמענדיק מיט איבערגעברענטן בראָנפן, שווייגנדיקע און שרעקלעך בייזע. קוואלדא האָט אויף זיי אַ קוק געטאָן, דערנאָך אויף דער נאַטשאַלסטווא, וועלכע האָט זיך געפילט אַביסל נישט אַנגענעם פון דער דאָזיקער חאַליאַסטרע און לאַכנדיק, האָט ער געזאָגט צו דער פאָליציי:

— מיינע הערן, אפשר ווילט איר זיך באַקענען מיט מיינע לאָקאַטאָרן? איר ווילט, אַלץ איינס — פריער אָדער שפעטער וועט אייך סיי ווי סיי אויסקומען, לויט אייערע דינסטפליכטן מיט זיי זיך צו באַקענען...

דער דאָקטאָר האָט זיך צולאַכט פאַרשעמט. דער אויספאָרשונגס-ריכטער האָט פעסט צוזאַמענגעפרעסט די ליפן, און דער פריסטאַוו האָט זיך אָנגעשטויסן, וואָס מ'האָט געדאַרפט טאָן און האָט אַ געשריי געטאָן אין הויף אַריין:

— סידאָראָוו! טו אַ פייף... ווען מ'וועט קומען, זאָלסטו זאָגן, מ'זאָל קריגן אַ פור...

— נו, איך גיי! — האָט פיעטוניקאָוו געזאָגט, אַרויס-

רוקנדיק פון ערגיץ פון אַ ווינקל. — די דירה וועט איר מיר היינט באַפרייען, מיין הער... כ'וויל איינברעכן דאָס דאָזיקע כיבאַרקעלע... זעט, דאָס צו האָבן אין זין און וועגן דעם צו זאָרגן, ווען נישט, וועל איך זיך ווענדן צו דער פּאָליציי.

אין דרויסן האָט שניידענדיק געהילכט דאָס געפּייף פונם פּאָליציאַנט, ביי דער טהיר פון דער מלינה זענען אין אַן אייגענער מענגע געשטאַנען אירע לאָקאַטאָרן, צוגענעצנדיק און קראַצנדיק זיך.

— אַלזאָ, וואָלט איר זיך נישט באַקענען?... נישט העפלעך פון אייער זייט כ'לעבן! — האָט אַריסטיד קוואַלדא געלאַכט.

פּיעטוניקאָוו האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ בייטעלע, זיך אין אים געגריבלט, האָט אַרויסגענומען פון דאָרט צוויי צענערס און ציילנדיק זיך, האָט ער זיי אַוועקגעלייגט צו די פיס פונם מת.

— גאָט אין הימל, שיק אַראָפּ דיין ברכה... אויף קובר צו זיין דאָס זינדיקע אַש...

— וואָס? — האָט דער ראָטמיסטער אַ שרעקלעכן געשריי געטאָן — דו? דו גייסט אויף זיין קבורה? נעם צו צוריק! נעם צו, זאָג איך דיר... דו לאָבוז איינער! דו האָסט די העזה צו געבן אַ נדבה אויף די קבורה פון אַן ערלעכן מענטשן! דו וואַגסט אויף אַזאַ הייליקע מצוה צו געבן דיינע געגנבטע גראָשענס... כ'וועל פון דיר, מאַכן אַ באַרג אַש, כ'וועל דיר צוברעכן רוק און לענד!

— וואָשע בלאַגאָראָדיע! האָט דערשראָקן דער סוחר אַ געשריי געטאָן, כאַפּנדיק דעם פּריסטאַוו די עלנבויגן.

דער דאָקטאָר און דער אויספאָרשונגס - ריכטער זענען אַרויסגעשפּרונגען פון שטוב. דער פּריסטאַוו האָט הויך גערופן:

— סידאָראָוו, אַהער!

די געוועזענע מענטשן האָבן זיך אויסגעשטעלט אין דער טהיר ווי אַ וואַנד און מיט אַ אינטערעס, וואָס האָט באַלעבט זייער צוקניישטע פּנימער, האָבן זיי געקוקט און געהערט.

טרייסלנדיק מיטן פויסט איבער פּיעטוניקאָוו קאָפּ, האָט

קוואַלדאַ געראַוועט און ווי אַ חיה געדרייט די אויגן, וואָס זענען געווען פֿאַרגאָסן מיט בלוט.

— דו לאָבוז און גנב איינער! נעם צוריק דאָס געלד! געמיינע בריאה, — נעם זאָג איך... אַ נישט וועל איך די דאָזיקע טריפֿהנע צענער דיינע דיר אַריינשלאָגן אין די טריפֿהנע אויגן דיינע, דו הערסט?

פּיעטוניקאָוו האָט אויסגעצויגן די ציטערנדיקע האַנט צו זיין נדבה און באַשיצנדיק זיך מיט דער אַנדערע האַנט פֿון קוואַלדאָס פֿויסט, האָט ער געזאָגט:

— זייט אַן עדות, הער פּריסטאַוו, און איר, גוטע מענטשן.

— מיר, סוחרים, זענען נישט קיין גוטע מענטשן, — האָט זיך דערהערט אַביעדאָקט צובראָכענע שטים.

דער פּריסטאַוו האָט אָנבלאָזנדיק דאָס פּנים, ווי אַ פּעג־כער, שרעקלעך געפּייפֿט מיטן פּייפֿעלע און די אַנדערע האַנט האָט ער געהאַלטן אין דער ליפּט איבער פּיעטוניקאָווס קאָפּ. פּיעטוניקאָוו האָט זיך אַרום אים אַרומגעדרייט, פּונקט ווי ער וואָלט געוואָלט אים אַריינקריכן אין בויך אַריין.

— ווילסטו, וועל איך דיך צווינגען, דו געמיינער שלאַנג איינער, קושן די פּיס ביים דאָזיקן מת? ווילסטו? און איינ־קלאַמערנדיק זיך אין פּיעטוניקאָווס קראַגן, האָט קוואַלדאַ אים אַ שליידער געטאָן, ווי אַ קעצל צו דער טיר.

די געוועזענע מענטשן האָבן זיך געשווינד פֿונאַנדערגע־רוקט, כּדי צו געבן דעם סוחר אַן אָרט אויף צו פֿאַלן.

און ער האָט זיך אויסגעצויגן ביי זייערע פּיס, דער־שראָקנדיק און משוגע וואָיענדיק:

— זיי דערהרגענען מיך! געוואַלד!... דערהרגעט!

מאַרטיאַנאָוו האָט פּאַמעליך אויפגעהויבן זיין פוס, ציל־נדיק מיט איר אינעם סוחרס קאָפּ. אַביעדאָק האָט מיט אַ גלוס־טיקן אויסדרוק אויף זיין פּנים אַ שפּיי געטאָן פּיעטוניקאָוון אין פּנים אַריין. דער סוחר האָט זיך צונויפגעקוועטשט אין אַ קליין קנוילעכל און איינשפּאַרנדיק זיך אין דער ערד מיט די הענט

און פיס, האָט ער זיך אַרויסגעקייקלט אין הויף אַרויס ביי אַ הילכיקן געלעכטער פון דער גאַנצער האַליאַסטרע, וואָס האָט צוגעגעבן חשק דעם ראָטמיסטער, אַזוי זיך אָפּצורעכענען מיטן פאַרהאַסטן פּיעטוניקאָוון.

אין דרויסן האָבן זיך שוין באַוויזן צוויי פּאָליציאַנטן און דער פּריסטאַוו האָט, אָנווייזנדיק זיי אויף קוואַלדן, טריומפירנ־דיק געשריען !

— אַרעסטירן ! בינדן !

— בינדט אים, טייערע מיינע ! — האָט זיך פּיעטוניקאָוו געבעטן רחמים.

— נישט וואגן ! איך אַנטלויף דאָך נישט... כ׳וועל אַליין גיין, וווּהין מ׳דאַרף... — האָט קוואַלדא געזאָגט, אָפּשלאָגנדיק זיך פון די פּאָליציאַנטן, וואָס זענען צו אים צוגעלאָפן.

די געוועזענע מענטשן זענען איינער נאָכן אַנדערן פאַר־שווונדן געוואָרן. אין הויף איז אַריינגעפאָרן אַ פור. עפּעס כמורנע מענטשן, אָנגעטאָן אין טראַנטעס, האָבן שוין געשלעפּט פון דער מלינה דעם לערער.

— כ׳וועל דיר שוין, טייבעלע, ווייזן, ווער עלטער איז ! האָט דער פּריסטאַוו געדראָעט קוואַלדאַן.

— נו, וואָס, אַטאַמאַן ? — האָט פּיעטוניקאָוו געמיין זיך געריייצט מיט קוואַלדן, אויפגערעגט און גליקלעך ביים אַנזען פון זיין שונא, וועלכן מ׳האָט געבונדן די הענט — נו, וואָסטו איצט זאָגן, אַריינגעפאַלן, ענדלעך, דאָס פייגעלע אין נעצעלע אַריין ! וואַרט ! ס׳וועט נאָך זיין ערגער. מיינסט, אַז דערמיט ענדיקט זיך עס, דו וועסט שוין האָבן אַ מאוסן סוף, אַ סוף, רבונו של עולם, אויף אַלע מיינע שונאים געזאָגט געוואָרן !..

נאָר קוואַלד האָט געשוויגן, ער איז געשטאַנען צווישן צוויי פּאָליציאַנטן, אַ שרעקלעכער און גלייכער, און געקוקט. ווי מ׳האָט דעם לערער אַרויפגעוואָרפן אויף דער פור...

דער מענטש, וואָס האָט געהאַלטן דעם מת אונטער דער פאַכווע, איז געווען פון אַ נידריקן וווּקס און האָט נישט געקאָנט אַוועקלייגן דעם לערערס קאָפּ אין יענער רגע, ווען

די פּיס זײַנע זענען שוין געווען אַריבערגעוואָרפן אין פור־אַרײַן. לערך אַ מינוט צײַט איז דער לערער געווען אין אַזאַ פּאָזע, פּונקט ווי ער וואָלט געוואָלט זיך אַראָפּוואַרפן פון דער פור מיטן קאָפּ אַראָפּ און זיך באַהאַלטן אין דער ערד פון די דאָזיקע אַלע שלעכטע און נאַרישע מענטשן, וואָס האָבן אים פאַרביטערט דאָס לעבן און נישט געלאָזט צורו.

— פיר אים, — האָט אַ קאָמאַנדע געטאָן דער פּריסטאַוו, אָנווײַזנדיק אויפן ראָטמיסטער.

קוואַלדאַ האָט, נישט פּראָטעסטירנדיק, אַ שווײַגנדיקער און אָנגעבלאָזענער, אָנגעהויבן גײן פון הויף און פאַרבײַגײענדיק פאַרן לערער, האָט ער אײַנגעבויגן דעם קאָפּ, האָט אָבער אויף אים קײן קוק נישט געטאָן. מאַרטיאַנאָוו איז מיט זײַן פאַרשטײנערטן פּנים אים נאָכגעגאַנגען. פּיעטוניקאָווס הויף איז גיך געוואָרן פּוסט.

— נ־נאָ, פאָרט מען! — האָט דער פורמאַן אַ מאַך געטאָן מיט די לייצעס איבער די פערד.

די פור האָט זיך אַ ריר געטאָן, האָט זיך אָנגעהויבן צו טרייסלען איבער דער נישט גלײַכער ערד פונם הויף. באַדעקט מיט עפּיס אַ פלאַכטע, האָט זיך אין איר דער לערער אויסגעצויגן מיט דער ברוסט אין דער הויך און דער בויך האָט געציטערט. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער לערער לאַכט שטיל און צופרידן, און אים טוט הנאה, וואָס, ער פאָרט ענדלעך אַרויס פון דער מלינה און וועט זיך שוין אַהין נישט צוריקקערן. קײנמאָל זיך נישט צוריקקערן. באַגלייטנדיק אים מיט זײַן בליק, האָט פּיעטוניקאָוו פרום זיך איבערגעצלמט און דערנאָך האָט ער זיך גענומען אָפּצוקלאַפּן מיט זײַן היטל דעם שטויב און מיסט וואָס זענען צוגעשטאַנען צו זײַנע מלבושים. נאָר וואָס מער דער שטויב איז אַראָפּ פון זײַן קאַפּטאַן אַלץ מער האָט זיך אויף זײַן פּנים באַוויזן אַן אויסדרוק פון צופרידנקייט מיט זיך און פון זיכערקייט אין זיך. פון הויף האָט ער געזען, ווי איבער דער גאַס, באַרג אַרויף, איז געגאַנגען דער ראָטמיסטער אַריסטיד פאַמיטש קוואַלדאַ, בײַ וועלכע די

העגט זענען געווען געבונדן טון פאַרדרייט הינטערן רוקן. דער ראָטמיסטער איז אַזוי געגאַנגען, אַ הויכער, אַ גראָער, אין היטל מיט רויטן באַנד, וואָס איז געווען ענלעך צו אַ פּאַס בלוט.

פּיעטוניקאָוו האָט אַ שמייכל געטאָן מיט אַ שמייכל פון אַ זיגער און איז אַוועק צו דער מלינה, נאָר מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ ציטער טוענדיק, זיך אָפּגעשטעלט. אין דער טיר קעגן אים איז געשטאַנען מיט אַ שטעקן אין דער האַנט און מיט אַ גרויסן זאַק פון איבערן רוקן, אַ שרעקלעכער אַלטער מענטש, אָנגעטאָן אין טראַנטעס, וואָס האָבן באַדעקט זיין לאַנגן גוף, איינגעבויגן דורך דער שווערקייט פון דער משא און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף דער ברוסט, — אַזוי פונקט, ווי ער וואָלט געוואָלט זיך אַ וואָרף טאָן אויפן סוחר.

— ווער ביסטו? — האָט פּיעטוניקאָוו אַ געשריי געטאָן — ווער ביסטו?

— אַ מענטש... — האָט זיך דערהערט אַ טויב כריפּען,

פּיעטוניקאָוון האָט דאָס דאָזיקע כריפּען דערפרייד און בארויקט. ער האָט אַפילו אַ שמייכל געטאָן.

— אַ מענטש! אך דו... אַזוי זעען דען אויס מענטשן?

און אָפּקערנדיק זיך אין אַ זייט, האָט ער דורכגעלאָזט פאַרביי זיך דעם אַלטן, וועלכער איז געגאַנגען גלייך אויף אים און האָט טויב געוואָרטשעט:

— פאַרשידענע זענען פאַראַן מענטשן... ווי גאָט וויל... זענען פאַראַן נאָך ערגערע, פאַר מיר אויך... און נאָך ערגער זענען אויך פאַראַן... יאָ!

דער כמורנער הימל האָט שווייגנדיק געקוקט אויפן שמוציקן הויף און אויף דעם ריייניקן מענטשן מיטן שאַרף גראָ בערדל, וועלכער איז געגאַנגען איבער דער ערד און האָט מיט זיינע טריט און שאַרפע אייגלעך עפּעס געמאָסטן. אויפן דאַך פונם אַלטן הויז איז געזעסן אַ קרא און האָט טריומפירנדיק געקאַרקעט, אויסציענדיק דאָס האַלדז און צושאָקלענדיק זיך.

און די גראָע שטרענגע וואָלקנס, וואָס האָבן פאַרדעקט דעם גאַנצן הימל, איז געווען עפּעס אָנגעשטרענגטעס און אומ-

ברחמנותדיקעס, פונקט ווי זיי וואַלטן, קלויבנדיק זיך אויסצו־
ברעכן מיט אַ גאַס־רעגן, פעסט באַשלאָסן אָפּצוּוואַשן דעם
גאַנצע שמוץ פון דער דאָזיקער אומגליקלעכער, אויסגעקוועלטער,
טרעריקער ערד.

ע נ ד ע

פון לאַנגווײַליקייט

... אַרויסהאַרפּנדיק פֿון זיך אין דער הויך קנוילן שווערן גראָען רויך, איז דער פּאַסאַזשירן-צוג, ווי אַ אומגעהויערער רמש ביסלעכווייז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן אין דער ווייטקייט פֿון סטעפּ, אינם געלן ים פֿון תּבֿואות, מיט וועלכן דער סטעפּ איז טייל-ווייז געווען באַדעקט. צוזאַמען מיטן רויך פֿונם צוג איז אין דער הייסער לופֿט זיך צוגאַנגען דער ברוגזער גערויש, וועלכער האָט אין משך פֿון עטלעכע מינוט צושטערט די גלײַכגילטיקע שטילקייט פֿונם ברייטן און וויסטן ערד-פּלאַך, און די קליינע אייזנבאַן-סטאַציע, וואָס איז דאָ געלעגן פֿאַרוואָרפֿן, האָט מיט איר איינזאַמקייט דערוועקט אַ געפֿיל פֿון אומעט.

און ווען דער טויבער, נאָר לעבעדיקער גערויש פֿונם צוג האָט זיך פֿונאַנדערגעשטרייט און איז אויסגעגאַנגען אונטערן לויטערן געוועלב פֿונם וואָלקנלאָזן הימל, האָט אַרום דער סטאַציע ווידער אָנגעהויבן צו הערשן אַ דריקנדע שטילקייט און פֿון דער דאָזיקער אומעטיקער שטילקייט איז נאָך גרעסער געוואָרן די מרה שחורהדיקע מאָנאָטאָנישקייט פֿונם סטעפּ.

דער סטעפּ איז געווען אַ גאָלדלעך-געלער, דער הימל — אַ העל-בלאָער. סײַ דער סטעפּ, און סײַ דער הימל זענען געווען אומגעהויער גרויס, — נישט אַרומצונעמען מיטן אויג; די ברוינע, צימריק-פֿאַרביקע געבײַדעס פֿון דער סטאַציע, וואָס איז פֿאַרוואָרפֿן געוואָרן צווישן זיי, האָבן געמאַכט אַן איינדרוק פֿון אַ צופֿעליקן שמיר מיט אַ פּענזל, און דער דאָזיקער שמיר האָט קאַלט געמאַכט דעם צענטער פֿונם מעלאַנכאָלישן בילד,

וואָס דער קינסטלער האָט אויסגעמאָלט אַזוי פּלייסיק, נישט באַזיצנדיק קיין פאַנטאַזיע און קיין אינטואיציע.

יעדן טאָג, 12 אַ זייגער מיטאָג און פיר אַ זייגער נאָך מיטאָג, קומען אָן פון סטעפּ צו דער סטאַציע צוגן און בלייבן דאָ שטיין צוויי מינוט. די דאָזיקע פיר מינוטן — איז די איינציקע און הויפּט-פאַרווייַלונג אויף דער סטאַציע; זיי ברענגען מיט זיך איינדרוקן אירע אָנגעשטעלטע, וואָס זענען דאָרט באַשעפטיקט.

אין יעדן צוג פאָרן פיל פאַרשידענע מענטשן, פאַרשידנאַרטיק געקליידעטע, זיי באַווייזן זיך נאָר אויף אַ רגע; און די וואַגאָנען-פענצטער שימערן דורך זייערע מידע, אומגעדולדיקע, גלייכגילטיקע פּנימער, און אָט דערהערט זיך אַ קלונג פונם סטאַציע גלאָק, דער קאָנדוקטאָר טוט אַ פייף, דער לאָקאָמאָטיוו ענטפערט אים אָפּ מיט זיין פייף — און מיט אַ ליאַרם, וואָס רייצט אויף די נערוון, טראָגן זיך די דאָזיקע פאַרשידענע מענטשן אַוועק ווייט אין סטעפּ אַריין, אין די שטעדט, וווּ ס'קאָכט אַ רוישיק לעבן.

די אָנגעשטעלטע פון דער סטאַציע, וועלכע האָבן זיך געלאַנגווייליקט אין זייער איינזאַמקייט, איז נייגעריק געווען צו זען די דאָזיקע פּנים חדשות, און באַגלייטנדיק דעם צוג, פלעגן די דאָזיקע באַאַמטע זיך טיילן איינער מיטן אַנדערן מיט די בעאָבאַכטונגען, וואָס זיי האָבן, בעתן אָפּשטעלן זיך פון די צוגן, אין דער גיך אַ כאַפּ געטאָן. אַרום זיי ליגט דער שווייגנדיקער סטעפּ און איבער זיי דער גלייכגילטיקער הימל, און אין די הערצער פון די געציילטע מענטשן, וואָס זענען אָנגעשטעלטע אויף דער איינזאַמער סטאַציע, איז געלעגן אַ טריבע קנאה צו די מענטשן, וואָס טראָגן זיך יעדן טאָג דורך אויף די צוגן און שטרעבן צו עפּעס, בעת זיי, די עטלעכע מענטשן פון דער סטאַציע, בלייבן דאָ שטענדיק, פאַרשלאָסן אין דער וויסטע, לעבנדיק ווי פון יענער זייט לעבן און האָבנדיק די מעגלעכקייט צו זען מענטשן, ריכטיקער גע-

זאָגט, צו כאַפּן אַ קוק אויף זיי בלויז אין משך פון פיר מינוט אין מעת-לעת.

און אָט, באַגלייטנדיק דעם צוג, שטייען זיי אויפן פּעראָן, און באַגלייטן מיט די אויגן די שוואַרצע שטאַנגע, וואָס ווערט פאַרשווונדן אין געלן ים פון די תבואות, און שוויגן אונטערן איינדרוק פונם לעבן, וואָס איז אַדורכגעלאָפן פאַרביי זיי.

זיי זענען דאָ אויף דער סטאַציע, כמעט אַלע: דער נאַטשעלניק פון דער סטאַציע — אַ גוטמוטיקער און דיקלעכער בלאָנדין מיט גרויסע קאַזאַקישע וואָנצעס; זיין געהילף — אַ רויטלעכער יונגערמאַן מיט אַ שאַרף בערדל; דער סטאַציע-סטרוזש לוקאַ — אַ קליינינקער, רירעוודיקער און כיטרער, און איינער פון די ווייזער-אָנשטעלער אויף דער ליניע — באַמאַזאָוו, אַ פעסטער, ברייטבאַרדיקער, שווייגעדיקער פויער מיט אַ זאַט און ערנסט פּנים.

אויף אַ באַנק ביי דער טיר פון דער סטאַציע זיצט דעם נאַטשעלניקס ווייב, אַ קליינע און דיקע פרוי, וואָס ליידט שטאַרק פון דער היץ. אויף אירע קני שלאָפט אַ קליין קינד, און דאָס פּנים איז ביי אים אויך אַזאַ פולס און רויטס ווי ביי דער מוטער.

דער צוג באַהאַלט זיך אויפן אָרט, ווו דער וועג הייבט אָן גיין באַרג אַראָפּ, און ס'דאַכט זיך, אַז דער גאַנצער צוג האָט זיך איינגעגראָבן אין דער ערד.

דאַן זאָגט דער שעף פון דער סטאַציע, ווענדנדיק זיך צו זיין פרוי.

— נו, סאָניאַ, וואָס הערט זיך? ... סאַמאַוואַר איז שוין פאַרטיק?

— נאַטירלעך, — ענטפערט זי פויל און שטיל.

— לוקאַ! נעם... קער צו דעם וועג און דעם פּעראָן... זע נאָר, ווי מ'האָט דאָ אנגעוואָרפן, ווי מ'האָט דאָ אָנגעסמיע-טשעט...

— כ'ווייס, מאַטוויי יעגראָוויטש — ענטפערט דער סטרוזש, — תיכף ומיד קער איך צו און רוים איך אויף!

— יאָ... וואָס-זשע? וועלן מיר הייסט עס, טרינקען טיי, יקאָלאי פּיעטראָוויטש?

— ווי דער שטייגער איז... — רופט זיך אָפּ דעם שעפס עהילף.

און נאָכן באַגלייטן דעם טאָגיקן צוג פרעגט מאָטוויי יעגאראָוויטש זיין פרוי:

— נו, וואָס זשע? וועלן מיר עסן מיטאָג?

און דער געהילף ענטפערט גאַנץ ריכטיק:

— ווי שטענדיק...

זיי גייען אַוועק פון פּעראָן אין שטוב אַריין, ווו ס'איז דאָ פיל בלומען און ווייניק מעבל, ווו עס שמעקט מיט קיך און ווינדלעך, און דארט, אַרום דעם טיש, רעדט מען וועגן דעם, וואָס ס'האָט זיך פאַר זיי פאַרבייגעטראָגן.

— איר האָט באַמערקט, ניקאָלאי פּיעטראָוויטש, אין דער צווייטער קלאַס אַ קליינע ברונעטקע אין געלע קליידער? אַ גיפ-טיק שטיקעלע!...

— יאָ, נישט קיין מאוסע, נאָר אָנגעטאָן איז זי געשמאַק-לאָז... — ענטפערט דער געהילף.

ער רעדט שטענדיק קורץ און זיכער, מחמת ער האַלט זיך פאַר אַ מענטשן, וואָס קען דאָס לעבן, און פאַר אַ געביל-דעטן. ער האָט געענדיקט אַ גימנאַזיע. ער האָט אַ העפט אין אַ שוואַרצן קאָלענקאָר; ער פאַרשרייבט אין דאָזיקן העפט פאַרשידענע אַפאָריזמען פון באַרימטע מענטשן, אַרויסכאַפּנדיק די דאָזיגע קלוגע רייד פון צייטונג-פעליעטאָנען און פון ביכער, וואָס פאַלן צופעליק אַריין אין זיינע הענט. דער שעף אַנער-קענט אָן שום וכוחים, זיין אויטאָריטעט אין אַלע פראַגן, וואָס האָבן נאָר נישט קיין שייכות צו זיין אַמט, און הערט אים אויס מיט אויפמערקזאַמקייט. באַזונדערס געפעלן אים די קלו-גע אַפאָריזמען פון ניקאָלאַי פּיעטראָוויטשעס העפט, און ער ווערט פון זיי שטענדיק תמימותדיק אַנטציקט און איז פון זיי שטאַרק נתפעל. דעה געהילפס באַמערקונג וועגן דעם קאָסטיום

פון דער בראָנעטן רופט אַרויס בײַ מאַטוויי יעגאָראָוויטשן אַ פראַגע:

— פאַסט דען נישט פאַר ברונעטקעס אַ געלער קאָליר?

— איך רעד וועגן פאַסאָן און נישט וועגן קאָליר, — ערקלערט ניקאָלאַי פּיעטראָוויטש, אַרײַנלייגנדיק זיך פינקטלעך קאָנפיטור פון דער גלעזענער וואַזע אין גלאָז טיי אַרײַן.

— פאַסאָן — דאָס איז אַנ'אַנדערער זאַך... — איז דער שעף מסכים.

אין געשפּרעך טרעט אַרײַן זײַן פרוי, ווײַל די דאָזיקע טעמע איז איר נאָענט און פאַר איר פאַרשטענדלעך. נאָר אַזוי ווי די מחות פון די דאָזיקע מענטשן זענען ווייניק אויסגעשאַרפט און ווייניק אויסגעשליפן, — ציט זיך דער געשפּרעך לאַנגזאַם און זעלטן רעגט ער אויף זייערע געפילן.

און אין פענסטער קוקט אַרײַן דער סטעפּ, פאַרכישופט פון שטילקייט, און דער הימל, ערנסט און וויכטיק אין זײַן פרעכטיקער רויִקייט.

כמעט יעדע שעה קומען אָן משא-צוגן און די דינער-שאַפט, וואָס באַגלייטן זיי און פאָרן מיט זיי מיט איז דאָ אַלעמען פון לאַנג אָן באַקאַנט. די קאָנדוקטאָרן, וואָס פאָרן מיט די משא-צוגן, זענען אַלע האַלב-שלעפעריקע מענטשן, גייסטיק דערשלאָגענע דורכן לאַנגווײַליקן פאָרן איבערן סטעפּ. מאַנכעמאָל, איבעריגנס, דערציילן זיי וועגן געשעענישן, וואָס פאַסירן אויף דער ליניע: אויף דעם, אָדער יענעם אָרט איז דער צוג איבערגעפאָרן אויף טויט אַ מענטשן; אָדער זיי דער-ציילן אַמטלעכע נייעס: אויף דעם האָט מען אַרויפגעלייגט אַ שטראָף פאַר דעם אָדער יענעם חטא, דעם האָט מען איבער-געפירט אויף אַן אַנדער אָרט און אַן אַנדער אַמט. די דאָזיקע נייעס ווערן נישט באַהאַנדלט, מ'לאָזט זיך נישט אַרײַן וועגן זיי אין קיין וכוחים, — מ'שלינגט זיי פשוט אײַן גיריק ווי אַ זעלטענער געשמאַקן געריכט.

און די זון קײַכט פאַמעלעך אַראָפּ פון הימל אויפן ראַנד פונעם סטעפּ, און ווען זי רירט זיך ראָרט אָן כמעט אָן

דער ערד, ווערט זי בלוט-רויט. אויפן סטעפּ לייגט זיך אַ רויטלעכער שיין, וואָס דערוועקט אַ אומעטיק געפיל פון נישטצופרידנקייט, אַ נישט קלאָרן דראַנג עפּיס אין דער ווייט, — דעראַרויסצורייסן זיך האָט אַהין, פון דער דאָזיקער וויסטע. דערנאָך רירט זיך די זון אָן מיט איר ראַנד צו דער ערד און גייט פויל אַוועק פון איר, אָדער אין איר. אין הימל, לאַנג נאָכן אונטערגאַנג פון דער זון, שפּילט נאָך שטיל אַ מוזיק פון העלע קאָלירן, פונם זון-אונטערגאַנג, נאָר דער הימל ווערט אַלץ בלייכער און בלאַסער, און ס'טרעט איין דער אמתער וואַרעמער און שווייגנדיקער בין השמשות. ס'צינדן זיך אָן געשטערן און זיי ציטערן אין הימל, ווי זיי וואָלטן זיך געשראָקן פאַר דער לאַנגווייליקייט אויף דער ערד.

אין די בין השמשות שעהן ווערט דער סטעפּ שמאָלער; אויף דער סטאַציע קריכט אין דער שטיל פון אַלע זייטן די פינצטערקייט פון דער נאַכט. און אָט קומט אָן די שוואַרצע און ברוגז-אָנגעבלאָזענע נאַכט.

אויף דער סטאַציע צינדט מען אָן לאָמפּן. העלער און העכער פאַר אַלע פייערן וואָס מען צינדט אָן אויף דער סטאַציע, איז דאָס גרינלעך פייער פון סעמאַפאָר; אַרום אים הערשט פינצטערקייט און שטילקייט.

צייטנווייז דערהערט זיך אַ קלונג — אַ אָנזאָג, אַז אַ צוג איז אַרויס פון דער נאָענסטער סטאַציע; דער אייַלעדיקער קלאַנג פונם גלאָק טראָגט זיך אַוועק איבערן סטעפּ און שנעל ווערט ער אין אים דערטרונקן.

אין אַ מינוט פּוּפּצן נאָכן קלונגן לויפט אַרויס פון דער פינצטערער ווייטקייט אַ רויט פינקלדיקס פייער. און די שטילקייט אין סטעפּ ווערט אויפגעציטערט פונם טויבן גערויש פונם צוג, וועלכער גייט צו דער איינזאַמער סטאַציע, וואָס איז איינגעהילט אין פינצטערקייט.

* * *

דער נידעריקער שיכט פון דער קליינער געזעלשאַפט

אויף דער סטאַציע לעבט אַביסל אַנדערש, ווי די אַריסטאָקראַ־טיע. דער סטרוזש לוקא קעמפט שטענדיק מיטן פאַרלאַנג אַריינ־צוכאַפּן זיך צו זיין ווייב און ברודער אין דאָרף אַריין, זיבן ווי׳אָרסט פון דער סטאַציע. דאָרט האָט ער אַווירטשאַפט, ווי ער זאָגט גאָמאָזאָוון, ווען ער בעט דעם דאָזיקן שווייגעדיקן און סאָלידן ווייזער־אָנשטעלער, ער זאָל אים פאַרטרעטן מיט אַ דיזשור אויף דער סטאַציע אויף אַ טאָג, ביז ער וועט זיך צו־ריקקערן פון דאָרף.

ביים וואָרט „ווירטשאַפט" זיפצט גאמאזאָוו שטענדיק שווער אָפּ און זאָגט צו לוקאָן:

— וואָס־זשע, גיי. ווירטשאַפט פאָדערט, מ׳זאָל אויף איר אַכטונג געבן, דאָס איז ריכטיק...

און דער אַנדערער וועג אָנשטעלער, אַפאַנאַסי יאַגאָדקא, אַן׳אַלטער אויסגעדינטער סאָלדאַט מיט אַ קיילעכיק רויט פּנים און גראָע, לאַנג נישט ראַזירטע, האָר, אַ בייזער מענטש, וואָס האָט ליב פון אַלעמען צו שפּאָטן, — גלייבט נישט לוקאן.

— וואָס מיר ווירשטאַפט! — שרייט ער אויס, לאַכנדיק — וואָס מיר ווייב!... ווייב־שמייב! דערציילט דער באָבן דיינער! כ׳פאַרשטיי, וואָס דו מיינסט און וואָסאַראַ כונה דו האָסט... דיין ווייב איז אפשר אַנ׳אַלמנה, זאָג? אָדער אַ פרוי, וואָס דער מאַן אירער איז אַ זעלנער?

— אַך, דו פייגל־גובערנאַטאָר! — רופט זיך אָפּ לוקא מיט פאַראַכטונג.

ער רופט יאַגאָדקען פייגל־גובערנאַטאָר צוליב דעם, וואָס דער אַלטער סאָלדאַט האָט ליידנשאַפטלעך ליב פייגל. די גאַנ־צע בודקע איז ביי אים, סיי אינעווייניק, און סיי אויסנוויי־ניק, באַהאָנגען מיט שטייגן און „סידעלעס"; אין דער בודקע און אַרום איר, הערן די פייגל אַ גאַנצן טאָג נישט אויף צו זינגען, טשוויטשן און קרייען. די סטעפּע פייגל, וואָס דער סאָלדאַט האָט געפאַנגען און האַלט אין שטייגן, האַלטן אָן אַנ׳ אויפהער, אין איין אויסשרייען זייער מאָנאַטאָניקן „פאַט־פאָלאַט" קליינע פייגעלעך פון פאַרשידענע קאָלירן טשווטישן, פייפן און

זינגען כּסדר, פֿאַרשאַפֿנדיק דעם איינזאַמען סאָלדאַט אַ נחת-רוח און מאַכנדיק זיס זיין איינזאַם לעבן. ער פֿאָרעט זיך אַרום זיי די גאַנצע פֿרייע צייט זיינע און באַהאַנדלדיק זיי ליבלעך, צאַרטיק און זאָרגזאַם, ווייזט ער נישט אַרויס קיין שום אינטע-רעס צו זיינע חברים — זיי גייען אים נישט אָן און ער האָט נישט מיט זיי קיין שום מגע ומשא. לוקאַן האָט ער געגעבן אַ צונאָמעניש שלאַנג, גאַמאַזאָון — קאַצאַפּ און, זיך נישט זשע-נירנדיק, זאָגט זיי אין די אויגן, אַז זיי זענען ווייבערשע נאָכשלעפּער און אַז מ׳וואָלט זיי געדאַרפט דערפֿאַר שלאָגן.

לוקא לייגט ווענִיק אַכט אויף זיינע ווערטער, נאָר ווען דעם סאָלדאַט גיט זיך איין אים צו צורייצן, — דאַן זידלט אים לוקא לאַנג און בייסיק.

— דו גראָער זעלנערוק איינער, דו אַכבריש! וואָס פֿאַר-שטייסטו אין אַזעלכע זאַכן, דו באַראַבאַנשטשיק פֿון דער דע-מיסיאָנירטע ציג! דיין גאַנץ לעבן האָסטו געיאָגט זשאַבעס פֿון אונטער די קאַנאַנען און געהיט דאָס קרויט אין פּאָלק... נישט דיין עסק, דאַרפֿסט זיך נישט אַריינמישן אין אַזעלכע זאַכן און וועגן דעם חקירן! גיי צו דיינע פֿייגל און מיט זיי קאָ-מאַנדעווע, פֿייגל-קאָמאַנדיר!

אויסהערנדיק רויק די זידלערייען פֿונעם סטרוזש, פֿלעגט יאַגאַדקא גיין זיך קלאָגן אויף אים, דעם שעף פֿון דער סטאַנצ-יע און יענער פֿלעט שרייען, זיך בייזערן, מ׳זאָל נישט קריכן צו אים מיט אַזעלכע נאַרישקייטן און אָוועקיאָגן דעם סאָלדאַט פֿון זיך. דאַן פֿלעגט יאַגאַדקא, נישט געפֿינענדיק קיין גערעכ-טיקייט ביים נאַטשעלניק, אָפּזוכן לוקאַן און אים אַליין זידלען אויף וואָס די וועלט שטייט — נישט ווערנדיק צוהיצט און רויק. ער פֿלעגט אים זידלען מיט שווערוואָגיקע מאוסע ווער-טער, פֿון וועלכע לוקא פֿלעגט אין דער גיך אַנטלויפֿן, אָפּ-שפּייענדיק, זיך, ווי אַ רוח פֿון ווייַרייך.

גאַמאַזאָו פֿלעגט אויף דעם סאָלדאַטס רעוועלאַציעס ענט-פֿערן מיטזיפֿצן און פֿאַרשעמט זיך פֿאַרטיידיקן:

— וואָס קען מען טאָן? נישטאָ קיין עצה דערצו... דאָס

איז נאַטירלעך... אַ צופֿאַלזנקייט... נאַר, אַגב, משפט נישט יענעם, וועסטו אַליין אויך נישט געמשפט ווערן...

אַמאָל האָט אים דער סאָלדאַט געענטפערט, שמייכלענדיק:

— ס'האָט זיך אויסגעלערנט די ווראָנע איין וואָרט רעדן און פּלאַפּלען עס פֿאַר יעדן! משפט נישט, משפט נישט... און ווען מיר וועלן נישט משפטן קיין אַנדערע, — דאַן וועלן די מענטשן בכלל נישט האָבן פֿון וואָס צו רעדן.

* *

*

חוץ דעם נאַטשעלניקס פֿרוי, איז אויף דער סטאַציע גע־װען נאָך אַ פֿרוי — דאָס איז געווען די גרעפֿין. גערופֿן האָט מען זי אַרינאַ, זי איז אַלט געווען אַ יאָר פֿערציק און איז געווען זייער נישט קיין שיינע: אַ קרעפּטיקע, מיט אַראָפּגע־האָנגענע ברוסטן, שטענדיק אַ שמוציקע און אַנ'אָפּגעריסענע. זי איז געגאַנגען, איבערוואַרפֿנדיק זיך פֿון פֿוס אויף פֿוס, און אויף איר געשטופּלטן פּנים האָבן געפֿינקלט שמאָלע, דערשראָ־קענע אייגעלעך, אַרומגערינגלט מיט הויט קנייטשלעך. אין איר נישט שיין געבויטע פֿיגור איז געווען עפּעס קנעכטיקעס און דערשלאָגנדיקס אין אירע גראָבע ליפּן פֿלעגן זיך תמיד צונויפֿ־לייגן, אַזוי, פּונקט ווי זאָלט געוואָלט בעטן ביי אַלע מענטשן, מ'זאָל זי אַנטשולדיקן, פּונקט ווי זי וואָלט געוואָלט זיך וואַל־נערן ביי זיי ביי די פֿיס און האָט נישט געוואַגט צו וויינען. באַמאַזאַוו האָט אָפּגעלעבט אויף דער סטאַציע אַכט חדשים, נישט לייגנדיק קיין באַזונדערן אַכט אויף אַרינען; באַגעגנדיק זיך מיט איר, פֿלעגט ער איר זאָגן „זדראַוואַ"! *), זי פֿלעגט אים ענטפֿערן מיט דער זעלבער באַגריסונג, איבערוואַרפֿנדיק זיך מיט אים מיט צוויי־דריי פֿראַגן און דערנאָך פֿלעגן זיי זיך פֿונאַנדערגיין יעדער אין זיין זייט. נאָר אַמאָל איז גאַמאַזאַוו געקומען אין קיך פֿונם סטאַציע־שעף און האָט פֿאַרגעלייגט

---

*) אַ באַגריסונג, וואָס מיליטער לייט באַנוצן. דאָס זעלבע כמעט, וואָס „זדראַווסטווי". באַמ. פֿונם איב.

אַריינגען די זאָל אים אויפנייען העמדער. זי איז אויף דעם איינגעגאַנגען אין אויפנייענדיק די העמדער, האָט זי זיי עפּעס אָפּגעטראָגן צו אים.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק דיר! — האָט גאַמאזאָוו געזאָגט — דריי העמדער, צו צען קאָפּיקעס אַ שטיק, קומט דיר, הייסט עס, דרייסיק קאָפּיקעס... ריכטיק?

— גוט, לאָז שוין זיין אַזוי... — האָט ארינא געענטפערט.

גאמאזאָוו האָט זיך פאַרטראַכט און האָט לאַנג געשוויגן.

— פון וואָסאַראַ גובערניע ביזטו? — האָט ער ענדליך אַ פרעג געטאָן. די פרוי, וועלכע האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף זיין באָרד האָט געענטפערט:

— פון ריאַזאַנער...

— אָ, ווייט? ווי קומסטו אַהער?

— אַזוי... אַליין בין איך... אַן איינזאַמע...

— פון איינזאַמקייט קען מען נאָך ווייטער פאַרוואָגלט ווערן, ווי אַהער... — האָט גאַמאזאָוו אַ זיפץ געטאָן.

און ווידער האָבן זיי לאַנג געשוויגן.

— איך בין אויך פון ווייטע מקומות. פון ניזשעגאָ־ראָדסקער גובערניע, סערגאָטשאָווער פּאָוויאַט... — האָט גאַמאזאָוו אָנגעהויבן — און איך בין אויך אַליין, איינער אַליין. און גע־האַט האָב איך אַמאָל אַ ווירטשאַפט, געהאַט אויך אַ פרוי... קינדער — צוויי. די פרוי איז געשטאָרבן בעת דער כאָלעריע, און די קינדער — אַזוי. פשוט... געקומען פאַר זיי די צייט צו שטאַרבן, נו, און זענען זיך געשטאָרבן... און איך... פאַר־שטייסטו מיך... בין פון צרות אַראָפּ פון גלייכן וועג. יאָ — אָ. דערנאָך האָב איך געפּרוווט זיך ווידער איינצוואָרדענען — אָבער, אַ נעפּטיקער טאָג: שוין נישט געקאָנט. די מאשינע, פאַר־שטייסטו מיך. איז קאַלי געוואָרן און אַרבעט נישט. נו בין איך דאַן אַוועק, אָן אַ זייט, הייסט עס, פון מיין וועג, פאַרוואָגלט געוואָרן אין ווייטע מקומות און אָט מאָרדעווע איך זיך שוין דאָס דריטע יאָר.

— נישט גוט, ווען מ'האָט נישט קיין אייגענעם גזעסטר — האָט אַרינא שטיל זיך אָפּגערופן.

— נאָך אַ מין נישט גוט!... דו ביזט אַן אלמנה, וואָס?

— אַ מויד...

— וואָס איך הער! — האָט אָפּן גאַמאַזאָוו געצווייפלט.

— בנאמנות, — אַ מויד — האָט אַרינא אים פאַרזיכערט.

— פאַרוואָס זשע האָסטו נישט חתונה געהאַט?

— ווער וועט מיך נעמען? כ'בין אַ גאָר נישט... ווער דאַרף עס... דערצו בין איך נאָך נישט קיין שיינע...

— יאָ, אָ... — האָט גאַמאַזאָוו, פאַרטראַכט אויסגעצויגן, און גלעטנדיק די באָרד, האָט ער אָנגעהויבן פאַרשנד אויף איר צו קוקן. דערנאָך האָט ער זי געפרעגט, וויפיל זי באַקומט געהאַלט.

— צוויי מיט אַ האַלב רובל...

— אַזוי. נו... קומט דיר. הייסט עס, פון מיר דרייסיק קאָפּיקעס? אָט וואָס... קום נאָכן געלד אין אָוונט... אַ זייגער, לאָמיר זאָגן, אַרום צען, גוט? וועל איך דיר באַצאָלן... מיר וועלן טרינקן טיי, וועלן זיך דורכשמועסן פון לאַנגווייליקייט... ביידע זענען מיר עלנטע איינזאַמע... קום צו גיין!

— כ'וועל קומען... — האָט זי פשוט געזאָגט און איז אַוועקגעגאַנגען.

דערנאָך, קומענדיק צו אים פּינקט צען אַ זייגער אין אָוונט, איז זי ביי אים פאַרבליבן ביז באַגינען.

גאַמאַזאָוו האָט זי מער שוין נישט גערופן צו זיך און די דרייסיק קאָפּיקעס האָט ער איר נישט אָפּגעגעבן. זי פלעגט שוין אַליין צו אים געקומען, אַ טעמפּיקע און הכנעהדיקע; זי פלעגט קומען און שווייגנדיק בלייבן שטיין פאַר אים. ליגנדיק אויפן טאַפּטשאַן, האָט ער אַמאָל אויף איר אַ קוק געטאָן און צורוקנדיק זיך צו דער וואַנט, אַ זאָג געטאָן:

— זעץ זיך.

און ווען זי האָט זיך אַנידערגעזעצט, האָט ער איר ערקלערט:

— חער נאָר, דו, — זאָלסט זען, דאָס האַלטן בסוד סודות, אַז קיינער זאָל פון דעם נישט וויסן! ווען נישט, וועט מיר קיין צרות נישט פעלן... איך בין דאָך נישט קיין יונגער־מאַנטשיק און דו ביזט אויך נישט קיין יונגע... פאַרשטייסטו?

זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַלס צייכן, אַז זי איז מיט אים מספּים און וועט די זאַך האַלטן בסוד.

באַגלייטנדיק זי, האָט ער איר מיטגעגעבן זיינע מלבושים צו פאַרריכטן און ווידער איר דערמאָנט:

— קיין איין מענטש זאָל פון דעם נישט וויסן און קיינעם זאָל אַפילו נישט קענען איינפאַלן וועגן דעם...

אַזוי האָבן זיי אָנגעהויבן צו לעבן, האַלטנדיק בסוד סודות פון אַלעמען זייערע אינטימע באַציונגען.

ארינא פלעגט זיך דורכגנבנען צו אים באַנאַכט, קריכנדיק כמעט, אויף אַלע פיר, ער פלעגט זי מקבל פּנים זיין געפּערלעך און נאַטירלעך, ווי אַ מענטשן, וואָס קען זיך נישט פאַרגלייכן צו אים, מיט אַ אויסזען פון אַ הערשער, און צייטנווייז פלעגט ער איר זאָגן אָפן:

— אַך, סאַראַ מאוסע דו ביזט.

זי האָט שווייגנדיק געשמייכלט מיט אַ בלאַס און שולדיק שמייכל און אַוועקגייענדיק פון אים, פלעגט זי כמעט שטענדיק מיטנעמען מיט זיך עפּעס אַן אַרבייט, וואָס ער פלעגט איר געבן צו מאַכן.

געזען האָבן זיי זיך נישט אָפט. נאָר באַגעגנדיק זי פון צייט צו צייט אויף דער סטאַציע, פלעגט גאמאַזאָוו אין דער שטיל איר זאָגן:

— קום צוגיין היינט...

און זי פלעגט הכנעהדיק קומען צו אים, מיט אַזאַ ערנסטן אויסדריק אויף איר געשטופּלטן פּנים, פּונקט ווי זי וואָלט געקומען, כדי אָפּצוטון איר גליכט, וואָס איר וויכטיקייט איז איר געוואָרן פאַרשטענדלעך.

און ווען זי פלעגט זיך צוריקקערן אַהיים, האָט איר

פנים שוין ווידער געהאַט זיין געוויינלעכע מינע פון שולדיקייט און שרעק.

צייטנווייז פלעגט זי, אָפּשטעלנדיק זיך ערגיץ און אַ ווינקל אָדער פאַר אַ בוים, לאַנג קוקן אויפן סטעפּ, דאָרט האָט געהערשט די נאַכט און פון כמורנעם שווייגן פון דער נאַכט איז געוואָרן אומהיימלעך אויפן האַרצן.

*   *

*

אַמאָל, באַגלייטנדיק דעם אָוונט-צוג, האָט די נאַטשאַלסטווע פון דער סטאַציע זיך געזעצט טרינקען טיי אין גאָרטן, פאַר די פענצטער פון מאַטווי יעגאַראָוויטשעס וווינונג, אין אַ געדיכטן שאָטן פון טאָפּל.

אין די הייסע טעג פלעגן זיי אָפט אַזוי טאָן. — דאָס האָט דאָך אַריינגעבראַכט אַ געוויסע ענדערונג און ממילא, אַן ענדערונג אין זייער מאָנאָטאָן לעבן.

מ'האָט געטרונקען טיי און געשוויגן, אויסשעפּנדיק שוין אַלע איינדרוקן, וואָס דער צוג האָט געבראַכט.

— היינט איז הייסער, ווי נעכטן, — האָט מאַטווי יעגאָראָוויטש געזאָגט, איבערגעבנדיק מיט איין האַנט זיין ווייב אַ ליידיקע גלאָז און מיט דער אַנדערער אָפּווישנדיק זיך דעם שווייס פונם פּנים.

דאָס ווייב זיינע האָט, צונעמענדיק דאָס גלאָז ערקלערט:

דאָס נעמט זיך אַלץ פון לאַנגווייליקייט. פון לאַנגווייליקייט דאַכט זיך, אַז ס'איז הייסער...

— הם! אפשר... ווירקלעך... ס'איז לאַנגווייליק צו לעבן! אָט, אין אַזאַ פאַל זענען קאָרטן גאַנץ גוט... אַ גוט מיטל צו דערהרגנען די לאַנגווייליקייט. מיר זענען דאָך אָבער נאָר זאַלבעדריט...

ניקאָלאַי פּעטראָוויטש האָט אַ דריי געטאָן מיט די אַקסלען און צוזאַמענציענדיק די אויגן, האָט ער דייטלעך זיך אָפּגערופן:

— דאָס שפּילן אין קאָרטן איז, ווי שאָפּענהויער דריקט זיך אויס, אַ באַנקראָט פון יעדן געדאַנק.

— גוט געזאָגט כ׳לעבן! — איז מאַטווײ יעגאָראָוויטש אַנטציקט געווען פונם דאָזיקן אויסדרוק, וועלכער האָט בײַ אים שטאַרק נושא חן געווען — ווי אַזוי האָט ער זיך אויסגע-דריקט! אַ באַנקראָט פון געדאַנק... יאַ-אָ! ווערט עס געזאָגט?

— שאָפּענהויער, אַ דײַטש, אַ פילאָזאָף.

— אַ פי-לאָזאָף?...

— וואָס זענען זײ, אײגנטלעך, די דאָזיקע פילאָזאָפן — זײ זענען אָנגעשטעלטע אין די אוניווערזיטעטן? — איז סאָפּיאַ איוואַנאָוונאַ נײַגיריק געווען צו וויסן.

— ס׳הייסט ווי זאָל איך עס זאָגן? פילאָזאָפיע איז נישט קײן ראַנג, נאָר, אַזוי צו זאָגן, אַ אײַנגעבוירענע פעיקייט, אַ מתנה פון דער נאַטור... אַ פילאָזאָף קאָן זײַן יעדער... יעדער, וואָס ווערט געבוירן מיט אַ געוויסער צו דענקען און אין אַלץ זוכן אַ אָנהייב און אַ סוף. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אין די אוניווערזיטעטן זענען אויך פאַראַן פילאָזאָפן... נאָר זײ קענען זײַן אַזוי אויך, נישט אַרבעטנדיק אין אוניווערזיטעט — געבוירענע פילאָזאָפן... זײַענדיק אָנגעשטעלט אַפילו אויף דער אײַזנבאַן.

— און פיל באַקומען געהאַלט יענע פילאָזאָפן, וואָס זענען אין די אוניווערזיטעטן?

— יעדער לויט זײַן... שכל און פעיקייט...

— אָבער ווען ס׳וואָלט געווען אַ פערטער מענטש, וואָלטן מיר געקאָנט כאַפּן אַ שײן קערטל נישט אַזוי? — האָט מיט אַ זיפץ זיך אָפּגערופן מאַטווײ יעגאָראָוויטש.

און דער געשפּרעך איז איבערגעריסן געוואָרן.

אין בלאָען הימל זינגען די לערכעס, איבער די טאַפּאָלן שפּרינגען אַרום פייגלעך פון אײן צווייג אויף דער אַנדערער און פּייפּן און זינגען שטיל.

אין שטוב וויינט אַ קלײן קינד.

— אַרינאַ איז דאָרט דאָ? — פרעגט מאַטוויי יעגאָראָ־וויטש.

— זעלבסטפאַרשטענדלעך — ענטפערט אים קורץ אָפּ די פרוי.

— אַ משונהדיקע פרוי איז די דאָזיקע אַרינע, קוקט זיך צו צו איר, ניקאָלאַי פּיעטראָוויטש, וועט איר עס באַמערקן...

— משונהדיקייט, אָריגינאַליטעט — איז דער ערשטער אָפּצוג פון באַנאַליטעט — זאָגט ווי פאַר זיך ניקאָלאַי פּיעט־ראָוויטש, מיט אַ פאַרטראַכטן און דענקנדיקן אויסזען.

— ווי? וואָס האָט איר געזאָגט? — ווערט דער באַטשעל־ניק ווי אויפגעלעבט.

און ווען ניקאָלאַי פּיעטראָוויטש חזרט איבער מיט אַ מוסר השכל דעם אַפאָריזם וועגן באַנאַליטעט, זשמורעט דער באַטשעלניק זיס די אויגן און סאָפּיאַ איוואַנאָוונאַ זאָגט מיט אַ מאַטער שטים:

— ווי גוט איר געדענקט דאָס, וואָס איר האָט געלייענט... און איך, ווען כ'לייען עפּעס איבער, איז אויפן אַנדערן טאָג פאַרגעס איך אַלץ, כאָטש דערהרגעט מיך, געדענק איך גאָר־נישט... אָט האָב איך אַנומלט איבערגעלייענט אין דער בייל־אַגע צו דער „ניוואַ" עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז זייער אינטערעסאַנט און טשיקאַווע, — אָבער וואָס? כ'געדענק נישט קיין איין וואָרט וואָס כ'האָב דאָרט איבערגעלייענט.

— דאָס איז אַ רגילות... — ערקלערט קורץ ניקאָלאַי־פּיעטראָוויטש.

— ניין, דאָס איז בעסער פאַר דעם... ווי רופט מען אים? פאַר שאַפּענהויערן... זאָגט מאַטוויי יעגאָראָוויטש מיט אַ שמייכל.— קומט הייסט עס, אויס, אַז אַלץ וואָס איז ניי, איז שוין אַלט, נישט אַזוי?

— און פאַרקערט וואָס אַלט — איז ניי, ווייל אַ פּאָעט האָט געזאָגט: „יאָ די חכמה פון לעבן, פון אונדזער וועזן איז עקאָנאָמיש און שפּאָרזאַם. — אַלץ נייע זאַכן ווערן געבנייט און איבערגעניצעוועט פון אַלטוואַרג".

— פו, צום טייוול! ווי ס'שיט זיך דאָס ביי אייך... פונקט ווי פון אַ זיפּ!

מאטוויי יעגאראוויטש לאַכט, צופרידן מיט דער דאָזיקער באַמערקונג, זיין ווייב שמייכלט ליבליך צו, און ניקאלאי פּיעטראָוויטש פילט זיך געשמייכלט און באַמיט זיך — אָבער אַן ערפּאָלג — דאָס נישט אַרויסצווייזן.

— וואָס האָט עס געזאָגט מכּח באַנאַליטעט?

— באַריאַטינסקי, אַ פּאָעט.

— און דאָס אַנדערע?

— אויך אַ פּאָעט — פּאָפּאַנאָוו.

— בריות פון יונגן! — לויבט מאטוויי יעגאראוויטש די פּאָעטן, און צוזינגנדיק, מיט אַ שמייכל פון צופרידנקייט אויפן פּנים, חזרט ער איבער די צוויי שורות פון ליד.

ס'דאַכט זיך אַז די לאַנגווייליקייט שפּילט זיך מיט זיי: אויף אַ מינוט באַפרייט זי זיי פון אירע ענגע אָרעמס און נעמט זיי ווידער אַרום. דאַן שווייגן זיי ווידער, אָפּבלאָזנדיק זיך און אָפּסאַפּנדיק פון דער היץ, וואָס ווערט נאָך פאַרשטאַרקט פונם טיי, וואָס זיי גיסן אין זיך אַריין.

אויף דער סטאַציע הערשט אַ שטילקייט. אין סטעפּ — איז נאָר די זון.

— יאָ — כ'האָב אָנגעהויבן רעדן וועגן ארינען... — דערמאָנט זיך מאטוויי יעגאָראוויטש, אַ מאָדנע פרוי איז זי, כ'קוק אויף איר און וווּנדער זיך. זי זעט אויס ווי עפּעס האָט זי דערשלאָגן, זי לאַכט נישט, זינגט נישט, רעדט ווייניק... עפּעס אַ מין פלאָגן. נאָר טראַץ דעם, אַרבעט זי גוט און פאָרעט זיך, פאַרשטייט איר מיך, אַזוי מיט ליאָלען, איז אַזוי אויפמערקזאַם צום קינד...

ער רעדט שטיל, נישט ווילנדיק, אַז ארינא זאָל דורכן פענצטער הערן. וואָס ער רעדט וועגן איר. ער ווייסט, אַז מ'טאָר נישט לויבן קיין דינסט, אויב דו ווילסט נישט, אַז זי זאָל זיך מיט דעם איבערנעמען און מיינען וועגן זיך מי יודע וואָס.

זיין ווייב שלאָגט אים איבער די רייד מיט אַ פּיל באַ-דייטנד ברוגז פּנים.

— נו, געגוג שוין, לאָז געמאַך — דו ווייסט נישט אַלץ וועגן איר.

אַ דינסט פון ליבע,
בין איך אַזוי שוואַך
אין קאַמף מיט דיר,
אָ, דעמאָן מיינער! — !

שטיל, מיט אַ רעטשיטאַטיוו זינגט ניקאָלאַי פּיעטראָוויטש, אָפּקלאַפּנדיק דעם טאַקט מיט אַ לעפל איבערן טיש. ער שמייכלט.

— וואָס, וואָס זאָגט איר — זי?... זי?... נו, דאָ זאָגט איר שוין ביידע אַ ליגן!

און מאַטווויי יעגאָראָוויטש צולאַכט זיך הויך. די באַקן טרייסלען זיך ביי אים און פון שטערן קייקלען זיך שנעל אַראָפּ טראָפּנדלעך שוויס.

— דאָס איז לגמרי אַפילו נישט לעכערלעך, נישטאָ וואָס צו לאַכן, — שטעלט אים אָפּ די פרוי. — ערשטנס זעסטו נישט, אַז זי איז שוין אויף דער צייט טראָגנדיג. צווייטנס, זע, וואָסאַראַ ברויט זי באַקט? איבערגעזויערט, אונטערגע-ברענט... און צוליב וואָס?...

— יאָ יאָ, דאָס ברויט איז באמת נישט, ווי זאָגט מען עס... מ'דאַרף זי אויסמוסרן! אָבער יענץ... יענץ וואָלט איך קיינמאָל נישט, ערוואַרט פון איר... דאָס וואָלט מיר קיינמאָל נישט געקאָנט איינפאַלן! זי איז דאָך אַ שטיק טייג! אַ, צום טייוול! אָבער ער, ווער איז ער איר אויסדערוויילער? לוקאַשקאַ? כ'וועל אים אויסלאַכן, דער אַלטן שד! אָדער אפשר איז דאָס גאָר יאַגאַדקאַ?

— גאָמאָזאָוו... — רופט זיך קורץ אָפּ ניקאָלאַי פּיעטראָ-וויטש.

— וואָס איך הער? אַזאַ סאָלידער פויער; ווער וואָלט

זיך עס געקאָנט אויף אים ריכטן? זאָגט דעם אמת, איר מיינט עס ערנסט, אָדער איר טראַכט עס אויס פון קאָפּ?

מאטוויי יעגאָראָוויטש ווײַלט זייער די דאָזיקע לעבער־לעבע מעשה דאָ צולאַכט ער זיך עטלעכע מאָל מיט באַפּייכ־טע אויגן, און דאָ זאָגט ער, אַז מ׳דאַרף מאַכן אַ שטרענגע באַמערקונג די פאַרליבטע, דערנאָך שטעלט ער זיך פאָר די צערטלעפּע געשפּרעכן, וואָס זענען פאָרגעקומען צווישן זיי ביידן און צולאַכט זיך ווידער זייער הילכיק.

דאַן מאַכט ניקאָלאַי פּיעטראָווישט אַ שטרענג פּנים און סאָפיאַ איוואנאווגאַ רייסט מיטאַמאָל איבער איר מאַן.

— אַך, טייוולאָנים! אי וועל איך פון זיי מאַכן חוזק, כ׳וועל זיי נישט לאָזן צורו מיט מיין אָפּשפּאָטן פון זיי... — קען זיך מאטוויי יעגאָראָוויטש נישט באַרויקן, און דער ראָמאַן צווישן גאָמאַזאָוון און די קעכין גייט אַריין און נישט אַרויס פון קאָפּ.

ס׳קומט צוגיין לוקאַ און טיילט מיט:

— דער טעלעגראַף קלאַפּט.

— כ׳גיי. די רגע גיב די פּאָויעסקע 42־אָר.

אין גיכן גייט ער אַוועק מיטן געהילף אויף דער סטאַנצ־יע, ווו לוקאַ קלאַפּט אָפּ די קליינע קלאַנגען אויפן גלאָק די מיטטיילונג, אַז דער צוג איז אַרויסגעגאַנגען פון דער נאָענס־טער סטאַנציע, ניקאָלאַי פּיעטראָוויטש זעצט זיך אַנידער ביים אַפּאַראַט און פרעגט אָן די שכנותדיקע סטאַציע: צי קען מען לאָזן אָפּגיין דעם צוג № 42, און זיין שעף שפּרייזט אַרום איבערן קאָנטאָר, שמייכלט און זאָגט:

— מיר וועלן ביידע זיי אויסלאַכן, די טייוולאָנים... לאָמיר דאָך, פון לאַנגווייליקייט, אַביסל לאַכן און פון זיי חוזק מאַכן...

— דאָס קאָן מען זיי ערלויבן צו טאָן... — איז ניקאָלאַי פּיעטראָוויטש מספּים, אַז אַ פילאָזאָף דאַרף זיך אויסדריקן קורץ און שאַרף.

* * *

זיי האָט זיך גאָר אינגיכן פאָרגעשטעלט אַ מעגלעכקייט צו לאַכן און זיך לוסטיק מאַכן.

אַמאָל, ביינאַכט, איז גאַמאָזאָוו געקומען צו אָרינען אין קעלער. ווו זי האָט לויט זיין באַפעל און מיט דער ערלוי-בעניש פונם נאַטשעלניקס פרוי, זיך געמאַכט אַ געלעגער. צווישן פאַרשידענע צוקאַליטשעטע מעבל-שטיק. דאָס איז געווען פייכט און קיל און די צעבראָכענע שטולן, פעסלעך ברעטער א. א. וו. האָבן אין דער פינצטער אָנגענומען אַ שרעקעדיקן אויסזען; און ווען אַרינאַ איז צווישן די דאָזיקע זאַכן געבליבן אין קע-לער אַליין, — איז זי געווען אַזוי איבערגעשראָקן, אַז זי איז כמעט נישט געשלאָפן, און, ליגנדיק מיט אָפענען אויגן אויפן גאַרבן שטרוי, האָט זי געהאַלטן אין איין שעפטשען תפילות, וואָס זענען איר געווען באַקאַנט.

גאַמאָזאָוו איז געקומען, האָט זי לאַנג און שווייגנדיק געקוועטשט און געדריקט, און ווען ער איז מיד געוואָרן, איז ער איינגעשלאָפן, גאָר אינגיכן האָט אַרינאַ אים אויפגעוועקט מיט אַ אומרויקן פליסטערן.

— טימאָפיי פיעטראָוויטש! טימאָפיי פיעטראָוויטש!

— נו? — האָט דורפן שלאָף גאַמאָזאָוו געפרעגט.

— מ׳האָט אונדז פאַרשפאַרט...

— ס׳הייסט? — האָט ער אַ פרעג געטאָן אויפשפרינגנדיק

— מ׳איז צוגעגאַנגען און... מיטן שלאָס...

— ווייס איך, וואָס דו רעדסט דאָרט... — האָט ער דער-שראָקן און אַ שעפטשע געטאָן, אָפּשטופנדיק זי פון זיך.

— טו אַליין אַ קוק, — האָט זי הכנהדיק געזאָגט.

ער איז אויפגעשטאַנען און פאַרטשעפּענדיק זיך אָן אַלץ, וואָס ער האָט באַגעגנט אויף זיין וועג, איז ער צוגעגאַנגען צו דער טיר, זי האָט אַ שטופּ געטאָן און שווייגנדיק אַ ווײַלע, האָט ער בייז אַ זאָג געטאָן:

— דאָס איז דער סאָלדאַט... דאָס איז זיינס אַ שטיקל אַרבעט.

פון יענער זייט טיר האָט זיך דערהערט אַ טריומפירנ דער געלעכטער.

— לאָז אַרויס. — האָט גאַמאַזאָוו הויך אַ געשריי געטאָן.

— וואָס? — האָט זיך דערהערט דעם סאָלדאַטס קול.

— לאָז אַרויס...

— מאָרגן אינדערפרי וועלן מיר אייך אַרויסלאָזן, — האָט געענטפערט דער סאָלדאַט און איז אַוועק אין אַ זייט פון דאָרט.

— כ'האָב היינט אַ דעזשור, דער„רוח זאָל אייך נעמען!— האָט ברוגז און בעטנדיק גאַמאַזאָוו אַ געשריי געטאָן.

— איך וועל פאַר דיר דעזשורירן... און דו זיץ דאָ..

און דער סאָלדאַט איז אַוועקגעגאַנגען.

— אך, דו כּלב איינער! — האָט מיט אַ צעבראָכן געמיט גאַמאַזאָוו אַ שפּעטשע געטאָן. — וואַרט נאַר... מיך פאַרשפּאַרן קענסטו דאָך נישט, האָסט אויף דעם דאָך נישט קיין רעכט... ס'איז דאָך דאָ דער נאַטשעלניק... וואָס וועסטו אים זאָגן? ער וועט דיך פרעגן: ווו איז גאַמאַזאָוו — הא? און אָט וועט דיר דאַמאָלסט אויסקומען אים צו ענטפערן אין זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דיין נאַרישע שטיפעריי...

— דאָס האָט דאָך, מסתּמא טאַקע דער נאַטשעלניק גופא אים געהייסן פאַרשפאַרן, — האָט שטיל און האַפנונגסלאָז אַריגא געזאָגט.

דער נאַטשעלניק? האָט גאַמאַזאָוו דערשראָקן איבערגעפרעגט — צוואָס דאַרף ער עס? און שווייגנדיק אַ ווײַלע, האָט ער צו איר אַ געשריי געטאָן:

— דו רעדסט נאַרישקייט!

זי האָט געענטפערט מיט אַ שווערן זיפץ.

— וואָס זשע טוט מען? — האָט גאַמאַזאָוו געפרעגט, אַנידערזעצנדיק זיך אויף אַ פעסל, ביי דער טיר. — סאַראַ חרפּה דאָס איז פאַר מיר! און אַלץ דו, דו פאַרלוכטע מאַוסקייט איינע, ביזט אין דעם שולדיק! אַלץ דו, אַ רוח אין דיינע ביינער אַריין.

צונויפדרילנדיק די פויסטן, האָט ער געדראָט מיט זיי אין דער זייט, פון וואַנען ס'האָט זיך געהערט ווי זי האָט געאָטעמט. אַרינא האָט געשוויגן.

אַ פייכטע פינצטערקייט האָט אַרומגערינגלט זיי ביידן, אַ פינצטערקייט, וואָס איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַ ריח פון זויערען קרויט, שימל און נאָך עפּיס שאַרפּעס, וואָס האָט געקיצלט די נאָז. אין די טיר, דורך די שפּאַרינעס, האָבן זיך דורכגעשלאָגן די לבנה-שיין. פון יענע זייט טירן האָט זיך געהערט אַ גערויש פון אַ משא צוג, וואָס איז דאַן אָפּגעגאַנגען פון דער סטאַציע.

— וואָס שווייגסטו, מכשפה? — האָט גאמאזאָוו זיך נישט געקאָנט באַרויקן, אַלץ מער און מער ווערנדיק און כעס — וואָס שווייגסטו? — איז ער צו איר צוגעשטאַנען מיט כעס און פאַראַכטונג — וואָס וועט מיר איצט זיין? פאַרקאָכט אַ קאַשע און איצט שווייגט זי. טראַכט עפּיס אויס, טייוול, וואָס מיר זאָלן טאָן. וווהין זאָל איך זיך אַ הינטאָן פון חרפה? גאָטעניו אין הימל וואָס טוט מען? דער רוח האָט מיך געטראָגן מיט איר צו האָבן עסקים!

— כ'וועל בעטן, מ'זאָל מיך אַנטשולדיקן, — האָט ארינא שטיל ערקלערט.

— נו?

— אפשר וועלן זיי אַנטשולדיקן.

— וואָס זשע וועט מיר דערפון אַרויסקומען? לאָמיר אָננעמען, אַז מ'וועט דיר מוחל זיין דיין חטא, אָבער די שאַנדע וועט דאָך אויף מיר פאַרבלייבן, דעם דאָזיקן פלעק וועט אוממעגלעך זיין אָפּצווּרייבן. און וועט אויף מיין געוויסן פאַרבלייבן אויף שטענדיק. מ'וועט פון מיר חוזק מאַכן, מ'וועט מיך מאַכן צו שאַנד און צו שפּאָט, מ'וועט דאָך אויף מיר טייטלען מיט די פינגער.

און פאַרשוויגן ווערנדיק אויף אַ ווײַלע, האָט ער ווידער אָנגעהויבן איר פאָרצוואַרפן און זי צו זידלען. און די צייט האָט, ווי אויף צו להכעיס, זיך געצויגן אכזריותדיק-לאַנגזאַם.

ענדלעך האָט ארינא מיט אַ ציטער אין דער שטים אים אָנגעהויבן צו בעטן:

— זיי מיר מוחל, טימאפיי פיעטראָוויטש?

— מ׳האָט געדאַרפט דיר מוחל זיין מיט אַ פלאָקן איבערן קאָפ! — האָט ער אָנגעהויבן צו ריטשען.

און ווידער איז אריינגעטרעטן אַ שווייגן, אַ בייז און דריקנדיק שווייגן, פול מיט טעמפער ווייטאָק און צאָרן פאַר צוויי מענטשן וואָס זענען געווען איינגעשלאָסן אין פינצטערקייט.

— גאָט אין הימל! זאָל כאָטש גיכער אָנהייבן צו טאָגן! — האָט מיט אַ צובראָכענעם געמיט אָרינא אָנגעהויבן צו בעטן.

— שווייג, דו... כ׳וועל דיר באַלד ווייזן „טאָגן” — האָט איר גאמאזאוו געדראָט און ווידער אָנגעהויבן ווארפן אין איר מיט שווערע פאָרווורפן. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן פאַר איר אַ פייניקונג דורך שטילקייט און שווייגן, און די אכזריות פון דער צייט איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן מיטן דערנענטערן זיך פונעם פרימאָרגן, פונקט ווי יעדע מינוט האָט זיך בכוון פאַרהאַלטן און איז נישט פאַרשווונדן געוואָרן, האָבנדיק הנאה פון דער לעכערלעכער, בזיונותדיקער און שווערער לאַגע פון די דאָזיקע צוויי מענטשן.

גאמאזאָוו איז ענדלעך איינגעדרעמלט און האָט זיך אויפגעכאַפּט פונעם קרייען פון אַ האָן, וואָס האָט זיך דערהערט פון יענער זייט קעלער.

— איי, דו, מכשפה! דו שלאָפסט? — האָט ער מיט אַ טויבער-שטים געפרעגט.

— ניין, כ׳שלאָף נישט, — האָט זי מיט אַ שווערן זיפץ געענטפערט.

— ס׳וואָלט נאָך געפאַסט, זאָלסט איינשלאָפן! — האָט גאמאזאָוו מיט איראָניע ווייטער זי געיאַדעט, — אַך, דו...

טימאפיי פיעטראָוויטש, — האָט ארינא, כמעט אַ קוויטשעטוענדיק, אויסגעשריען, — זיי נישט אין כעס אויף מיר! דערבאַרים זיך איבער מיר! אין נאָמען פון גאָט דעם אויבערשטן

בעט איך דיך — האָב אויף מיר רחמנות! אַליין בין איך דאָך, איינע אַליין און אַזאַ עלנטע! און דו ביזט דאָך מיר אַ נאָענטער... אַ נאָענטער ביזטו דו דאָך פאַר מיר...

— וואָיע נישט, מאַך זיך נישט אַזוי לעכערלעך! — האָט גאַמאַזאָוו שטרענג אָפּגעשטעלט די היסטערישע רייד פון דער פרוי וואָס האָט אים אַ ביסל ווייכער געמאַכט. — שווייג בעסער, און שיט נישט קיין זאַלץ אויף מיינע ווונדן... און ווידער האָבן זיי שווייגנדיק געוואַרט אויף יעדע פאָלגנדע מינוט. די מינוטן זענען אָבער געגאַנגען, נישט ברענגנדיג זיי גאָרנישט. נאָר אָט האָבן ענדלעך אין דער שפּאַרינע פון דער טיר אַ בליץ געטאָן שטראַלן פון דער זון און מיט גלאַנציקע פעדעם דורכגעריסן די פינצטערקייט אין קעלער.

אָט האָבן זיך לעבן קעלער דערהערט טריט. עמיץ איז צוגעגאַנגען צו דער טיר, דאָרט געשטאַנען אַ ווײַלע און אַוועקגעגאַנגען.

מ-מערדער! גזלנים — האָט גאַמאַזאָוו אַ ברום געטאָן און אויסגעשפּיגן. און ווידער איז אַוועק אַ סדרה וואַרטן, אַ שווייגעדיק און אָנגעשטרענגט וואַרטן.

— גאָט אין הימל!... דערבאַרים זיך... — האָט ארינא אַ שעפּטשע געטאָן.

נאָר אָט הערט זיך ווי אין דער שטיל גנבעט מען זיך עפּעס צו צום קעלער. ס'טוט אַ קנאַק דער שלאָס און ס'דערהערט זיך דעם נאַטשעלניקס שטרענגע שטים:

— גאַמאַזאָוו! נעם ארינען פאַר דער האַנט און גיי אַרויס אויף דער ווייסער וועלט, גיכער!

— רוק זיך! — האָט אין דער שטיל גאַמאַזאָוו אַ זאָג געטאָן צו ארינען.

ארינא איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און, אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ, האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט לעבן גאַמאַזאָוון.

ס'האָט זיך געעפנט די טיר און פאַר זיי האָט זיך באַוויזן דער נאַטשעלניק פון דער סטאַציע. ער האָט זיך קאָמיש פאַרנייגט פאַר זיי, זיי באַגריסט און געזאָגט:

— מזל טוב, מזל טוב, ביטע זייער, קומט ווייטער! מאזיק! — שפילן!

גאמאזאוו האָט איבערגעטרעטן די שוועל און געבליבן שטיין פאַרטויבט דורך אַן עקספּלאָזיע פון אַ נאַרישן און אומגעלומפּערטן געפּילדער. פון יענער זייט טיר זענען געשטאַנען לוקא, יאַגאָדקאַ און ניקאָלאַי פּיעטראָוויטש.

לוקא האָט געקלאַפּט מיטן פויסט איבערן דנאָ פון אַן עמער און מיט אַ ציגישן טענאָר־שטים האָט ער עפּעס געשריען, — דער סאָלדאַט האָט געטראַמבעט אין זיין טראָמבע און ניקאָליי פּיעטראָוויטש האָט מעשה דיריזשאַר, געמאַכט מיט די הענט אין די לופטן און אָנבלאָזנדיק די באַקן, האָט ער געמאַכט מיט די ליפּן, ווי אַ טראָמבע!

— פּום! פּום! פּום־פּום־פּום!

דער עמער האָט געשפּילט, דער טרומייט געוואויעט און געברעוועט... מאַטוויי יעגאַראָוויטש איז שיער נישט צוזעצט געוואָרן פון געלעכטער, האַלטנדיק זיך ביי די זייטן: שטאַרק געלאַכט האָט אויך זיין גצהילף, זעענדיק געמאַזאָוון שטיין פאַר אים אַ צומישטן מיט אַ גראָען פּנים און אַ פאַרשעמט שמייכל אויף די בלאַסע ציטערדיקע ליפּן. הינטער אים איז אומבאַוועגלעך, ווי פאַרשטיינערט, געשטאַנען ארינא, אַראָפּלאָזנדיק נידעריק דעם קאָפּ אויף דער ברוסט.

„טימאָפייען האָט ארינא
זיסע רייד גערעדט"...

האָט לוקא געזונגען עפּעס אַ נאַריש לידל און זיך לעכערלעך געקרימט פאַר גאמאזאוון. און דער סאָלדאַט האָט זיך דערנעענטערט צום לעצטן און צושטעלנדיק דעם טרומייט צו זיין אויער, האָט ער געטרומייטערט און געטראַמבעט...

— נו, גייט שוין... נו... נעמט זיך איינער דעם אַנדערן פאַר די אָרעמס... גייט געאָרעמט, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ יונג פּאָרפאָלק — האָט געשריען דער נאַטשעלניק — שיער נישט פּלאַצנדיק פון געלעכטער.

אויפן גאַניק איז געזעסן זיין ווייב און זיך געשאָקלט פון

זייט צו זייט פון געלעכטער, מיט אַ קוויטשעריי האָט זי געשריִען:

— מאָטאָ... גענוג זאָל שוין זיין... גענוג! אָך, כ'האַלט עס נישט אויס!

„פאַר אַ רגע באַגעגעניש
לייד איך צרות אַזוי פיל„ :... —

האָט ניקאָלאַי פּיעטראָוויטש געזונגען אונטער גאָמאָזאָווס סאַמע נאָז.

— אור-ראַ לכבוד חתן-כּלה!... האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן מאַטוויי יעגאָראָוויטש, בשעת גאַמאַזאָוו האָט זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט אַוועקצוגיין. און אַלע פיר האָבן הויך אַ געשריי אויסגעטאָן „אורראַ”. דערביי האָט דער סאָלדאַט געשריען מיט אַ רעוועדיקן באַס.

אָרינאַ איז געגאַנגען פון הינטער גאַמאַזאָוון, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, עפּעס קײַענדיק דאָס מויל און אַראָפּהענגענדיק די הענט אין דער לענג פון קערפּער. אירע אויגן האָבן טעמפּ געקוקט פאָראויס, נאָר פון בושה און פאַרלעגנהייט האָט זי כּמעט גאָרנישט געזען.

— מאָטיאַ הייס זיי... זיך צוקושן!... כּאַ, כּאַ, כּאַ!

— חתן-כּלה, מזל טוב — האָט אַ געשריי געטאָן ניקאָלאַי פּיעטראָוויטש, און מאַטוויי יעגאָראָוויטש האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיטן רוקן צום בוים, ווייל ער האָט זיך פון געלעכטער נישט געקאָנט האַלטן אויף די פיס. און דער עמער האָט אַלץ געפּויקט, דער טרומייט געוואָיעט און געדרעוועט, געקרייצט. לעקאַ האָט, צוטאַנצנדיק געזונגען:

„אָבער אַ געדיכטע האָסטע, אָרינאַ
קאַשע הײַנט אונדז אָפּגעקאָכט”!

און ניקאָלאַי פּיעטראָוויטש האָט ווידער געמאַכט מיט די ליפּן:

— פּום-פּום-פּום! טראַ-טאַ-טאַ! פּום-פּום! טראַ-ראַ-ראַ!

גאָמאָזאָוו איז דערגאַנגען צו דער טיר פון באַראַק און דאָרט זיך באַהאַלטן. אָרינאַ איז געבליבן אויפן הויף אַרומגע-

רינגלט מיט מענטשן, וואָס האָבן געליאַרעמט און זיך געמאַכט משוגע. זיי האָבן געשריגן, געלאַכט, געפייפט איר אין די אויערן אַריין און אין אַן אָנפאַל פון ווילדער שמחה געשפּרונגען אַרום איר. זי איז געשטאַנען פאַר גאָמאָזאָוון מיט אַן אומבאַוועגליכן פּנים, אַ צושויבערטע, שמוציקע, אַן עלנטע און לעכערלעכע.

— דער חתן איז אַנטלאָפן געוואָרן און... זי איז געבליבן

— האָט מאַטוויי יעגאָראָוויטש געשריען צו זיין ווייב, ווייזנדיק אויף אַרינען, און האָט זיך ווידער געקאָרטשעט פון געלעכטער.

אַרינא האָט אַ קער געטאָן צו אים דעם קאָפּ און איז אַוועק פאַרביי דעם באַראַק — אין סטעפּ. באַגלייט פון אַ פּיי־פערײַ, געשריי און הילכיקן געלעכטער.

— געגנוג זאָל שוין זיין! הערט שוין אויף! — האָט סאָפיא איוואַנאָוונאַ געשריגן. — לאָזט איר קומען צו זיך! שוין באַלד צייט צו קאָכן מיטאָג.

אַרינא איז אַוועקגעגאַנגען אין סטעפּ, אַהין, ווו פון יענער זייט אַנטאַוונונגס ליניע, איז געשטאַנען אַ לאַנגער שטח, באַוואַקסן מיט תבואה. זי איז געגאַנגען פּאַמעליך, ווי אַ מענטש, וואָס איז פאַרטיפט אין מחשבות.

— ווי, ווי? — האָט מאַטוויי יעגאָראָוויטש איבערגעפרעגט די אַנטייל־נעמער אין דער דאָזיקער היימישער קאָמעדיע, וועלכע האָבן איינער דעם אַנדערן דערציילט פאַרשידענע קליינע פּרטים פון „חתן־כּלהס" אויפפירן זיך. און אַלע האָבן געצלאַפּט און געלאַכט. און ניקאָלאַי פּעטראָוויטש האָט אַפילו דאָ אויך געפונען צייט און געהאַלטן פאַר פּאַסנד, אַריינצושטעלן אַ קליינע חכמה:

„לאַכן, כ'לעבן, איז נישט שעדלעך
פון דעם וואָס זעט אויס לעכערלעך" —

האָט ער דעם נאַטשעלניקס פרוי געזאָגט און מיט אַ מוסר השכל צוגעגעבן:

— אָבער פיל לאַכן — איז שעדלעך.

* * *

דעם דאָזיקן טאָג האָט מען אויף דער סטאַציע פּיל גערעדט און זיך געמאַכט לוסטיק. דערפאַר האָט מען פונם מיטאָג נישט געהאַט קיין הנאה, ווייל אלינא איז נישט געקומען צו דער אַרבעט און דעם מיטאָג האָט געקאָכט דעם נאטשעלניקס פרוי אַליין. דער שלעכטער מיטאָג האָט אָבער נישט דערהרגעט די גוטע שטימונג. גאַמאָזאָוו איז נישט אַרויס פון באַראַק ביז דער שעה פון זיין דיזשור און ווען ער איז פון דאָרט אַרויסגעגאַנגען, האָט מען אים גערופן אין ביורא פון נאַטשעלניק און דאָרט האָט ניקאַלאַי פּעטראָוויטש, אונטער אַ געלעכטערז פון זיין געהילף און לוקא, האָבן אָנגעהויבן אויספרעגן גאמאזאוון, ווי אַזוי ער האָט „פּאַרדרייט דעם קאָפּ" זיין יפת תאר, ווי אַזוי ער האָט זי געבראַכט דערצו, אַז זי האָט זיך אין אים פאַרליבט.

— לויט דער אָריגינאַליטעט, איז דאָס אַן עבירה נומער איינס, — האָט ניקאַלי פּיעטראָוויטש געזאָגט דעם נאַטשעלניק.

— טאַקע באמת אַן עבירה — האָט טריב שמייכלענדיק, זיך אָפּגערופן דער סטאַטעטשנע וואגאנשטעלער. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב ער וועט קענען דערציילן וועגן אָרינען, מאַכנדיק פון איר חוזק, וועט מען פון איר ווייניקער לאַכן. און ער האָט דערציילט:

תחילת פלעגט זי מיר אַלץ נאָכקוקן, כאַפּן אַ קוק אויף מיר...

— כאַפּן אַ קוק? כאַ, כאַ, כאַ... ניקאַלאַי פּיעטראָוויטש, איר שטעלט זיך עס פאָר ווי זי, אַזאַ מאוסקייט, האָט אויסגעזען, „כאַפּנדיק אויף אים אַ קוק"? גרויסאַרטיק!

— קוקט זי, הייסט עס, אויף מיר — האָט גאמאזאוו ווייטער דערציילט — און איך זע עס און טראַכט זיך פאַר זיך — קוק, קוק, אַ קרענק דיר אין דיינע בייגער אַריין... דערנאָך פאַרשטייט איר מיך, זאָגט זי צו מיר: כ'וועל דיר אויפנייען העמדער!

— „אָבער נישט אינם נייען האָט זיך דאָ געהאַנדלט" האָט ניקאַלאַי פּעטראָוויטש באַמערקט און ערקלערט דעם נאַטשעל

ניק: — דאָס, פאַרשטייט איר מיך, איז פון נאקראסווץ, פון זיין „אוּבאָגאַיאַ אי קאריאדנאיא... דערציילט ווייטער טימאָפיי.

און טימאפיי גאמאזאָוו האָט ווייטער גערעדט, אין אָנהויב צווינגנדיק זיך צו רעדן, קעגן זיין ווילן, דערנאָך בהדרגהדיק מיטרייסנדיק זיך דורכן ליגן, וואָס ער האָט אָנגעהויבן זאָגן, ווייל ער האָט געזען, אַז זאָגן ליגן איז איצט פאַר אים נוצלעך.

און יענע, פון וועלכע ער האָט דערציילט, די שלימזל־דיקע ארינא, איז בשעת מעשה אין געהאַקטע צרות נעבעך געלעגן אין סטעפּ. זי איז אַריין טיף אין תבואה־ים, האָט זיך דאָרט שווער אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און איז אַזוי לאַנג אָפּגעלעגן לגמרי אומבאַוועגלעך. ווען די זון אָבער האָט איר שוין געהאַט גוט אָנגעבראָטן דעם רוקן, אַזוי ווייט, אַז זי האָט שוין ווייטער נישט געקאָנט אַריבערטראָגן, האָט זי זיך אומגעקערט מיט דער ברוסט אַרויף און פאַרדעקט מיט די הענט דאָס פּנים, כדי נישט צו זען דעם זייער העל הימל און די גליעדיקע זון אין זיין סאַמען מיטן.

טרוקן האָבן גערוישט און געזשומעט די זאַנגען אַרום דער דאָזיקער פרוי, וואָס האָט זיך געפילט אַזוי דערשלאָגן און צוקוועטשט דורך בזיון און אָן אויפהער, האָבן אַרום און אַרום געזשומעט אן אַ צאָל בינען און היישעריקן. און הייס איז געווען, ממש נישט צו דערטראָגן. זי האָט געפּרובט זיך צו דערמאַנען די תפילות, וואָס זי האָט געקאָנט אויף אויסנ־ווייניק — און איצט אָבער בשום אופן זיך נישט געקענט דער־מאנען. פאַר אירע אויגן האָבן זיך געדרייט אין אַ ווילדן טאַנץ, לאַכעדיקע פנימער און אין די אויערן האָט געגאָגט לוקאס טענאָר, ס'האָט זיך דאָרט געהערט דאָס חוזק־קלאָגיקער וואָיען פונם טרומייט אין אַ הילכיקער געלעכטער... פון דעם, אָדער פון היץ, האָט איר אָנגעהויבן קלעמען אונטערן האַרצן און זי האָט, פאנאנדערשפּילענדיק די בלוזקע, אונטערגעשטעלט איר גוף די שטראַלן פון די זון, וואַרטנדיק אפשר, אַז אַזוי וועט איר לייכטער זיין צו אָטעמען. און בשעת מעשה, ווען די זון האָט געבראָטן איר הויט, האָט אינעווייניק, אין איר ברוסט

זעבויערט עפעס אַ געפּיל, נאָענט צו וויטאָג און ענלעך צו האַרץ-בּרעכעניש... טיף זיפצנדיק, האָט זי פון צייט צו צייט געשעפּטשעט:

— גאָט אין הימל!... דערבּאַרים זיך...

— נאָר אַלס ענטפער אויף אירע תפילות האָט זיך אַלץ געהערט דאָס טרוקן שאָרכן פון די זאַנגען און דער זאָרגזאַמער זשומען פון די אינזעקטן. אויפהויבּנדיק דעם קאָפּ איבּער די כוואַליעס תבואה, האָט זי געזען זייער שיינעם פאַרבּן-שפּיל זי האָט געזען דעם שוואַרצן קוימען פונם וואָדאָטשאָנג, וואָס האָט געשטאַרטשעט ווייט פון דער סטאַציע, אין אַ טאָל, און די דעכער פון די סטאַציע געבּיידעס.

מער איז גאָר נישט געווען צו זען אויף דעם אומענדליכן גלייכן ערד-פלאַך, איבּער וועלכער ס'איז געהאָנגען אַ גרויסער, גרויסער הימל-געוועבּ, און אַרינען האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז איינע אַליין אויף דער ערד, אַז זי ליגט אין איר סאַמען מיטן און אַז קיינער וועט שוין קיין מאָל צו איר נישט קומען כּדי צו טיילן מיט איר די משא פון איינזאַמקייט און כּדי די דאָזיקע לאַסט איר לייכטער צו מאַכן...

צו אָוונט-צייט האָט זי דערהערט געשרייען:

— אַ—רינא! ארישקא! ווו האָט זי זיך. צו אַלדע שוואַרץ יאָר, אַהינגעטון?

איין שטים איז געווען לוקאס, די אַנדערע — דעם סאָלדאַטס. איר האָט זיך געוואָלט דערהערן אַ דריטע שטים... יענע שטים האָט זי אָבער נישט גערופן, און דאַן האָט זי אָנגעהויבּן וויינען מיט ביטערע טרערן, מיט טרערן פון פאַרצווייפלונג, וואָס האָבּן זיך שנעל אַראָפּגעקייקלט פון אירע געשטופּלטע באַקן אויף איר בּרוסט. זי האָט געוויינט און זיך געריבּן מיט דער נאַקעטער בּרוכט אָן דער טרוקענער וואַרימער ערד, כּדי צו פאַרטויבּן אין זיך דאָס האַרץ-קלעמעניש, וואָס האָט זי אַלץ מער און מער אומערטרעגליכער געפּייניקט. זי האָט געוויינט און געשוויגן, איינהאַלטנדיק די זיפצן, פונקט

ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז עמיץ וועט דערהערן און איר פאַרווערן וויינען.

דערנאָך, ווען ס'איז געוואָרן נאַכט, האָט זי זיך אויפגעהויבן און איז פּאַמעלעך אַוועק צו דער סטאַציע.

געקומען צו די געביידעס פון דער סטאַציע, האָט זי זיך אָנגעלענט מיטן רוקן אָן דער וואַנט פון קעלער און איז דאָ לאַנג געבליבן שטיין אַזוי, קוקנדיק אויפן סטעפּ. ס'זענען אָנגעקומען און אַוועקגעגאַנגען משא-צוגן, — זי האָט געהערט ווי דער סאָלדאַט האָט דערציילט די קאָנדוקטאָרן וועגן איר חרפּה און ווי די קאָנדוקטאָרן האָבן געלאַכט... די נאַכט איז געווען אַ שטילע, אַ לבנהדיקע... דאָס געלעכטער האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן ווייט, ווייט אין וויסטן סטעפּ, וווּ ס'האָבן קוים צו הערן, געפּייפט און געזשומעט פאַרשידענע אינזעקטן.

— גאָט אין הימל! דערבאַרים זיך. — האָט אַרינאַ געזיפצט, הארט צוקוועטשנדיק זיך צו דער וואַנט. נאָר די דאָזיקע זיפצן האָבן נישט לייכט געמאַכט די משא, וואָס האָט איר געדריקט דאָס האַרץ. כּאלות, ווען אַלע זענען נאָך געשלאָפן איז זי זיך פּאַרזיכטיק אַרויף אויפן בוידעם פון דער סטאַציע און דאָרט זיך אויפגעהאָנגען, מאַכנדיק אַ פּעטליע פון אַ שטריק אויף וועלכן זי פלעגט דאָרט טריקענען די וועש, וואָס זי פלעגט וואַשן.

אין צוויי טעג אַרום האָט מען לויטן גרויך פונם טויטן קערפּער, געפונען אַרינען... תּחילת האָבן זיך אַלע דערשראָקן, דערנאָך האָבן זיי זיך אָנגעהויבן קריגן, ווער ס'איז אין דעם שולדיק? ניקאָלאַי פּיעטראָוויטש האָט דייטלעך דערוויזן, אַז שולדיק איז — גאָמאָזאָוו. דאַן האָט דער נאַטשעלניק פון דער סטאַציע דערלאַנגט דעם וועג-אָנשטעלער אַ זעץ אין די ציין און, שטאַרק בייז, האָט ער אים געהייסן שווייגן...

ס'איז אָנגעקומען פאָרשטעהער פון דער מאַכט און חוקר ודורש געווען דעם ענין. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַרינקע האָט געליטן אויף מעלאַנכאָליע. די אַרבעטער פון וועג-מייסטער האָט מען געהייסן אַוועקפירן אַרינען אין סטעפּ און דאָרט ז

באַגראָבן. און ווען דאָס איז געווען אָפּגעטאָן — האָט אויף דער סטאַציע ווידער אָנגעהויבן צו הערשן אָרדנונג און רו.

און ווידער האָבן אירע אייַנוווינער אָנגעהויבן לויטן פריערדירן שטייגער צו לעבן פיר מינוט אין מעת-לעת, אַראָפּגייענדיק שיער פון זין פון אומעט, און לאַנגווייליקייט און פוסטקייט, פון היץ און נישט האָבן וואָס צו טאָן, און מיט קנאה האָבן זיי געקוקט אויף די צוגן, וואָס פלעגן זיך אַדורכטראָגן פאַרביי זיי.

...און ווינטער, ווען איבערן סטעפּ טראָגן זיך מיט אַ וואָיען און רעווען, זאַווערוכעס, באַשיטנדיק די קליינע סטאַציע מיט שניי און ווילדע טענער — איז די אייַנוווינער פון דער דאָזיקער סטאַציע נאָך אומעטיקער און נאָך נודנער צו לעבן.

א מעשה'לע

אויף יער ווערענדע פון האָטעל, דורכן טונקל-גרינעם פּאָרהאַנג פון ווייַנטרויבן-צווייגן, גיסט זיך ווי אַ גאָלדענער רעגן, די שיין פון דער זון, — גאָלדענע פעדעם זענען דורכגעצויגן אין די לופטן. אויף די גראָע קאַפּלעס פון דער פּאָדלאָגע און די ווייסע טישטוכער פון די טישן, ליגן אויסטערלישע שפּיצן-שאָטנס. און עס דאַכט זיך, אַז אויב מ'קוקט אויף זיי לאַנג, — לערנט מען זיך אויס זיי לייענען, ווי פערזן פון אַ שיר און מ'קען דאַן פאַרשטיין, פון וואָס די דאָזיקע שאָטנס דערציילן.

העגנלעך ווייַנטרויבן שפּילן זיך אויף דער זון, פונקט ווי פּערל, אָדער ווי דער אויסטערלישער טריבער שטיין אָליווין, און אין דער קאַראַפקע מיט וואַסער, וואָס שטייט אויפן טיש, שפּילן זיך בלאָע בריליאַנטן.

אינם דורכגאַנג צווישן די טישן, ליגט אַ קליין פּאַטשיילעכל פון שפּיצן. דאָס פּאַטשיילעכל האָט געוויס פאַרלאָרן אַ דאַמע און זי איז אַ געטלעך-שיינע פרוי, אַנדערש קאָן עס נישט זיין, אַנדערש קען מען גאָר נישט טראַכטן אינם דאָזיקן מילדן שטילן טאָג, פול מיט גליהענדיקן ליריזם. — אַ טאָג, ווען אַלץ, וואָס איז וואָכעדיק און לאַנגווייליק, ווערט אומזעבאַר און פאַרשווונדן פון דער זון, ווי עס וואָלט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין.

ס'איז שטיל.

נאָר די פייגל פּישטשען אין גאָרטן. די בינען זשומען איבער די בלומען און ערגעץ אויפן באַרג, צווישן די ווייַנגערטנער זיפצט הייס אַ ליד: עס זינגען צוויי: — אַ מאַנספּערשוין און אַ פרוי. יעדער קופּלעט איז אָפּגעטיילט פונם אַנדערן דורך

אַ מינוט פון שווייגן, — און דאָס גיט צו דעם ליד אַ באַזונדערע אויסדריקלעכקייט, עפּעס תּפילותדיקעס.

אָט קערט זיך די דאַמע צוריק פונם גאָרטן און הייבט זיך אויף איבער די ברייטע טרעפּ פון די מאַרמאָרנע שטיגן. דאָס איז אַ זקנה זייער אַ הויכע, — אַ טונקל שטרענג פּנים, שטאַרק אָנגעכמורעטע ברעמען, אירע דינע ליפּן זענען עקשנותדיק צונויפגעפּרעסט, ווי זי וואָלט נאָר וואָס געזאָגט:

— ניין.

אויף אירע טרוקענע אַקסלען, איז אַרויפגעוואָרפן אַ לאַנגע ברייטע פּעלערינע פון אַ גאָלדלעכן זייד, ווי אַ פּלאַשטש; די גראָע האָר, פון איר, נישט לויט איר וווּקס, קליינעם קאָפּ, זענען צוגעדעקט מיט שוואַרצע לאַנגעטן; אין איין האַנט האַלט זי אַ רויטן פּאַראַסאָל מיט אַ לאַנג הענטל, און אין דער אַנדערער—אַ שוואַרצע סאַמעטענע טאָרעבקע, אויסגענייט מיט זילבערנע פעדעם. זי גייט דורך דעם שפּינוועבס פון די שטראַלן גלייך און פעסט ווי אַ זעלנער, און קלאַפּט מיטן עק פון פּאַראַסאָל איבער די קלינגענדיקע קאַפּלעס פון דער פּאָדלאָגע. אין פּראָפיל איז איר פּנים נאָך שטרענגער: די נאָז איז פאַרבויגן, די גאָמבע — אַ שאַרפע און אויף דער גאָמבע אַ גרויסע גראָע בראָדעווקע. דער אויסגעבויגענער שטערן, העננגט שווער איבער פינצטערע גריבער, ווו ס׳זענען אין אַ נעץ פון קנייטשן, פאַרבאָרגן די אויגן. די אויגן אירע זענען באַהאַלטן אַזוי טיף, אַז די אַלטע ווייזט אויס צו זיין אַ בלינדע.

נאָך איר באַווייזט זיך שטיל אויף די טרעפּ, מיט אַ גאַנג פון אַ קאַטשקע, שאָקלענדיק זיך פון איין זייט צו דער אַנדערער, דער קוואַדראַטן [illegible] פון אַ קריפּל. דאָס איז אַ מענטש מיט אַ הויקער, מיט אַ גרויסן שווער אַראָפּגעלאָזטענעם קאָפּ אין אַ גראָער ווייכער הוט.

דער הויקער האַלט די הענט אין די טאַשן פון דער וועסט. — דאָס מאַכט אים נאָך מער ברייט און ווינקלדיק. ער טראָגט אויף זיך אַ ווייסן אַנצוג און ווייסע קאַמאַשן מיט ווייכע פּאָדעשוועס. זיין מויל איז קרענקלעך געעפנט. מ׳זעט דאָרט

נישט קיין גלייכע צײן. אויף דער אויבערשטער ליפ ביי אים שטאַרטשען אומאַנגענעמע טונקעלע שיטערע און שאַרסטקע וואָנצעס, פונקט ווי פון דראָט. ער אָטעמט אָפּט איין צוגעשטערצנגט, נאָר די נאָז זײנע ציטערט אונטער און די וואָנצעס טוען זיך נישט קיין ריר. בעת ער גייט, דרייט ער מיאוס מיט די קורצע פיס; זײנע זייער גרויסע אויגן קוקן לאַנגווײליק און מיד אויף דער ערד.

אויף דעמדאָזיקן קלײנעם גוף, איז פאַרהאַן פיל גרויסע חפצים: אַ גרויסער גאָלדענער רינג מיט אַ טייערן איידלשטיין אויפן פינגער פון דער לינקער האַנט, אַ גרויסער גאָלדענער זשעטאָן מיט צווי רובינען אויף אַ שוואַרץ בענדל, וואָס דינט אים אלס זייגער-קייטל און אין בלאָען קראַוואַט, איז פאַרײנגעשטעקט א גרויסער, אַן אַנדערער, זייער אַ טייערער איידלשטיין, וואָס גילט אַלס אַן אומגליק ברענגענדער...

און נאָך אַ דריטע פיגור קומט אַריין, נישט אײַלנדיק זיך אין דער וועראַנדע, — אויך אַ אַלטע פרוי, אַ קלײנינקע, אַ רונדע, מיט אַ גוט רויט פנים, מיט פלינקע אויגן, אַ פנים אַ פרײלעכע און רעדעוודיקע.

זיי גייען אַלע דורך די וועראַנדע אין טיר פון האָטעל, פונקט ווי מענטשן פון האַגאַרדס בילדער: נישט קיין שײנע, טרויעריקע, לעכערלעכע און אַזעלכע, וואָס אַלץ אונטער דער זון איז פאַר זיי פרעמד. — ס׳דאַכט זיך, אַז ווען מ׳טוט אויף די דאָזיקע מענטשן אַ קוק, ווערט אַלץ טונקל און טריב.

*

*

דאָס זענען האָלענדער. — אַ ברודער און אַ שוועסטער, קינדער פון אַ בריליאַנטן הענדלער, זייער פאָטער איז חוץ דעם אויך אַ באַנקיר. דאָס זענען מענטשן פון זייער אַן אויסטערלישן גורל, אויב מיר וועלן נאָר גלייבן, וואָס מען דערציילט אַזוי לעכערלעך וועגן זיי.

אין די קינדערשע יאָרן איז דער הויקער געווען אַ שטיער, אַ פאַרטראַכטער און האָט נישט ליב געהאַט קיין זאַבאַוו-

קעס; די דאָזיקע אייגנשאַפט זיינע, האָט אין קיינעם, אַ חוץ זיין שוועסטער נישט דערוועקט קיין באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט צו אים. פאָטער און מוטער האָבן געהאַלטן, אַז אַזוי דאַרף זיך טאקע אויפפירן אַ נישט קיין געראָטן קינד, אַז דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך. נאָר ביי זייער מיידעלע, וואָס איז געווען עלטער פאַרן ברודער אויף פיר יאָר, האָט זיין כאַראַקטער אַרויסגערופן אַ אומרויִק געפיל.

זי האָט מיט אים פאַרברענגט כמעט אַלע טעג, באַמיענדיק זיך מיט אַלע מיטלען צו דערוועקן אין איר ברודער אַ אינטערעס און לוסט צום לעבן, צו מאַכן אים לוסטיק און פריילעך. זי פלעגט אים אונטעררוקן זאַבאַווקעס; ער פלעגט זיי צונויפלייגן איינע אויף דער אַנדערע, בויענדיק פון זיי עפּעס פּיראַמידן, און נאָר זייער זעלטן, טוענדיק דער שוועסטער צוליב, פלעגט ער אַ שמייכל טאָן מיט אַ געצוואונגענעם שמייכל; געוויינלעך אָבער, פלעגט ער קוקן אויף דער שוועסטער, ווי אויף אַלץ אין דער וועלט, מיט אַ נישט קיין פריילעכן בליק פון זיינע גרויסע אויגן, וואָס האָבן אויסגעזען צו זיין פאַרבלענדט דורך עפּעס; דערדאָזיקער בליק זיינער פלעגט אָפּקילן איר אייפער און באַגער אויפצומונטערן דעם ברודער און פלעגט זי רייצן און פאַרשאַפן פאַרדרוס.

— זאָלסט נישט וואַגן אַזוי צו קוקן, דו הערסט! וועסט אויסוואַקסן אַ אידיאָט! — פלעגט זי שרייען, טופּנדיק מיט די פיס, און פלעגט אים דערביי קנייפן און שלאָגן. ער פלעגט פאַרשטעלן דעם קאָפּ פון די קלעפּ, אַרויפוואַרפנדיק אין דער הייך די לאַנגע הענט, אָבער קיין מאָל נישט אַנטלויפנדיק פון איר, און האָט זיך נישט געקלאָגט אויף די קלעפּ, וואָס ער פלעגט פון איר באַקומען.

שפּעטער, ווען איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער קען פאַרשטיין דאָס, וואָס פאַר איר איז שוין געווען קלאָר, פלעגט זי אים דערווייזן און אין אים אַריינטעהנען:

— אויב דו ביזט אַ פאַרזעעניש, מוזטו זען צו זיין אַ חכם, ווען נישט, וועלן מיר אַלע האָבן בזיונות צוליב דיר, — דער-

מאַטע, די מאַמע און אַלע. אפילו די דינערשאַפט וועט זיך שעמען, וואָס אין אַזאַ רייך הויז איז פאַראַן אַ קליין־פאַרזעע־ניש, אין אַ רייך הויז דאַרף אַלץ זיין שיין אָדער קלוג, — פאַרשטייסטו מיך?

— יאָ, — פלעגט ער ערנסט אָפּענטפערן, פאַרבייגנדיק זיין גרויסן קאָפּ אָן אַ זייט און קוקנדיק איר אין פּנים מיט זיין פינצטערן בליק פון נישט לעבעדיקע אויגן.

פאָטער און מוטער האָט הנאה געטון די דאָזיגע באַציונג און אַרט באַהאַנדלען פון זייער מיידעלע צו איר ברודער. זיי האָבן אין איר געגנוואַרט געלויבט איר גוט האַרץ און אומבאַמערקבאַר, איז זי געוואָרן די אָנערקענטע ערציערין און וועג־ווייזערין פונם הויקער: זי האָט אים געלערנט, ווי אַזוי זיך צו באַנוצן מיט זאַבאַווקעס, געהאָלפן מאַכן די לעקציעס, אים געלייענט מעשיות וועגן פרינצן און פעיעס.

נאָך דער הויקער האָט זיך גאָרנישט געענדערט. ער פלעגט, אַזוי ווי פריער, צונויפלייגן דאָס שפּילצייג אין הויכע קופּעס, פונקט ווי ער וואָלט זיך באַמיט דערמיט עפּעס צו דער־גרייכן און האָט זיך געלערנט נישט אויפמערקזאַם, אָן חשק, און שלעכט. בלויז די נסים פון די מעשהלעך, וואָס די שוועס־טער פלעגט אים דערציילן, האָבן אים געצווונגען נישט אַנטשידן צו שמייכלען, און אַ מאָל האָט ער די שוועסטער געפרעגט:

— צווישן די פּרינצן זענען פאַרהאַן הייקערדיקע?

— ניין, — איז געווען דער ענטפער.

— און צווישן די ריטער?

— געוויס נישט!

דאָס ייִנגל האָט מיד אַ זיפץ געטאָן, און זי, אַרויפלייגנ־דיק די הענט אויף זיינע שאַרסטקע האָר, האָט זיך אָפּגערופן:

— נאָר די קלוגע מכשפים זענען הויקערדיק!

— הייסט עס, אַז איך וועל זיין אַ מכשף! האָט הכנעה־דיק דער הויקער באַמערקט. און דערנאָך, זיך פאַרטראַכטנדיק אַ ווײַלע, האָט ער צוגעגעבן:

— און די פעעס — זענען שטענדיק שיין?

— שטענדיק.

— אַזוי ווי דו?

— ס'קען זיין! כ'מיין, — ס'זענען צווישן זיי פּאַרזאַן נאָך שענערע פון מיר, — האָט זי ערלעך געזאָגט.

ער איז שוין אַלט געוואָרן אַכט יאָר, און די שוועסטער האָט באַמערקט, אַז יעדעס מאָל, בעת זיי גייען שפּאַצירן, ווען זיי גייען אָדער פאָרן דורך פּאַרביי הייזער, וואָס האַלטן זיך אין בויען, באַווייזט זיך אויף איר ברודערס פּנים אַ קלאָרער אויס־דרוק פון וווּנדערונג. ער וווּנדערט זיך דאַן שטאַרק און קוקט לאַנג אָנגעשטרענגט, ווי מענטשן אַרבעטן ביי די געביידעס, און דערנאָך ווענדעט ער פרעגנדיק זיינע שטומע אויגן אויף איר.

— דאָס איז פאַר דיר אינטערעסאַנט? — האָט זי אים אַמאָל געפרעגט.

— יאָ.

— פאַרוואָס?

— כ'ווייס אַליין נישט.

און אַמאָל האָט ער ערקלערט:

— אַזעלכע קליינע מענטשן, קליינע ציגעלעך, און טראָץ דעם, ווערן אויסגעבויט אַזעלכע גרויסע הייזער? איז דען דאָס נישט קיין חידוש? זאָג! — אַזוי איז אויסגעבויט געוואָרן די גאַנצע שטאָט?

— נאַטירלעך.

— און אונדזער הויז?

— אויך, ווי קען עס דען אַנדערש זיין!

אַ קוק געטון אויף אים, האָט זי אַנטשידן אַ זאָג געטון:

— דו וועסט זיין אַ באַרימטער אַרכיטעקטאָר. אַט וואָס האָסט צו אַרכיטעקטור אַ שטאַרקע נטיה.

מ'האָט אים געקויפט פיל הילצערנע קוביקעס און זייט דאַמאָלס האָט זיך אין אים הייס אָנגעצונדן אַ ליידנשאַפט צו בויען; גאַנצע טעג פלעגט ער, זיצנדיק אויף דער פּאָדלאָגע פון זיין צימער, אינדערשטיל בויען הויכע טורעמס, וועלכע פלעגן מיט אַ ליאַרם אומפאַלן; ער פלעגט ווידער בויען,

ווידער אויפשטעלן טורעמס און דאָס איז נאָר אים געווען אַזוי נויטיק, אַז אַפילו ביים טיש, בעתן מיטאָג, פלעגט ער פּרוּוון עפּעס אויסבויען פון מעסערס, גאָפּל און רינגען פון די סאַלפעטן. זיינע אויגן זענען געוואָרן מער קאָנצענטרירט און טיפער און די הענט האָבן ממש אָפּגעלעבט און כסדר זיך באַוועגט טאַפּנדיק מיט די פינגער יעדע זאַך, וואָס זיי האָבן נאָר געקענט נעמען צו דער בוי־אַרבעט.

איצט, בעת די שפּאַצירונגען איבער דער שטאָדט, איז ער געווען גרייט אָפּצושטיין גאַנצע שעהן אַקעגן אַ הויז, וואָס ווערט געבויט און באַאָבאַכטן, ווי פון אַ קליינעס, וואַקסט אויס צום הימל אַ זייער גרויסעס; זיינע נאָזלעכער פלעגן דאַן ציטערן, אַריינשמעקנדיק אין זיך דעם שטויב פון די ציגל און דעם ריח פונם זידיקן קאַלך, די אויגן זענען געוואָרן שלעפעריק און האָבן זיך באַדעקט מיט אַ דינן הייטל פון אַ אָנגעשטרענגטער פאַרטראַכטקייט, און ווען מ'האָט אים געזאָגט, אַז עס פּאַסט נישט צו שטיין אינמיטן דער גאַס, האָט ער גאָרנישט געהערט וואָס מ'רעדט צו אים.

— קום! — פלעגט אים דאַן די שוועסטער וועקן, ציענדיק אים פאַר דער האַנט.

ער פלעגט אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ און גיין, אַרומקוקנדיק זיך אַלץ צוריק.

— דו וועסט זיין אַן אַרכיטעקט, יאָ? — פלעגט די שוועסטער אים פרעגן און גלייכצייטיק אים אַריינגעבן חשק דערצו.

— יאָ.

אַמאָל נאָך מיטאָג, וואַרטנדיק אין גאַסט־צימער אויף אַ טעצל קאַווע, האָט דער פאָטער אָנגעהויבן צו רעדן מכּוח דעם, אַז ס'איז שוין צייט אַוועקצוואַרפן די זאַבאַווקעס און אָנהייבן זיך צו לערנען ערנסט; נאָר די שוועסטער האָט—מיט אַ טאָן פון אַ מענטשן, וואָס זיין שכל איז אָנערקענט געוואָרן דורך אַלעמען און מיט וועלכן מ'מוז זיך רעכענען — געפרעגט:

— כ'האָף פּאַפּאַ, אַז איר האָט בדעה אים אָפּצוגעבן אין אַ לער־אַנשטאַלט, נישט אַזוי?

— פאַרוואָס טאַקע נישט?

— איר ווייסט דאָך פאַרוואָס!

אַזוי ווי ס'האָט זיך געהאַנדלט אָן אים, האָט דער הויקער בשתיקה זיך אַרויסגעשאַרט פון צימער. ער איז אַרויס נישט איילנדיק זיך און האָט געהערט ווי די שוועסטער האָט געזאָגט:

— אָבער אַלע ווען דאָך פון אים לאַכן!

— יאָ, געוויס! — האָט זיך אָפּגערופן די מוטער מיט אַ געדיכטער שטים, עפּעס אַ פייכטער, ווי אַ האַרבסט-ווינט.

— אַזעלכע ווי ער, דאַרף מען באַהאַלטן! — האָט הייס די שוועסטער געזאָגט.

— יאָ, דאָ איז נישטאָ מיט וואָס זיך איבערצונעמען! — האָט די מוטער געזאָגט. — וויפל שכל דער דאָזיקער קאָפּ פאַרמאָגט, אַ געוואַלד!

— אמת, איר זענט גערעכט. — האָט דער פאָטער מסכים געווען.

— אָבער וויפל שכל...

דער הויקער האָט זיך צוריקגעקערט, איז געבליבן שטיין אין דער טיר און געזאָגט:

— איך בין דאָך אויך נישט קיין נאַר.

— מיר וועלן שוין זען, — האָט זיך אָפּגערופן דער פאָטער, און די מוטער האָט געלאָזט פאַלן:

— קיינעם פעלט גאָרנישט אין אַזעלכעס און ענלעכעס צו דעם...

— דו וועסט זיך לערנען אינדערהיים. — האָט ערקלערט די שוועסטער, אָנידערזעצנדיק דעם ברודער לעבן זיך. — דו וועסט לערנען אַלץ, וואָס אַן אַרכיטעקטאָר דאַרף וויסן. — געפעלט עס דיר?

— יאָ. וועסט שוין זען.

— וואָס וועל איך זען?

— דאָס וואָס מיר געפעלט.

זי איז געווען אַ ביסל העכער פון אים, אויף אַ האַלבן קאָפּ, נאָר זי האָט מיט זיך פאַרשטעלט אַלץ — דעם פאָטער

אין די מוטער. צו יענער צייט איז זי אַלט געווען פופצן יאָר. ער איז געווען ענלעך צו אַ קראַב, און זי — אַזאַ דינע, שלאַנקע און קרעפטיקע — האָט אים זיך אויסגעוויזן ווי אַ פעע, וואָס אונטער איר מאַכט האָט געוווינט דאָס גאַנצע הויז און ער, דער קליינער קריפּל, האָט אויך געדאַרפט אָנערקענען איר מאַכט און מיט איר זיך רעכענען.

און אָט האָבן צו אים אָנגעהויבן צו קומען העפלעכע, קאַלטע מענטשן; זיי קלערן אים עפעס אויף, פרעגן אים אויס, און ער איז זיך פאַר זיי גלייכגילטיק מודה, אַז ער פאַרשטייט נישט די וויסנשאַפטן און קוקט קאַלט ערגעץ דורך די לערער, טראַכטנדיק וועגן זיינס. פאַר אַלעמען איז קלאָר, אַז זיינע געדאַנקען זענען געווענדעט נישט אויף דאָס געוועלעכעס, נאָר אויסער דאָס געוועלעכעס,—ער רעדט ווייניק, נאָר צייטנווייז שטעלט ער משונהדיקע שאלות:

— וואָס ווערט געטון מיט אַזעלכע מענטשן, וואָס ווילן גאָרנישט טון?

דער גוט ערצויגענער לערער, אָנגעטון אין אַ שוואַרצן, אויף אַלע קנעפּ פאַרקנעפּלטן סורדוט, דער לערער, וועלכער איז גלייכצייטיק ענלעך צו אַ גלח און מיליטער-מאַן, האָט אויף דעם געענטפערט:

— מיט אַזעלכע מענטשן קומט פאָר אַלדאָס שלעכטס, וואָס מ׳קען זיך נאָר פאָרשטעלן! אַזוי למשל, ווערן פיל פון זיי סאָציאַליסטן.

— כ׳דאַנק אייך! — זאָגט דער קריפּל.

ער האַלט זיך מיט די לערער קאָרעקט און טרוקן, ווי אַ דערוואַקסענער.

— און וואָס איז אַזוינס אַ סאָציאַליסט?

— אין בעסטן פאַל — אַ פאַנטאַזיאָר און פוילער מענטש. בכלל אָבער, איז אַ סאָציאַליסט — אַ מאָראַלישער פאַרזעעניש, וואָס האָט נישט קיין פאָרשטעלונג וועגן גאָט, וועגן אייגנטום און נאַציע.

די לערער האָבן שטענדיק געענטפערט קורץ גענוי און

פינקטלעך, זייערע תשובות פלעגן זיך לייגן אין זכרון הארט, ווי שטיינער פון ברוק.

— צו קען אַ זקנה אויך זיין אַ מאָראַלישע פּאַרזעניש?

— אָ, געוויס. צווישן זיי...

— און אַ מיידעלע?

— יאָ. דאָס איז אַ איינגעבוירענע אייגנשאפט.

די לערער פלעגן וועגן אים זאָגן:

— ער האָט שוואַכע פעיקייטן צו מאַטעמאַטיק, נאָר אַ גרויסן אינטערעס צו פראַגן וואָס שייך מאָראַל...

— דו רעדסט צו פיל. — האָט אים די שוועסטער אַמאָל געזאָגט, דערוויסנדיק זיך וועגן זיינע געשפרעכן מיט די לערער.

— זיי רעדן נאָך מער.

— און דו ריכסט אָפּ ווייניק תפילות פאַר גאָט, דאַוונסט גאָרנישט.

— ער וועט מיר נישט פאַריכטן דעם הויקער...

— אַזוי גאָר, אַזוי האָסטו שוין גאָר אָנגעהויבן צו דענקען! — האָט זי ערשטוינט אויסגעשריען און ערקלערט:

— כ'פאַרציי דיר דאָס, נאָר פאַרגעס אָן דעם און אָן אַלץ, וואָס איז ענלעך דערצו. — דו הערסט?

— יאָ.

זי האָט שוין געטראָגן לאַנגע קליידער, שוין געוועזן אַ פריילין און ער איז אַלט געוועזן דרייצן יאָר.

זייט דעם טאָג האָבן זיך אויף איר אַ שאָט געטון געדיכטע אומאַנגענעמלעכקייטן: כמעט יעדן טאָג, ווען זי פלעגט אריינקומען אין ברודערס אַרבעטס-צימער, פלעגן צו אירע פיס פאַלן עפּעס שטאַנגען, ברעטער, מכשירים, דערלאַנגענדיק איר אַ זעץ דאָ אין פלייצע, דאָ אין קאָפּ און אָפּהאַקנדיק איר די פינגער. דער הויקער פלעגט זי שטענדיק וואָרענען מיט אַ געשריי:

— היט זיך!

ער פלעגט אָבער שטענדיק פאַרשפּעטיקן מיט זיין וואָרעניש, פלעגט זי שוין אַרויסשרייען לאחר המעשה, און זי פלעגט באַקומען קלעפּ, וועלכע האָבן איר פאַרשאַפן גרויסע ווייטאָקן.

אַמאָל איז זי צוהינקנדיק צו אים, צוגעשפרונגען אַ בלאַסע, אַ בייזע, און אַ געשריי געטון אים אין פּנים:

— דו טוסט עס בכּיוון, קאַליקע! — און האָט אים דערלאַנגט אַ פּאַטש.

פּיס האָט ער געהאַט שוואַכע, — ער איז דערום אַנידערגעפאַלן און זיצנדיק אויף דער פּאָדלאָגע, האָט ער שטיל, אָן טרערן און אָן באַליידיגונג איר געזאָגט:

— ווי קענסטו אַזעלכעס מיינען? דו האָסט דאָך מיך ליב, — ס'וואָר? האָסט מיך ליב?

זי איז אַנטלאָפן, אָכצנדיק. דערנאָך איז זי געקומען זיך פאַרענטפערן און אויפקלערן איר טאַט. —

— פאַרשטייסטו מיך, — פריער פלעגט דאָס נישט פאָרקומען...

— און דאָס אויך נישט, — האָט ער רויק באַמערקט, מאַכנדיק מיט דער לאַנגער האַנט אַ ברייטן קרייז: אין די ווינקלען פון צימער זענען געווען געדיכט אָנגעשטעלט ברעטער, קאַסטענעס, אַלץ האָט געהאַט אַ כאַאָטישן אויסזען, אַ טישלערישן און טאָקערישן. אויף די וואַרשטאַטן ביי די ווענט זענען געווען פאַנאנדערגעוואָרפן האָלץ, ברעטער און שפּענער...

— צוואָס האָסטו אָנגעשלעפּט אַהער דאָס דאָזיקע מיסט? — האָט זי געפרעגט, אַרומקוקנדיק אַרום זיך מיט מיסטרוי און עקל.

— וועסט שוין זען!

ער האָט שוין אָנגעהויבן בויען: געמאַכט אַ הייזל פאַר די קראָליקעס און אַ ביידל פאַרן הונט. האָט אויסגעטראַכט אַ פּולאַפּקע פאַר ראַטן. די שוועסטער האָט מיט אייפער זיך צוגעקוקט צו זיין אַרבעט און ביים טיש האָט זי מיט שטאָלץ דערציילט דער מוטער און דעם פאָטער.

דער פאָטער האָט, צושאָקלענדיק צופרידן מיטן קאָפּ, געזאָגט:

— אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן פון קלייניקייטן און שטענדיק טאַקע הייבט זיך עס אָן אַזוי.

און די מוטער ארומנעמענדיק די טאָכטער, האָט צום זון געזאָגט:

— פאַרשטייסטו כאָטש, ווי דו דאַרפסט שעצן איר זאָרגן זיך וועגן דיר?

— יאָ. — האָט זיך אָפּגערופן דער הויקער.

ווען ער האָט געמאַכט די פּולאַפּקע פאַר ראָטן, האָט ער אַריינגערופן צו זיך די שוועסטער, און ווייזנדיק איר זיין אויפטו, געזאָגט:

— דאָס איז שוין נישט קיין שפּילעכל, אויף דעם קען מען שוין באַקומען אַ פּאַטענט! טו נאָר אַ קוק, ווי פּשוט און שטאַרק ס׳איז געמאַכט, — ריר זיך דאָ אָן!

דאָס מיידל האָט זיך אָנגערירט. עפּעס האָט אַ קנאַק געטון — און זי האָט אָנגעהויבן ווילד צו שרייען און דער הויקער האָט, שפּרינגענדיק אַרום איר געמורמלט:

— אָ, גישט יענע, גישט יענע...

ס׳איז געקומען צו לויפן די מוטער, ס׳האָבן זיך באַוויזן די משרתים. מ׳האָט צובראָכן דעם אַפּאַראַט אויף צו כאַפּן ראָטן, באַפרייט דעם צוגעקלעמטן בלאָ געוואָרענעם פינגער פון מיידל און זי אַוועקגעטראָגן אַ פאַרחלשטע. און די מוטער האָט געזאָגט:

— כ׳וועל הייסן אַלץ אַרויסוואַרפן, כ׳פאַרווער...

אין אָוונט האָט מען אים אַריינגערופן צו דער שוועסטער און זי האָט אים געפרעגט:

— דו האָסט עס געטון בכיוון, דו האָסט מיך פיינט, — פאַרוואָס?

שאָקלענדיק מיטן הויקער האָט ער שטיל און רויק געענטפערט.

— דו האָסט זיך פּשוט צוגערירט נישט מיט יענער האַנט.

— זאָגסט אַ ליגן!

— צוואָס זאָל איך וועלן דיר קאַליע מאַכן די האַנט? דאָס איז דאָך אפילו נישט יענע האַנט, מיט וועלכער דו האָסט מיר דערלאַנגט אַ פּאַטש.

— געדענק קאַליקע, אַז דו ביזט נישט קליגער פאַר מיר, אַז איך קען דיך אויסשאַקלען פון אַרבל!...

ער האָט מסכּים געווען:

— כ'ווייס עס.

ס'האָט זיך נישט געפילט, אַז ער זאָל ליב האָבן די שוועסטער און זאָל זיך האַלטן פאַר שולדיק בנוגע איר: זיין ווינקלדיק פּנים איז, ווי שטענדיק, געווען רויק, די אויגן האָבן געקוקט קאָנצענטרירט, — ס'האָט זיך אָבער געגלייבט, אַז ער איז אַ פאַרביסענער, אַ שלעכטער און קען זאָגן אַ ליגן.

נאָכדעם האָט זי אָנגעהויבן נישט אַזוי אָפט צו אים אַריינצוקומען. איר פלעגן באַזוכן חברטעס, רויטיקע מיידלעך אין פּיל־קאָלירקע קליידער, ענלעך צו היישעריקן; זיי זענען פרייליך אַרומגעלאָפן איבער די גרויסע, אַ ביסל קאַלטע און טריבע צימערן; די בילדער, סטאַטועס, בלומען און מעבל, זענען אין זייער אַנוועזנהייט וואַרעמער געוואָרן. מאַנכעמאָל פלעגט די שוועסטער קומען מיט זיי אין זיין צימער; זיי פלעגן שטאָלץ און קאָקעטיש אים אויסציִען זייערע קליינע פינגערלעך מיט ראָזיקע נעגל, [illegible]ירנדיק זיך אָן זיין האַנט אַזוי פּאָרזיכטיק, פּונקט ווי זיי האַלטן מורא געהאַט אַז זיי וועלן זי צוברעכן. גערעדט מיט אים האָבן זיי באַזונדערס ליבלעך און פיין, מיט באַוואונדערונג, אָבער אָן אינטערעס, באַקוקנדיק דעם הויקערדיקן ברודער פון זייער חברטע צווישן זיינע אינסטרומענטן, צייכענונגען, שטיקלעך הילץ און שפענער. ער האָט געוווּסט, אַז אַלע מיידלעך רופן אים „ערפינדער". — [illegible] די שוועסטער איינגערעדט, אַז ער איז אַן „ערפינדער" — און אַז אין דער צוקונפט וואַרט מען פון אים עפּעס אַזעלכעס, וואָס דאַרף באַרימט מאַכן זיין פאָטערס נאָמען. זיין שוועסטער האָט וועגן דעם גערעדט זיכער.

— ער איז, נישטאָ וואָס צו זאָגן, אַ מיאוסער, דערפאַר אָבער זייער אַ קלוגער. — פלעגט זי שטענדיק דערמאָנען.

זי איז אַלט געווען ביינצען יאָר און געהאַט אַ חתן, ווען דער פאָטער און די מוטער זענען אומגעקומען אין ים בעת אַ לוסט־רייזע אויף אַ יאַכט, וועלכער איז צוקלאַפּט געוואָרן און

איז אונטערגעגאַנגען צוליב אַ שכּורן שיפּט-קאַפּיטאַן פון אַן אַמע-ריקאַנישן משא-שיף; זי האָט אויך געזאָלט מיטפאָרן אויף דער-דאָזיקער לוסט-רייזע, נאָר פליוצלינג האָבן איר אָנגעהויבן שטאַרק ווײ צו טאָן די ציינער און זי איז אַ דאַנק דעם, געבליבן אין דער היים.

ווען ס׳איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן טויט פון איר פֿאָ-טער און מוטער, איז זי פֿאַרגעסנדיק אין איר ציין-ווייטאָק אַרומ-געלאָפן איבערן צימער און געשריגן אויפהייבנדיק די הענט און כאַפּנדיק זיך פאַרן קאָפּ:

— ניין, ניין, דאָס קען נישט זיין. אָ! אַן אומגליק אָ, אַ בראָך!

דער הויקער איז געשטאַנען ביי דער טיר, וויקלענדיק זיך אין גראָבן פֿאַרהאַנג. ער האָט אויפמערקזאַם געקוקט אויף דער שוועסטער און געזאָגט, שאָקלענדיק מיטן הויקער:

— דער פֿאָטער איז געווען אַזאַ רונדער און פוסטער— כ׳פֿאַרשטיי נישט, וויאַזוי ער האָט געקאָנט דערטרונקען ווערן.

— שווייג, שווייג בעסער. דו האָסט דאָך קיינעם נישט ליב! — האָט די שוועסטער געשריען.

— כ׳קען פשוט נישט רעדן קיין פיינע און ליבלעכע ווער-טער. — האָט ער געזאָגט.

דעם פֿאָטערס טויטן קערפּער האָט מען נישט געפונען און די מוטער איז דערהרגעט געוואָרן, נאָך איידער זי איז אַריינ-געפאַלן אין וואַסער אַריין: מ׳האָט זי אַרויסגעשלעפּט און זי איז געלעגן אין טרומנע אַ טרוקענע און ברעכעדיקע, ווי אַ טויטע צווייג פון אַן אַלטן בוים, ווי זי איז געווען בעת זי האָט געלעבט.

איצט זענען מיר ביידע געבליבן אַליין. — האָט זי שטרענג און טרויעריק געזאָגט צום ברודער, נאָך דער מוטערס לויה, אָפּרוקנדיק אים פון זיך מיטן שאַרפן בליק פון אירע גראָע אויגן.— אונדז וועט זיין שווערער, מיר קענען גאָרנישט און מיר זענען נישט צוגעגרייט צו אַ זעלבסשטענדיקן לעבן. איין גאָט ווייסט, וואָס מיט אונדז וועט געשען. אַך! סאַראַ שאָד, וואָס איך קען

נישט באַלד חתונה האָבן און מוז צוליבן טרויער אָפּלייגן מיין חופּה!

— אָ! — האָט אויסגעשריען דער הויקער.

— וואָס איז דאָס פאַר אַן אָ!?

פאַרטראַכטנדיק זיך אַ ווײַלע, האָט ער זיך אָפּגערופן:

— מיר זעבען אַליין.

— דו רעדסט עס אַזוי אַרויס, פונקט ווי ס'וואָלט דיר הנאה געטון און דיר פאַרשאַפן פרייד.

— מיר פרייט קיין זאַך נישט און קיין זאַך טוט מיר נישט קיין הנאה.

— דאָס איז אויך אַ שאָד, אַ גוטע שאָד! דו ביזט שרעק־לעך ווייניק ענלעך צו אַ לעבעדיקן מענטשן.

אין אָוונט פלעגט קומען איר חתן, — אַ קליינער פלינקער מענטשל, אַ ווייס־ברעמעדיקער, מיט פוכיקע וואָנצעס אויף אַ אָפּ־געברענט קײַלעכיקן פּנים; ער פלעגט כּסדר לאַכן, לאַכן אָן אַן אויפהער דעם גאַנצן אָוונט און האָט, אַ פּנים געקאָנט לאַכן אַ גאַנצן טאָג. זיי זענען שוין געווען חתן־כּלה, שוין געשריבן תּנאָים און פאַר זיי האָט מען געבויט אַ ניי הויז, אויף איינער פון די בעסטע גאַסן אין שטאָדט, — אויף דער ריינסטער און שטילער גאַס.

דער הויקער איז קיינמאָל נישט געווען אויפן אָרט ווי דאָס נייע הויז האָט זיך געבויט פאַר זײַן שוועסטער און קינפטיקן שוואָגער און האָט נישט ליב געהאַט צו הערן ווען מ'האָט גע־רעדט וועגן דעמדאָזיקן הויז. דער חתן האָט אים געקלאַפּט איבער די פּלייצעס מיט זײַן קליינער פוכקער האנט, מיט רינגען אויף איר און געזאָגט, ווייזנדיק זײַנע קליינע ציין.

— וואָלסט געדאַרפט גיין אַ קוק טון אויף דעם. אַ, וואָס מיינסטו?

ער האָט זיך לאַנג אָפּגעזאָגט דאָס צו טון אונטער פאַר־שידענע תּירוצים און אויסריידן. ענדלעך האָט ער אים נאָכגע־געבן און איז אַוועק אַהין מיט אים און מיט דער שוועסטער, און ווען זיי ביידע דער חתן און ער, זענען אַרויף אויפן אוי־

בערשטן יאָרוס פון די רושטאָוואַניעס, זענען זיי ביידע פון דאָרט אַראָפּגעפֿאַלן: דער חתן גלייך אויף דער ערד אין אַ קאַסטן מיט קאַלך און דער ברודער האָט זיך פֿאַרטשעפּעט מיט די קליידער אָן די רושטאָוואַניעס און איז געבליבן הענגען אין די לופֿטן. די מולאַזשעס האָבן אים פֿון דאָרט אַראָפּגענומען. ער האָט זיך אויסגעלענקט אַ האַנט מיט אַ פֿוס און זיך צעקלאַפּט דאָס פּנים. דער חתן אָבער, האָט זיך צעבראָכן דעם חוט-השדרה און זיך געפּײַנט אַ זייט. קורץ נאָכדעם איז ער געשטאָרבן.

די שוועסטער האָט זיך געוואָרפֿן אין קראַמפּן, מיט אירע הענט האָט זי געדראַפּעט די ערד פֿון פֿאַרצווייפֿלונג און לאַנג ביטער געוויינט. זי האָט געוויינט אַזוי מער ווי אַ חודש צייט, און דערנאָך איז זי געוואָרן ענלעך צו איר מוטער: זי איז געווען דאַר און אויסגעצויגן און אָנגעהויבן רעדן מיט אַ פּייכטער קאַלטער שטים:

— דו ביזט מיין אומגליק! וואָס האָסטו זיך אָנגעלייגט אויף מיינע יונגע יאָרן?

דער ברודער האָט געשוויגן. טאַכנדיק זיך, ווי ער וואָלט נישט געהערט אירע ווערטער און אַראָפּלאָזנדיק זיינע גרויסע אויגן צו דער ערד.

די שוועסטער האָט זיך אָנגעטון אין שוואַרצע קליידער, האָט צונויפגעצויגן די ברעמען אין איין ליניע און באַגעגנדיק דעם ברודער, פֿלעגט זי צונויפּפּרעסן די ציינער אַזוי שטאַרק אַז די קינבאַקן אירע פֿלעגן זיך אַרויסרוקן אין שאַרפֿע ווינקלען; און ער האָט זיך באַמיט, זיך נישט צו טרעפֿן מיט דער שוועסטער און איר נישט אַריינפֿאַלן אין די אויגן, און פֿלעגט אַלץ צוזאַמענשטעלן עפּעס צייכנונגען, אַן אייבזאַמער און אַ שווייגנדיקער.

אַזוי האָט ער געלעבט ביז דער סאַמער צייט, ווען ער איז געוואָרן פּוליעריק, זייט דעם טאָג האָט זיך צווישן אים און זיין שוועסטער אָנגעהויבן אַן אָפֿענער קאַמף, וועלכן זיי האָבן אָמעקגעגעבן זייער גאַנץ לעבן, — אַ קאַמף, וואָס האָט זיי צונויפגעבינדן מיט שטאַרקע רינגען פֿון קעגנזייטיקע באַליידיגונגען.

דעם טאָג, וואָס ער איז געוואָרן פֿוליעריק, האָט ער געזאָגט צו דער שוועסטער מיט אַ טאָן פֿון אַן׳עלטערן:

— ס׳גיבט נישט קיין חכמים קיין מכשפים, קיין גוטע פעעס, ס׳זענען פאַראַן בלויז מענטשן, איינע — זענען גוטע, אַנדערע — נאַרישע. און אַלץ, וואָס מ׳דערציילט וועגן גוטס — איז נישט מער ווי אַ מעשהלע! אַן׳אויסגעטראַכטע מעשהלע! גאָר איך וויל, אַז די דאָזיקע מעשהלע זאָל זיין אַ ווירקלעכקייט. געדענקסט, ווי דו האָסט אַ מאָל געזאָגט: „אין אַ רייך הויז דאַרף אַלץ זיין שיין אָדער קלוג״? און איך זאָג, איך בין געקומען צו דער איבערציייגונג, אַז אין אַ רייכער שטאָט דאַרף אויך אַלץ זיין שיין און עסטעטיש. איך קויף אַ גרויסן פלאַץ פֿון יענער זייט שטאָט און וועל דאָרט בויען אַ הויז פאַר זיך און פאַר קאַליקעס און פאַרזעעניש, אַזעלכע ווי איך; כ׳וועל זיי אַרויספירן פֿון דערדאָזיקער שטאָט ווו ס׳איז זיי זייער שווער צו לעבן, און ווי אַזעלכע ווי דו איז נישט אָנגענעם אויף זיי צו קוקן...

— ניין, — האָט זי געזאָגט. — דו וועסט עס געוויס נישט טון! דאָס איז אַ משוגענער איינפאַל, אַ נאַרישע פאַנטאַזיע!

— דאָס — איז דיין אידעע, דיין ווונטש.

זיי האָבן זיך געאַמפּערט איינגעהאַלטן און קאַלט, ווי עס אַמפּערן זיך מענטשן, וואָס האָבן זיך איינער דעם אַנדערן שטאַרק פיינט, ווען זיי האָבן נישט בייטיק צו האַלטן פאַרבאָרגן די דאָזיקע שנאה.

— דאָס איז באַשלאָסן! איך וועל עס טון! — האָט ער אַנטשידן געזאָגט.

— נישט איך האָב עס באַשלאָסן! — האָט זיך אָפּגערופן די שוועסטער.

ער האָט אַ הייב אויף געטון דעם הויקער און איז אוועקגעגאַנגען; און קורץ נאָכדעם האָט די שוועסטער זיך דערוווּסט, אַז דער פלאַץ אויסער דער שטאָט איז שוין געקויפט און — נאָך מער — אַז די אַרבעטער גראָבן שוין אַ קאַנאַווע פאַרן

פונדאַמענט, אַז צענדליקער פורן ברענגען צו פירן ציגל, שטיינער, אייזן און האָלץ.

— דו פילסט און האַלסט זיך נאָך אַלץ ווי אַ ייִנגל? — האָט זי געזאָגט, — דו מיינסט, אַז דאָס איז אַ מין שפּיל?

ער האָט געשוויגן.

איין מאָל אַ וואָך, פלעגט זיין שוועסטער, אַ טרוקענע, שלאַנקע און שטאָלצע — צופאָרן אויף אַ קליינעם קאָטש פון יענער זייט שטאָט, אַליין טרייבנדיק דאָס ווייסע פערד און פאַמעלעך דורכפאָרנדיק — פאַרביי דעם אָרט, וווּ ס'האָט זיך געבויט דאָס הויז. זי האָט זיך קאַלט צוגעקוקט, ווי דאָס רויטפלייש פון די ציגל בינדט זיך צונויף דורך די טרוקענע אָדערן פון די אייזערנע בעלקעס, און ווי דאָס געלע געהילץ לייגט זיך אין דער שווערער מאַסע ווי נערוון־פעדעם. זי פלעגט פון דערווייטן זען די פיגור פון איר ברודער ענלעך צו אַ קראַב; ער פלעגט קריכן איבער די רוסטאָוואַניעס מיט אַ שטעקל אין דער האַנט, אין אַ צוקנייטשטן הוט, אַ שטויביקער און גראָער, פונקט ווי אַ שפּין; דערנאָך, אינדערהיים, פלעגט זי זיך שטאַרק איינקוקן אין זיין אויפגערעגט פּנים, אין די טונקעלע אויגן. — די אויגן זיינע זענען לעצטנס געוואָרן ווייכער און קלאָרער.

— ניין, — פלעגט ער שטיל זאָגן, — כ'האָב גוט אויסגעטראַכט, דאָס איז אַ גוטע המצאה, גוט סיי פאַר אייך און סיי פאַר אונדז! דאָס איז אַ ווונדערבאַרע זאַך, — דאָס בויען. און מיר דאַכט זיך, אַז אינגיכן וועל איך זיך קענען האַלטן פאַרן גליקלעכסטן מענטשן...

— אַ גליקלעכן?

— יאָ! ווייסט, — אַז מענטשן, וואָס אַרבעטן, זענען לגמרי נישט ענלעך צו אונדז; זיי דערוועקן באַזונדערע געדאַנקען... ווי גוט, ווייזט אויס פילט זיך דער מוליאַזש, דורכגייענדיק איבער די גאַסן פון דער שטאָט, וווּ ער האָט אויסגעבויט צענדליקער הייזער!... צייטנווייז דאַכט זיך מיר, אַז מיר קענען נישט גוט אונדזער פאָלק...

— דו רעדסט אַזוי אויסטערליש, — האָט זי באַמערקט.

דער ברודער מיטן הויקער, איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ לעבהאַפטער און אַלץ רעדעוודיקער.

— אין תּוך גענומען, — האָט ער געזאָגט צו דער שוועסטער, — גייט דאָך אַלץ אַזוי, ווי דו האָסט געוואָלט: אָט ווער איך אַ קלוגער מכשף, באַפרייענדיק די שטאָט פון קאַליקעס און פאַרזעענישן, און דו וואָלסט געקאָנט, ווען דו וואָלטסט נאָר געוואָלט, זיין אַ גוטע פעע! פאַרוואָס ענטפערסטו נישט?

— מיר וועלן נאָך וועגן דעם רעדן, — האָט זי זיך אָפּגערופן, שפּילנדיק זיך מיטן גאָלדענעם קייטל פון איר זייגערל.

אַמאָל האָט ער צו איר אָנגעהויבן רעדן מיט אַ שפּראַך, וואָס איז פאַר איר געווען לגמרי אומבאַקאַנט. מיט אַזאַ שפּראַך האָט זי ביז דאַמאָלט אים נאָך קיינמאָל נישט געהערט רעדן.

אָט וואָס ער האָט צו איר געזאָגט:

— ס'קען זיין, אַז איך בין בנוגע דיר מער שולדיק, ווי דו קענסט מיר.

זי האָט זיך געוווּנדערט.

— איך בין שולדיק! איך האָב בנוגע דיר ווען ס'איז נישט גוט געהאַנדלט?

— וואַרט! מיין ערן וואָרט, אַז איך האָב בנוגע דיר נישט אַזוי שלעכט געהאַנדלט, ווי דו שטעלסט זיך צו פאָר! איך גיי דאָך שלעכט אויף די פיס; ס'קען זיין, אַז אַ דאַנק מיין שלעכטן גאַנג און דעם, וואָס איך שטעל די פיס נישט ווי ס'געהער צו זיין, — האָב איך דיין חתן דאַן געגעבן אַ שלעפּ, און גורם געווען אַזאַ אומגליק, נאָר דאָ איז נישט געווען קיין בייזע כוונה; כ'שווער דיר באמונות, אַז איך האָב עס נישט געהאַט בדעה צו טון. אויב איך בין שוין יאָ אין עפּעס שולדיק, איז דאָס, — וואָס איך האָב געוואָלט קאַליע מאַכן די האַנט, מיט וועלכער דו האָסט מיר דערלאַנגט אַ פּאַטש.

— לאָמיר וועגן דעם נישט רעדן! — האָט זי געזאָגט.

— מיר דאַכט זיך, אַז מ'דאַרף זיין מילדער און בעסער— האָט געמורמלט דער הויקער. — איך האַלט, אַז גוטסקייט איז

נישט קיין מעשהלע, נישט קיין אויסגעטראַכטע זאַך, נאָר אַ זאַך, וואָס קען באמת עקזיסטירן און זיין אין דער ווירקלעכקייט.

* *

*

דער זייער גרויסער בנין אויסער דער שטאָט איז גע־וואַקסן מיט אַ גרויסער שנעלקייט, געוואַקסן אין דער לענג און אין דער ברייט איבער דער נעמער ערד און זיך אויפגע־הויבן צום הימל, צום שטענדיק גראָען הימל, וואָס דראָט שטענ־דיק מיט רעגן.

אַמאָל איז צו דער אַרבעט אויף דער געביידע געקומען אַ הייפל אָפיציעלע מענטשן, רעגירונגס־באַאמטע: זיי האָבן געקוקט אויף דאָס אויסגעבויטע הויז און ריידנדיק עפּעס צווישן זיך אין דער שטיל, האָבן זיי פאַרבאָטן צו פאַרענדיקן די געביידע

— דאָס האָסטו אָפּגעטון! דאָס איז דיינס אַ שטיקל אַר־בעט. — האָט דער קריפל אָנגעהויבן ווילד צו שרייען און זיך אַ וואָרף געטון אויף דער שוועסטער, אַ כאַפּ טוענדיק זי פאַרן האַלדז מיט זיינע לאַנגע קרעפטיקע הענט.

ס'האָבן זיך אָבער פון עריגעץ באַוויזן פרעמדע מענטשן, וועלכע האָבן אים אָפּגעריסן פון איר, און די שוועסטער האָט צו זיי געזאָגט:

— איר זעט, מיינע הערן, אַז ער איז ווירקלעך נישט נאָרמאַל, אַז ער איז מסוגל מי יודע וואָס אָפּצוטון, און אַז ס'איז נייטיק אַנ'אַפּוטרופּסות פאַר אים. דאָס האָט זיך מיט אים אָנגעהויבן באַלד נאָכן פאָטערס טויט. ער האָט דעם פאָטער שטאַרק ליב געהאַט און דעם פאָטערס טויט האָט געהאַט אויף אים אַזאַ פאַטאַלע ווירקונג. פרעגט די דינער, זיי וועלן אַלע וועגן זיין קרענק. זיי האָבן ביז איצט געשוויגן, נישט געוואָלט וועגן דעם דערציילן, ווייל זיי זענען גוטע מענטשן, און פאַר זיי איז געווען טייער דער כבוד און די שיינע רעפּוטאַציע פון אונדזער פאַמיליע און הויז, ווי פיל פון זיי לעבן פון די קינ־דערשע יאָרן אָן. איך האָב אויך ביז איצט, געהאַלטן פון אַלעם

פארבאָרגן דאָס אומגליק; נישטאָ וואָס ... ...געמען, ווען דער ברודער דייגער איז אַ משוגענער.

ביי אים איז בלוי געוואָרן דאָס פנים און די אויגן האָבן זיך אַרויסגערוקט פון די אויגן־לעכער. בעת ער האָט געהערט די דאָזיקע רייד; ער האָט אָנגעוואָרן דאָס לשון און שווייגנדיק האָט ער געדראַפּעט די הענט פון די מענטשן, וואָס האָבן אים געהאַלטן פאַר די הענט און אַקסלען. און זי האָט ווייטער גערעדט:

— דער רעיון מכח דעם הויז, וואָס איך האָב בדעה אוועקצוגעבן דער שטאָט אויף אַ פּסיכיאַטרישער אַנשטאַלט, צום אָנדענקן פון מיין פאָטער, דער דאָזיקער רעיון, וואָס האָט איינגעשלונגען אַזוי פיל געלט...

ער האָט אָנגעהייבן צו קוויטשען, איז געפאַלן חלשות, און מ׳האָט אים אַוועקגעפירט.

* *

*

די שוועסטער האָט פאַרטגעזעצט בויען דאָס הויז און עס פאַרענדיקט מיט דער זעלבער שנעלקייט, מיט וועלכער דער ברודער האָט עס געבויט, און ווען דאָס הויז איז שוין געווען אינגאַנצן פאַרטיק און איבערגעגעבן געוואָרן דער שטאָט אַלס מתנה פאַר אַ משוגעים־הויז, איז אַהין אַלס ערשטער פּאַציענט, אָנגענומען געוואָרן איר ברודער, דער הויקער.

זיבן יאָר האָט ער דאָרט פאַרבראַכט — גאַנץ גענוג צייט, כדי פאַרוואַנדלט צו ווערן אין אַ אידיאָט. ביי אים האָט זיך אַנטוויקלט אַ מעלאַנכאָליע. און זיין שוועסטער איז פאַר דער דאָזיקער צייט פאַרעלטערט געוואָרן, האָט אָנגעוואָרן, יע־דע האָפענונג צו ווערן אַ מאַמע. און ווען זי האָט, ענדלעך, דערזען, אַז איר שונא, דער ברודער, איז שוין אַ דערהרגעטער און וועט שוין קיין תחית המתים נישט אויפשטיין, — האָט זי דאַן ערשט אים גענומען צו זיך אויף אַפּוטרופּסות.

* *

*

...און אָט דרייען זיי זיך ארום איבערן ערד קוגל אַהין און אַהער, ווי פייגל, וואָס מ׳האָט בלינד געמאַכט, און קוקן אויף אַלץ זינלאָז און אָן פרייד און אין ערגעץ זעען זיי גאָרנישט. אַ חוץ זיך גופא.